STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00054

MUNTERGANG

Yosel Cutler

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Philip Cutler & Ruth Cutler Murray
in memory of
Louis & Gittel Cutler and Rose Cutler Helfand

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



יאָסל קאָטלער
מונטערגאַנג

צווייטע אופלאַגע
(קאָרעגירט.)

בילדער און
אילוסטראַציעס
פון אויטאָר

MUNTERGANG

by YOSEL CUTLER

Copyright, 1934
New York

Myold Printing Co., Inc.
161 Grand St., New York

מונטערגאַנג

אינהאַלט:

מונטערגאַנג.

מיין פילאָזאָפישער וועשער — 5
בריליאַנטענע אידעלעך — — 13
געצלבערג — — — — — — — — 18
סאָווקאַרטעס — — — — — — 44
מאַרס — — — — — — — — 68
ערעוו פייסעך — — — — — — 93

קאָמעדיע

אַרויס און אַריין — — — — 101
פריוטיקצונאַבטס — — — — 114
יאָמקיפּער דער יאָם־פּיקעט — 120
ער וויל וויסן דעם עמעס — 125

פאַר קינדער פון 8 ביז 88 יאָר

מיט אַ נאָז און אָן אַ נאָז — 131
באַם פענצטער — — — — 132
דאָס גוטע בילד (רעטעניש) — 133
... ששש . . . — — — — 135
מיר ווערן פּיאָנערן — — — 136
דער קאָטער פון בראָנזוויל — 137
אין דעם קיניגרייך פון מילבן 143

שריי און שטיל לעבן

בילדער — — — — — — 151-176

מונטערקלאַנג

סימכע מיט זיין אידענע — 179
פּאַרטיזאַנישע ליבע — — 180
נעקסט — — — — — — — 181
ס'איז דאָ — — — — — — 183
סימכע ב'רעב קריזים — — 185
ער האָט געוואַרט — — — — 187
נישקא — — — — — — — 189
באָט — — — — — — — 191
גלאָסאַר — — — — — — — 192


EX LIBRIS

מײַן פֿילאָזאָפֿישער װעשער

מײַן טיר האָט זיך געעפֿנט און אָט איז אַרײַנגעקומען מײַן פֿאַראַיאָריקער װעשער, אַן אָנגעלײגטער גאַסט. — שאָלעם אַלײכעם.

— זאָג איך, — כאַװער „לאָנדרימאַן”! װאָס מאַכט איר, װאָס טוט איר?

— פֿרעגט שױן גאָרנישט, — ענטפֿערט ער. — ס'איז פּונקט װי איר װאָלט פֿרעגן אַ קאַטאַרזשאַן װי עס געפֿעלט אים דער שײנער װעטער אינדרױסן. װאָס־זשע מאַכט א י ר, מיסטער קאָטלער? װאו זענט איר געװען דעם גאַנצן זומער?

— איך, — זאָג איך, — האָב דעם זומער פֿאַרצוקערט אַף אַ גרינעם באַרג מיט זיסער לופֿט, און אָנגעשריבן אַ קלײן ביכל מיט די גרעסטע קלײניקײטן אין דער װעלט. װאו האָט א י ר אַהינגעטאָן אַזאַ טײַערן זומער? אַ זומער אַזאַ מיט אַזױנע פֿרישע זיסע זון־טעג, מיט נײַ גרין הײ, מיט אַלע קילע װײַכע װײַבערס, װאָס אַ „לאָנדרימאַן” דאַרף האָבן נײטיק דורכצומונטערן זײַן פֿאַרשװיצטן געזונט.

— איך, — זאָגט דער „לאָנדרימאַן”, — האָב אױסגעפּרעסט דעם גאַנצן זומער אַף דער זעלבער ביגל־ברעט, װאָס איך פּרעס אַלע הײסע מינוטן פֿון מײַנע מיטעלע יאָרן. אײַך קער זײַן גוט, רעדט איר מיט גרינע זיסע פֿליטערלעך. באַ מיר איז פּראָסט, און פּאָטער אַן אײַסעק. אַ הײס שטיקל ברױט מיט שװײס, אַ שװער שטיקל ברױט מיט טױט. מיט גערוך פֿון שמוציק װעש, מיט הײסער צעבער זײף־װאַסער, מיט געפּלאַצטע פֿינגער. אָן גרינע בערגלעך, אָן זיסער לופֿט, אָן זון און אָן שמון! ס'איז אַזױ די מאַיסע: פּרעס און עס, נישט פּרעס — נישט עס. און זאָגט מיר, איך בעט אײַך, באַ אײַך קװאָקעט עפּעס ס'װײַב?

איך ענטפער: — ס'קען זיין אַז זי קוואָקעט ערגיץ, דערווייל ווייס איך נאָך נישט ווער מיין ווייב איז.

— אייך איז גוט, מיסטער קאַטלער, איר ווייסט נישט ווער אייער ווייב איז. אָבער איך ווייס יאָ. באַ מיר קוואָקעט זי שוין מיטן פערטן פעמפּיק אין בויך. זי האָט שוין קאַקויכניט צו פאַרבינדן אַ „באַנדל״ אַפילע.

— נו, — זאָג איך, — דאַרפט איר קריגן אַ מענטשן, וואָס זאָל אייך אַרויסהעלפן.

— אָ, — זאָגט ער, — איך האָב. איך האַלט דעם דאַלעס „סטעדי״. ער וועט נישט אוועקגיין פון מיר, ווען מע גילט אים אָפּ. ס'הייסט אַרבעטען קען ער נישט דער דאַלעס, אָבער ער איז מיין קאַסירער. אייך איז גוט, מיסטער קאַטלער, איר זענט אַ קינסטלער.

— איר מיינט, זאָג איך, אַז צו ווערן אַ קינסטלער איז עפּעס אַ שפּילכל? ס'איז נישט אַזוי גרינג. אָנגעהויבן כאַפּן פּעטש פאַר קונסט האָב איך אָנגעהויבן נאָך איידער איך האָב געקאָנט שטיין אַף די פיסלעך. אָנגעהויבן מאָלן מענטשעלעך האָב איך, ווען איך האָב אויפגעהערט זויגן.

:: ווען די מאַמע האָט מיך געוואָלט אַנטווינען, האָט זי באַשמירט ס'ניפּל פון דער ברוסט מיט סמאָלע, פלעג איך זיך פאַרמורזשען ס'מויל, אַרופקריכן אַפן בעט און אַף די ווייסע קישנס אויסקושן שוואַרצע מענטשעלעך. דאָ קומען פּעטש נומער איינס.

:: ווען איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך אויסגעמאָלן אַ גאַלעך אַף מיין מעלאַמעדס מאַכזער. פּעטש נומער צוויי.

:: איך האָב אויך געכאַפּט פלאַמענדיקע פּעטש פון אַ פרומען אידן, אין ביסמעדריש, ווייל אין מיזרעך־וואַנט האָט געשטעקט אַ קליין טשוועקל. דאַרויף פלעגט דער איד אופהענגען ס'היטל. האָב איך דאָס טשוועקל אַרויסגעצויגן און אויסגעמאָלן מיט פאַרב אַ טשוועקל אַפן זעלבן אָרט. איך האָב זיך באַהאַלטן אונטער אַ שטענדער און געוואַרט אַף אים. און אָט איז ער געקומען, ער גאַרטלט זיך אונטער פּאַוואָליע, הויבט אונטער ס'היטל און פּראַוועט אַרויף די יאַרמעלקע, און ווי שטענדיק, נישט קוקנדיק

אפילע, טוט ער אַ הענג ס׳היטל אַפן „טשוועקל״. ס׳היטל איז אַראָפּגעפאַלן. ער וואונדערט זיך, טראַכט, מינעסטאַם נישט געטראָפן אַפן טשוועקל. ער הויבט אוף ס׳היטל פּונקט איבערן „טשוועקל״ זייער פאַרזיכטיק, לאָזט עס אַראָפּ, אהאַ! ס׳היטל קנאַק אַף דרערד. ער טאַפּט מיטן האַנט: ס׳איז גלאַט. דאָ קומען פּעטש נומער דריי.

:: ס׳איז געווען מיין גליק, וואָס איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אין זיין באָרד, כאָטש ער האָט געהאַט זייער אַ בעקאָוועדיקע באָרד. נאָר ווי גייט דאָרט ס׳ווערטל: אַז מען טרינקט זיך, כאַפּט מען זיך אָן אָן אַ האָר.

— איך וועט זיך מיט אייך, — מאַכט דער „לאַנדרימאַן״, אַז אַזאַ טשוועקל אין אַמעריקע האָט די ווערט אַ שיינע פּוטולער.

איך דערקלער אים אַז דאָס איז נישט דאָס איינציקע טשוועקל, וואָס האָט זיך מיר געשטעלט אין וועג פון קונסט. מיט אַ פּופצן יאָר צוריק האָט אַ גאַלעך מיר באַשטעלט צו מאָלן דעם יויזל באַ אים אין ביבליאָטעק. האָב איך אויסגעמישט אַ ביסל גאָלדענע פאַרב אין אַ שיסעלע אַף אונטערשמירן די שבינע הינטערן יויזלס קאָפּ. איז צוגעקומען אַ קעצל, האָב איך דעם אַ שמיר געטאָן איבערן נעזל. קיין פּעטש דערפאַר האָב איך נישט געכאַפּט. איך בין שוין נישט געווען קיין אינגעלע און האָב זיך מער נישט גע־נויטיקט אין קיין פּעטש, נאָר אין אַרבעט. נו, האָט מען מיר אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. אָט האָט איר אייך קונסט!

— דאָס, — זאָגט דער „לאַנדרימאַן״, — איז אייער אייגענע שולד.

איך דערקלער אים, אַז איך ווייס נישט ווער ס׳וואָלט זיך געקענט איינהאַלטן נישט אַ שמיר טאָן, ווען מען האַלט אַ בער־שטעלע, און ס׳קעצל קומט צו און שטעלט אַליין אונטער ס׳נעזל. אָבער ס׳איז נישט אַזוי שלעכט זיך צו ראַנגלען מיט דער קונסט. מע כאַפּט זי אָן פאַרן פּיסל און ס׳גייט אַ גאַנג. מיטן הונגער אָבער אַז מען ראַנגלט זיך, איז מען איינגעשטעלט מיטן לעבן. כ׳האָב שוין געהאַט אַזעלכע הונגעריקע טעג, אַז איך פלעג זיך מיט אַ שטיקל קרייד אויסמאָלן אַ ווינער וואורשטל אַפן טיש,

געטאָן אַ ביס ברויט און אָפּגעמעקט אַ שטיקל וואורשט מיטן האַנט. אַ ביס און אַ מעק, אַ ביס און אַ מעק! דער קריידען־וואורשט האָט מיר אַזוי פאַרשאַט, אַז איך האָב שוין קיין קויעך נישט געהאַט אַראָפּצוטרייבן אַ פליג פון דער נאָז.

— אָבער איצט, — זאָגט דער „לאָנדרימאַן", — האָט איר שוין איינגעביסן דעם קונסט־קריזיס און זיך אַרופגעאַרבעט מיט אַ בודן זייער פיין, זייער פיין. ווען איך בין געווען „סינגל", פלעג איך אויך אונטערשרייבן.

:: איך פלעג נאָר זוכן דעם עמעס. כ'האָב געקלאַפּט אין טירל פון מיין האַרצן: העי, עמעס, וואָס שלאָפסטו? כ'האָב געוואָלט אַרויסנאַרן פון האַרץ כאָטש אַ קליין פיצל נאַקעטן עמעס, איז אָבער דער עמעס אַזוי פאַרשלייערט מיט זיין נאַקעטקייט, אַז ס'איז אים אוממעגלעך צו דערקענען אָן אַ קאַפּעליוש. אָט האָט איר אַ פאַרגלייך: ס'האָבן זיך געבאָדן קינדערלעך אין אַ בעלעמער וואַסערל, זענען געשטאַנען צוויי פילאָזאָפן און האָבן געקוקט. פרעגט איינער: ווער באָדט זיך דאָ, אינגלעך אָדער מיידלעך? ענטפערט דער צווייטער: ווי אַזוי קען מען וויסן, — אַז זיי זענען נאַקעט!

:: די היינטיקע פאַלשע וועלט איז אַ קנאַפּער מייוון אַף נאַקעטער נאַקעטקייט, און דערפון טאַקע גייט אַרום די גערעכטיקייט אַזוי ווי אַ נעכטיקע. אָט האָט איר אַ פאַרגלייך: דער פּאָליסמאַן האָט געבראַכט פאַרן ריכטער צוויי פאַרשוינען, אַ „גענגסטער" מיט אַ שלימאַזל. דער שלימאַזל האָט זיך צוגעהאַלטן די באַק און געטאַינעט, אַז דער „גענגסטער" האָט אים דערלאַנגט מיטן האַנט אין באַק. דער „גענגסטער" האָט זיך צוגעהאַלטן די האַנט און געטאַינעט, אַז דער שלימאַזל האָט אים דערלאַנגט מיטן באַק אין האַנט. האָט דער ריכטער דעם שלימאַזל אויסגעזידלט: קריך נישט מיט דיין באַק צו יענעם אין האַנט אַריין!

:: מיטן עמעס איז גרינג צו בלאָפן אַזוי ווי מיט עמעסע באָרד־און־פּייעס (נישט קיין אָנגעקלעפּטע). שפּינאָזע אָדער מיין זיידע, דאַכט זיך, האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אַ בלינדער וועט גיכער טרעפן אין אַ גרוב אַריין ווי אַ זעענדיקער. און ווייסט

איר וואָס א י ך וועל אייך זאָגן, מיסטער קאָטלער, אַז דער פילאָזאָף, וואָס האָט געזוכט באַטאָג דעם עמעס מיט אַ לאַמטערן, איז אויך געווען אַ גוטער יאָלד.

:: באַ יעדן קאַבצן וואַלגערט זיך דער עמעס אונטער די פיס, סיי באַטאָג און סיי באַנאַכט און קיין קאַבצאָנים פעלן נישט, טאָ וואָס־זשע איז די זוכעניש? אַ נאָגיד באַדאַרף דעם עמעס אָף קאַפּאָרעס, ווייל ער האָט עמעסע גאָלד און בריליאַנטן. דערפאַר אָבער, זעט איר, מיסטער קאָטלער, ווען אַ קאַבצן איז נאָך אַ ליגנער אויך, האָט ער נישט די ווערט אַ פּעטרישקע. ווייל ס׳איז אַזוי די מאַיסע: קיין דימענטן האָט ער נישט, קיין געלט אויך נישט, און אויב ער האָט נישט קיין וואָר וואָרט, טאָ וואָס־זשע האָט ער?

:: דער אָרימאַן איז פאַראורטיילט זיך צו וואַרגן מיטן ביטערן עמעס. אָבער ביטער און פינצטער וועט ווערן דעם נאָגיד, ווען דער אָרימער עמעס וועט אים אָננעמען באַם גאָרגל און אים אַ קוק טאָן גלייך אין די אויגן אריין!

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם אָטעם, האָב איך אַ כאַפּ געטאָן דאָס וואָרט:

— כאָטשע „לאָנדרימאַן”, איר ווייזט אויס צו זיין אַ גאַנצער רעוואָלוציאָנער!

— ווי דער בער! — ענטפערט דער „לאָנדרימאַן” שנעל. — איר מיינט, אַז דעם בער ליגט אינזינען זיך לערנען טאַנצן? נאָר דער בערן־טרייבער שטופּט אים אַרוף אָף אַ הייסער בלעך, מוז ער טאַנצן! מיט מיר איז דאָס נעמלעכע. איר מיינט אַז אַזאַ איד ווי איך, מיט אַ ווייב און קינדער, מיט אַ שלימאַזלדיקער „לאָנדרי”, ליגט מיר רעוואָלוציעס אין קאָפּ? נאָר מען שטופּט מיך אַרוף אָף אַ הייסער בלעך. מיינע פּיאַטעס זענען אויך נישט פון גראַניט. און כאָטש איך בין אַליין (אָן ארבעטער) אַ שטיקל „באָס”, אַ קליינבירגער, פונדעסטוועגן וויל איך רעוואָלוציע. איך וויל רעוואָלוציע.

ער האָט זיך אַ צי געטאָן די הויזן, האָב איך אַ צי געטאָן ס׳וואָרט: — ווייסט איר, — זאָג איך, — אַז אַ רעוואָלוציע איז נאָר פאַר די ארבעטער און נישט פאַר די באַלעבאַטים. קאַרל

מארקס זאָגט 'טאַקע, אַז אין אַ רעוואָלוציע האָט דער אַרבעטער גאָרנישט צו פאַרלירן בויז זיינע קייטן.

דער „לאַנדרימאַן" ענטפערט גיך: — ביידע, סיי דער אַרבעטער, סיי דער באַלעבאָס האָבן נישט מער צו פאַרלירן ווי די קייטן.

— איר זענט, — זאָג איך, — נישט אויסגעהאַלטן.

— זיי וועלן עס אויך נישט אויסהאַלטן, — מאַכט ער. — כאַפּט נישט, וועל איך אייך דערקלערן. ביידע פאַרלירן די קייטן: דער אַרבעטער די קייטן מיט די שלעסער פון די הענט, און דער באַלעבאָס די קייטן מיט די זייגערס פון די בייכער. אַף מיין קייט הענגט נישט קיין גילדן זייגערל, מיסטער קאַטלער. איך דאַרף רעוואָלוציע פונקט ווי איר. גיט זי מיר היינט, און איך נעם זי אוף פאַרן שענסטן גאַסט. דער קריזיס קריכט שוין צו־פיל אין די ביינער אַריין, און דער בלויער פויגל צו־פיל אין די אויגן אַריין. און די אַרבעטלאָזיקייט לאָזט נישט אָפּ. איך האָב געלייענט אין אייער „קראָפּיווע" אַ שיין ווערטל. ס'איז, דאַכט זיך, אייערס אליין טאַקע.

—וואָסער ווערטל? — פרעג איך.

ענטפערט ער: — דאָס ווערטל מיט דער פרוי, וואָס האָט געבעטן איר שאָכן (אַן אַרבעטלאָזן), אַז ער זאָל זיך אַריינכאַפּן אין צען־סענט „סטאָר" און איר קויפן אַ פּאַסיקל אַף אונטערצו־האַלטן ס'קליידל. ענטפערט דער אַרבעטלאָזער: שענקט מיר דעם „דאַים", וועל איך אייך אונטערהאַלטן ס'קליידל „סטעדי". איר מיינט דאָך אַז ס'איז אַ וויץ! באַ מיר איז עס אַ טראַגעדיע, אָבער דער בעסטער וויץ וואָלט געווען, ווען איר באַצאָלט מיר די פּאָר סענט פאַרן וועש, ווייל ס'ווייב וואַרט שוין אַף מיר מיט דער וועטשערע און איך מוז זיך איילן.

— ווייזט מיר, — זאָג איך, — דעם כעשבן, וועל איך אים צו־שטעכן צו יענעם מאָנאַט ווייסע וועש־אַרבעט.

— וואָס טויג אייך שטעכן? — מאַכט ער, — זאָל מען שטעכן און ברעכן אונזערע סאָנים. גיט מיר בעסער מעזו־מען, „קעש".

— קיין געלט, ליבער „לאַנדרימאַן", האָב איך נישט, נאָר
אַ לידל קען איך אייך זינגען.
— נו, מיילע, — זאָגט ער, — קיין לעבן דערפון וועל איך
אַוואַדע נישט מאַכן, נאָר ס'איז בעסער פון גאָרנישט.
איך האָב אַרויסגעכאַפּט פון בוזים־קעשענע ס'ערשטע לידל,
וואָס די פינגער האָבן געפאַנגען, און געלייענט:

ליבע־דערקלערונג

נישט קיין בלומען־קרענצל
אָדער אַ הייב מיטן היטל —
איז פאַר היינטיקע מיידלעך
אַ ליבעס־מיטל.



ס'העלפט נישט אַפילע
אייביק ליבע צו שווערן.
היינט מוז מען אַנדערש
די ליבע דערקלערן:

לעמאָשל:
דיינע ציין —
קלאָרע ווייסע
ווי אַ סטאַדע ווייסע שאָף
אין אַ הונגער־מאַרש.

דיינע ליפּן —
יונגע קלוגע
ווי צוויי רויטע לאָזונגען,
וואָס לאָזן זיך נישט בלאָפן.

דער „לאַנדרימאַן" איז געווען פאַרטיפט און פאַרכאַלעמט.
ווען איך האָב געענדיקט דאָס ליד, האָט ער אופגעריסן זיינע אויגנ־
דעקלעך ווי פון אַ זיסן כאַלעם און שעלמיש אַרויסגעמורמלט: —
נו, גיט אַהער די נייע שמוציקע וועש. אייך איז גוט, מיסטער

קאָטלער! איר האָט נישט, צאָלט איר נישט. אָבער מיין „לענד־לאָרד" איז אַן אַנדער סאָרט מענטש. אַט האָט איר אַ פאַרגלייך:

:: ווען, אַ שטייגער, אַ מענטש פאַלט אַראָפּ פון צענטן שטאָק, אַרט אים נישט, דעם „לענדלאָרד"; אַבי דער קלאַפּ האָט אים אופגעוועקט אין צייט צו גיין מאָנען „רענט", אַרט אים נישט, וואָס יענער איז דערהאַרגעט געוואָרן. אָבער כ'האָב זיך שוין ווידער צו־לאַנג פאַררעדט. מיין ווייב וועט זיך שוין בייזערן אַף מיר. גוד־באַי, מיסטער קאָטלער.

ווי ער איז אַרויס פון הויז, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב אַ דאָלער־טשעק אין קעשענע. כ'האָב אים נאָכגע־שריגן מיטן טשעק אין האַנט: — כאַווער „לאַנדרימאַן", נאַט אייך אייער געלט!

— צו שפּעט, — ענטפערט ער, — איצט האָב איך שוין קיין צייט נישט צו נעמען.

בריליאַנטענע אידעלעך

איבער אַ קליין ברודיק יאַמל שיפט מען זיך אַריבער פון ענגלאַנד קיין בעלגיע. דאָס יאַמל איז גרינברוין קאַלעמוטנע. שפּענער געטונקען אין יאַם־סמאַרק ווערן אונטערגעפּאַטשט פונם שמוציקן אויל־וואַסער ארום ברעג.

דאָס וועטער איז פייכט און שניידיק ווי אַ געמאַרינירטער דאָנערשטיק. די לופט אָטעמט מיטן רייעך פון רויע הערינג. כוצפּעדיקע ווינטלעך שפּייען אין פּאָנים אַריין מיט שפּיזלדיקע טראָפּן. דער הימל איז טוכלע גרוי ווי אַ ראַזעווע ראָשטשינע. דאָס שיפל וויגט זיך און קרעכצט און סקריפּעט פּונקט ווי אין די שפּאַלטן פון די ברעטער וואָלט געליגן רומאַטיזם.

אַף די פינף באַנק־בעטלעך אין מיין קאַיוטע שלאָפן פינף פעלקער, יעדער מיט זיין כאַלעם, יעדער מיט זיין פּאַק און זאַק. פון שלאָף רעדן אַלע:

אַף פערזיש דער פּערז,
אַף פלעמיש דער פלעם,
אַף פּויליש דער פּויל,
אַף איטאַליעניש דער איטאַל.

און איך, דער פינפטער, שוויג אַף מאַמע־לאָשן: אַז נישט אייביק וועט דאָס שיפל אַזוי בויטען. אין קאָפּ הויבט זיך מיר אַ טשאַד, אַזש די האָר ווערן שיקער.

איך לאָז זיך נעמען אינם שוים פונם יאַם־טייוול. איך זויג אַ לימענע, ביטער און זויער ווי דער פּיטעם פון טייפלס בראָדיפקע. פע! איך לייען דעם וואַרשעווער „מאָמענט“.

צו די הערן גאַנאָווים!
ביטע אָפּצוטראָגן
דאָס גאָלדענע כאַנעקע־לעמפּל.
נאָוואָליפּקע 9, באַלוינונג.

זיך צו דערקוויקן ס'הארץ, זוך איך אַן עסטעטישן קאָלום. אָט איז דער ראָמאַן:

פאַרצווייפלונג און טויט

(פון וואַרשעווער לעבן)

איך לייען דעם ראָמאַן, אָבער ער איז צו אומעטיק. רעדאַקטיר איך אים אונטער אַ ביסל און ס'ווערט נישקאָשע:

„איר גאַנצע פאַרגאַנגענהייט איז פאַרשוואונדן ווי סמעטענע באַ אַ פוילער קאַץ. אָבער די ליבע, וואָס האָט געברענט מיטן גרעסטן פייער אין איר הערצן, איז געוועזן עטוואָס אַ טראָפּעלע שטאַרקער פון טויט.

„אירע פאַרצווייפלטע געפילן האָבן זיך געמינעט אַזוי ווי די פאַרבן פון אַ וואַרשעווער רעגנבויגן. דער הער צימעסזאָן, מיט זיין אויסלענדישן הוט און מיט זיינע אויסלענדישע ליבעס-מאַניערן, האָט זי ווי פלאַמענציינגער ארומגעכאַפּט און פאַרברענט ווי אַ יונגענטלעכן בעזים.

„ראַכעלאַ האָט זיך אריינגעשליידערט אין דערדאָזיקער ליבע מיטן גאַנצן פייער פון איר אומשולדיק הערץ. זי קען איר ליבע לענגער נישט באַהאַלטן. זי מוז צום אַכטן מאָל שוין עפענען איר האַרץ פאַר אים. און אויב ער וועט בלייבן קאַלט, אַזוי ווי יענע זיבן מאָל, וועט זי אים אויסזאָגן וועגן דער פּרוכט, וואָס ליגט איר אונטערן פאַרזעצונג פאָלגט".

מיר גייען אַראָפּ פון שיף, נישט אַזוי מיט די פיס ווי מיט פאַרגעניגן. ס'איז גוט צו גיין איבער די גאַסן פון אַנטווערפּן, כאָטש דער שליאַך איז נישט אַזוי גלאַט ווי אין ניו יאָרק. דערפאַר אָבער זעט ער אויס אַלט-היימיש ווי אַן אָפּגעקעסטלטער קאָרזש.

איבער די האָרבאַטע שטיינער טרימעסען זיך וועגענער און טעקסיס. אַ שמאַט ווי אַלע שטעט, נאָר די „פושקאַרטס" זענען אַנדערש. קוקנדיק אָפּן פעדלער, ווי ער שטופּט זיין וועגעלע, זעט מען נישט קיין הינטל. נאָר אַז מען בויגט זיך איין און מען קוקט אונטערן וועגעלע, זעט מען ווייבע פיסעלעך לויפן. אונטערן וועגעלע איז צוגעשפּאַנט אַ הינטעלע, וואָס אַרבעט און מאַכט זיך דאָרט אַליין אַ לעבן.

אין צענטער שטאָט שטייט דאָס באַרימטע בערזע-הויז פון דימענט-האַנדל. די געביידע איז באַלאַגערט מיינסטן פון אידן, אינווייניק און אויסווייניק: פרומע אידן, זיידענע אידן, ראַבאָנים

מיט ספּאָדיקעס, כאַסידים מיט צעשפּיצטע שטריימלעך, יונגעמאַנ־טשיקעס מיט רויטע ליפּן און פּייעס פּאַרוואָרפּן פון יענער זייט אויערן, יונגעלייט מיט אונטערגעפּליעטשעטע בערדלעך.

עס צעבוצקען זיך אַ פּאָר פלי־אידן מיט קעצענע שטריימלעך. פּאַרדאָן !—יאָג־אידן, לויף־אידן, קויף־אידן, פּאַרנאָסע־אידן, דאַלעס־אידן. אידן אין זעק, אידן אין אַטלעס, אידן אין טאַלעס, אידן מיט באָקן־בערד, אידן מיט באַקן־בערד. בערד, בערדלעך, בער־דעלעך, און ציטעריק געציילטע האָר.

אידן מיט ברוינע בערד ווי לעקאַך, וואָס אָטעמען מיט בראָנפּן. בעקאָוועדיקע אידן אין געבלימטע סאַמעטענע קאַמזוילן מיט שווערע זייגער־קייטן, וואָס האָבן זיך שוין אויסגעריבן אַ בעקאָ־וועדיק אָרט אַפן סאַמעט.

אידן — אָרימע נאָכלויפערס.
טאָמערמאַכצעכעפּעס־אידן.
אַקאַשעאַפּאַמאַנסע־אידן.

ער זעט אַ האָר אינם דימענט ווייל ער זעט ניט
די באָרד וואָס שטעט הינטער אים.

מע האַנדלט, מע וואַנדלט, מע שוויצט, מע היצט, מע יאָגט.

פֿאַלעס פֿון לאַנגע אידן פֿליען איבער דאַשעקעס פֿון קליינע אידעלעך.

איינער רעדט און רעדט און רעדט. דער צווייטער הערט נישט. נאָכדעם רעדט דער צווייטער, הערט נישט דער ערשטער.

— עפּשער עפּעס אַ דימענטל, האַ? ביליק, בעכאָצעכינעם!

— ווייזט וואָס איר האָט און ט'האָט איר וואָס איר דאַרפֿט!

מע כעשבנט: 2 און 3, איינס דאַרונטער, אונטערציען.

מע שלאָגט זיך מיט עמעסע פּעטש. מע באַרויבט זיך מיט עמעסער רעציכע. מע ווײַנט מיט עמעסע טרערן. מע צופּט זיך די בערד, די עמעסע בערד, פֿון דער וואַרימער הויט אַרויס.

צוויי אָפּגעבריטע אידן פֿליען אַרויס פֿון די בערזע־טירן אין פֿאָדער־הויז. טוען זיך אַ האַסטיקן שטעל אָפּ. סוידען זיך אַ סע־קונדע. קוקן זיך אַרום. ווייזן זיך דימענטן אויסגעוויקלט פֿון דין פּאַפּיר. דינגען זיך. זענען זיך מעוואַטל מיט אַ האַנט־מאַך:

— גאַיץ שען גאַיץ, צ'זענט כוסערדאַיע!

— וויפֿל פֿאַרן נומער פּאַרציק?

— מ'טאָר מ'שטיין ניש שפּאַלטן. דער שפּאַלט וועט פֿאַרקריכן ווי מע דאַרף ניש!

— נאָכאַמאָל אָפּוועגן אַף די מעלוכישע וואָגשאָלן!

— פֿאָרזיכטיק, ביטע זייער!

זיי קוקן זיך אַרום ווי דערשראָקן. לויפֿן מיט די פֿיס אַהין און קוקן מיט די קעפּ אַהער.

דער קאַשעאַפּאַמאַנסע־איד קומט צו צו מיר:

— עפּשער עפּעס אַ דימענטל, האַ? זאָגט וואָס איר ווילט אָדער ווייזט וואָס איר האָט!

איך וויל זיך אויסלערנען זיינע ווערטער, זאָג איך אים נאָך:

— ווייזט וואָס איר האָט.

ער פֿאַרשלעפּט מיך אין אַ ווינקל, ווייזט מיר אַ רוי שטיקל דימענט. — **דאָס דאַרפֿט איר, — זאָגט ער.**

איך נעם דאָס, קוק דורך דעם, אָבער איך זע גאָרנישט. איך לייג עס צו צום אויער, אָבער איך הער גאָרנישט. איך נעם עס אַריין אין מויל.

דער איד דערשרעקט זיך: — ניטע, ניטע, איר קענט עס נאָך איינשלינגען!

— איינשלינגען? — פרעג איך. — און אָפּווישן די נאָז קען מען דערמיט? אַז איך פאַרשטיי אינגאַנצן נישט צו־וואָס מע דאַרף עס. סיידן מען וויל ווערן אַ קייסער, פלאַסטערט מען עס איין אין קרוין און מע קיניגט אַ מייל אַ מינוט.

דערהערט מיינע רייד, האָט ער עס אַ כאַפּ געטאָן פון מיינע הענט און געפרעגט: — עצזענט אַ מעריקאַהנער? עפּשער עפּעס טוישן? דאָלאַרן, פראַנקן, פונטן, זלאָטעס, רובלס, האַ?

איך ענטפער: — לאָמיר זיך טוישן מיט די היטלען.

— וואָס? — ענטפערט ער, — מאַנס איז אַ ניי שטראַמל. וויפל וועט איר ציצולן?

איך נעם אַרויס אַ „קוואָדער” און גיב אים, גלאַט אַזוי. זאָגט ער: — פאַרוואָסזשע גיט איר מיר געלט?

זאָג איך: — פאַר אייער שיינער באָרד.

ער גיט זיך אַ גלעט די באָרד צופרידן און זאָגט: — געלויבט דער אייבערשטער.

איך האָב אים אויך אַ גלעט געטאָן די באָרד. זיין באָרד איז געווען רויטלעך און געדיכט אַזוי ווי מיין טאַטנס. איך האָב שעמעוודיק געטאַפּט עפּעס אַזעלכע קיצלדיקע וואַרעמלעכע האָר, אַזוי ווי אַ צאַרבאַלאַכאַיעם.

דער איד איז געשטאַנען גלייך, זיך מוירע געהאַט אַ ריר צו טאָן און געזאָגט: — טאַפּן, טאַפּן, אַבי גיין געלט.

גענעלבערג

„לאָקשן״

באַ דער קאַפעטעריע אַף זעקסטער עוועניו האָבן שפּאַצירט א גרופּע פּיקעטס באַהאָנגען מיט שילדלעך:

היינט טאָר מען דאָ

נישט עסן

ס'איז אַ סטרייק

לאָזט אונדז געווינען

דעם

סטרייק

לאָזט זיך נישט

באַדינען פון

סקעבס

און ווער ס'האָט געוואָלט אַריינגיין אין רעסטאָראַן עסן, און דערזען די פּיקעטס, האָט זיך פאַרהאַלטן מיט אַן אָפּגעהאַקטן טראָט און איז אַוועק.

דער באַלעבאָס, מיסטער בער, האָט זיך אַריינגעשטעלט ווי אַ קאַרטינע אין דער ראַם פון דער אָפענער טיר. ער האָט זיך געלאָזט באַגיסן מיט זון און אַרויסגעביטערט מיט שטעכנדיקע בליקן אַף זיינע אַרבעטער, וואָס שפּאַנען מיט אַזאַ כוצפּע פאַר זיין טיר.

אַ מיידל, וואַרשיינלעך פון די סטרייקער, כאָטש אָן אַ שילדל, האָט פאָרגעלייגט: — לאָמיר זינגען דאָס לידל „אין דער ליין״.

ענטפערט איינער פון די פּיקעטס:

איך וועל אייך זאָגן דעם עמעס: איך האָב „סטיידזש־פּיבער״.

ס'איז געקומען (ער ווייזט מיטן פינגער) א גרוים פובליקום, און אויב מירן זינגען שלעכט, קענען מיר נאָך פארלירן דעם סטרייק.

ס'מיידל ענטפערט: — נישט געפערלעך, דאָ איז נישט „קאַרנעגי האָל".

דער קאַסירער, אַן עלטערער אידל, מיט אַ גרוי געשוירן בערדל, האָט צוגעגעבן: — עפשער וואָלטן מיר טאַקע דינגען יאָסעלע ראָזענבלאַט! ווי מיינט איר? ס'וואָלט עפּעס געהאָלפן צום סטרייק? האַ?

דער כינעזישער „קיטשן־מען" האָט אריינגעוואָרפן אַ פּאָר דריבנע פאַרגרייזטע ענגלישע ווערטער:

— יע סינג סאָנג, נאָ סינג סאָנג. — ער נעמט אַ פּעני, פאַר־מאַכט די האַנט און זאָגט: — העד, סינג סאָנג! נאָ העד, נאָ סינג סאָנג!

דאָס מיידל טוט אַ וווּיז מיטן פינגער אױף זיין פאַר־מאַכטער האַנט און זאָגט „העד". דער כינעזער עפנט די האַנט און שרייט אויס: נאָ העד! נאָ סינג סאָנג! אויב אזוי, זאָגט ס'מיידל, דאַרף מען זינגען. זי האָט אָנגעפאַנגען און אַלע האָבן מיטגעזונגען.

אין דער ליין,
אין דער ליין,
אין דער פּיקעט, אין דער פּיקעט ליין.
אונזער באַלעבאָס,
ער דרייט מיט דער נאָז,
אויף דער פּיקעט, אין דער פּיקעט ליין.

מיר סטרייקן גוט,
מיר סטרייקן גוט,
סע סטרייקן די טעפּלעך אויך,
די עסערס, מיר האָפן,
וועלן זיך נישט לאָזן בלאָפן,
אין דער פּיקעט, אין דער פּיקעט ליין.

דער באָס צאָלט געלט
אין דער אונטער־וועלט
צו קריגן אַ קעלנער־סקעב.
ס'וועט אים העלפן די דריידלעך
ווי אַ טויטן קניידלעך.
אין דער פּיקעט, אין דער פּיקעט ליין.

קומט אַריין,
זינגט אַריין
אין דער אינדוסטריעל פּיקעט ליין.
זאָל דער באָס דערהערן
און צעפּיקעט ווערן.
אין דער פּיקעט, אין דער פּיקעט ליין.

דער באַלעבאָס אין דער טיר האָט זיך אונטערגעקלאַפּט מיטן פוס צום טאַקט פון דער מוזיק. ער האָט געשמייכלט פונקט ווי כ'אַרט אים נישט.

אַנטקעגן איבערן וועג שטייען די הויזן־פּאַרטנערס, מיסטער געצלבערג מיט מיסטער קאָהענען. זיי קוקן פול מיט קאַס אויף די פּיקעטס, ווייל ערשט פאַראיאָרן פרילינג האָט מען זיי אַליין אויך גוט אַריינגעפּיקעט אין די ביינער אַריין. געצלבערג זאָגט:

— זעט נאָר אַ כוצפּע. אַזעלכע באָמס! פּאַרטרייבן די קאָסטאָמערס דעם באָס אין די אויגן. אַי ווען איך קען, וואָלט איך זיי אַלע אויסגעפּאַטשט.

מיסטער קאָהען ענטפערט: — ווי זיי דערשמעקן אַז מען מאַכט אַ טולער, זענען זיי דאָ מיטן סטרייק!

געצלבערג שלאָגט איבער: — יאָ, יאָ, אַזוי ווי בא אונז פאַר־איאָרן. זייער אייכעק אַז מען האָט מאַזל. כאַטש נעם זיי צו פאַר פּאַרטנערס אין די ביזנעס.

קאָהען איז צוריק אַרויף אין שאַפּ און געצלבערג האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום רעסטאָראַן עסן. ער האָט זיך אָבער אומגעקערט פון מיטן וועג, ווייל איין פּיקעט, ווייזט אויס דער „דישוואַשער", האָט געהאַט גרויסע וואָנצעס און אויסגעזען ווי אַ קאַיסן. אָבער אין

געצלבערגן האָבן געברענט צוויי פייערן. ערשטנס, האָט ער געוואָלט ווייזן די פּיקעטס אַז ער פייפט אַף זיי און צווייטנס, איז דאָס געווען פּרייטיק, דער לאָקשן־טאָג. לאָקשן האָט ער ליב — ס'כאַיעס מיט דער נעשאָמע, (מען זאָגט אַף אים אַז ווען זיין ווייב וויל באַ אים עפּעס אויספּירן, קאָכט זי אים אָפּ אַ טעפּל לאָקשן און פּירט אויס). ווען געצלבערג האָט אין דעם רעסטאָראַן געגעסן ס'ערשטע מאָל, האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז ס'שטינקט, אָבער זינט ער האָט זיך צוגעוויינט, קען ער אין קיין ריינעם פּלאַץ נישט עסן.

ער האָט זיך ווידער אַ לאָז געטאָן, מיטאַמאָל זיך דורכגעשטופּט די ליין און איז אַריין אין רעסטאָראַן. מע האָט אים באַשריגן מיט אַ כוויזיקדיקן „בו". געצלבערג האָט זיך אַנידערגעזעצט באַ אַ טישל, גענומען לייענען די שפּייז־קאַרטע נאָענט צו די אויגן. דורכן גרויסן שויפענצטער איז געווען גרינג צו זען: קימאַט אַלע טישלעך האָבן געפּוסטעוועט, כוץ אין איין ווינקל זענען געזעסן עפּעס אַזעלכע לייט און געקייט, פּונקט ווי גראַפּערס קאַריקאַטורן וואָלטן הונגעריק געוואָרן. זיי האָבן געזופּט קאַווע און געשפּיגן פון ווינקל מויל אַף באַדייטנדיקע שטרעקעס. געצלבערג האָט געפילט, אַז פון דעם באָרעכאַבו, — „בו" וואָס מען האָט אים מעכאַבער געווען איני־דרויסן, האָט ער פאַרלוירן דעם גאַנצן אַפּעטיט. ס'האָט אים באַנג געטאָן. ער איז דאָ איצט מיעס אַריינגעפאַלן, וויל נאָכן עסן מוז ער דאָך ווידער דורכגיין זייערע הענט, נאָר ער האָט זיך געפּרואווט שטאַרקן. וואָס בין איך עפּעס, טראַכט ער: אַ קליין אינגעלע? און אַז מע מאַכט „בו, בו" וועט קומען אַ בער מיך בייסן?

— גיט עפּעס צו־בייסן, מיסטער בער, — האָט געצלבערג אַ זאָג געטאָן דעם באַלעבאָס.

— „וועיטער"! — האָט דער באַלעבאָס אויסגעשריגן און ס'איז צוגעקומען אַ דאַרער הויכער מענטש מיט אַ פאַרנייטן שניט אַפּן באַק און האָט געפרעגט:

— וואָס עסט איר? מיר האָבן פּלעין הערינג, מאַראַנירטן הערינג, „מאַטשעס" הערינג, ביסמאַרק הערינג, קיפּערד הערינג און געהאַקטן הערינג.

— גיט מיר, — מאַכט געצלבערג, — אַ לאָקשן־זופּ. — דער קעלנער איז גיך אַנטלאָפן אין קיך.

דורך דער אָפענער טיר רייסן זיך די טענער: „אין דער ליין“. געצלבערג ווערט בייז, ווייל דער קעלנער זאַמט זיך. ענדלעך איז דער קעלנער אַנגעלאָפן מיט לאָקשן וואָס האָבן אַרונטער־געהאַנגען פון טעלער און דערגרייכט דעם קעלנער ביז די קני. ער האָט מיט אַ ווינטיקן שוואונג אַ שיב געטאָן דעם טעלער אָפן טיש, איז אָפּגעטראָטן, מיטן האַנטעכל זיך גענומען ווישן די הענט און אָפּשנעלן שטיקלעך לאָקש, וואָס האָבן געקלעפּט צו זיינע שיך.

געצלבערג האָט מיטן לעפל אַ רודער געטאָן אין טעלער און די לאָקשן האָבן זיך אַרויסגעגליטשט. ער האָט אַ הויב געטאָן מיטן גאָפּל ביז איבערן קאָפּ און אַלע לאָקשן האָבן זיך מיטגעהויבן.

— עי, „וועיטער“! — האָט ער אויסגעשריגן. — וואָס איז דאָס פאַר כאַזערישע לאָקשן?

דער קעלנער איז צוגעלאָפן אַ בייזער און געזאָגט: — דער לויזיקער טאַלענער האָט אָפּגעקאָכט ספּאַגעטי אַנשטאָט לאָקשן־זופּ.

געצלבערג האָט זיך אַ הויב געטאָן פון טיש און געשריגן: — דאָס איז נישט מיינע ביזנעס! איך בין דאָ אַ „סטעדי קאַסטאָמער“! איך וויל נישט קיין ספּאַגעטי!

— וואָס זשע ווילט איר? — פרעגט דער קעלנער.

געצלבערג האָט אַ שאַר געטאָן דעם טעלער מיט קאַס און אויסגעשריגן: — כ'וויל גאָרנישט!

— אַזוי, איר ווילט גאָרנישט? — מאַכט דער קעלנער, — טאָ גייט זשע אין אַלדע רוכעס און „באַדערט“ נישט, אַנישט פליק איך אייך אַריין אין דער מאָרדע, אַז די כאָליערע וועט אייך נעמען, אַלטער בעסטעד!

דער באָס איז צוגעלאָפן, געמאַכט אַ פשאָרע, געגעבן דעם קעלנער אַ גוט־ברודעריש פּעטשל אין פּלייצע און געזאָגט צו געצלבערגן:

— איר מוזט אים „עקסקיוזן“. אַ נייער אַרבעטער: איז ער אַ ביסל נערוועז.

געצלבערג האָט שיר אַרויסגעוויינט: — אַלטער בעסטעד־האָט ער מיך גערופן, נו?

דער באָס האָט אים באַרואיקט: — ער ווייסט נישט אַז איר זענט מיסטער געצלבערג. ער איז דאָך נישט קיין נאַווי. גייט, גייט, נעקסטע וואָך וועלן מיר האָבן אַ גוטן שעף און דאָס עסן וועט זיין ווי שטענדיק. גוט־באַי.

ווען געצלבערג איז אַרויס, איז צו אים צוגעגאַנגען דער פּיקעט מיט די גרויסע וואָנצעס און געזאָגט אין אַן אוקראַיניש פאַרגרייזטן ענגליש:

— "מיסטער, דיס רעסטאָראַן סטרייק. נאָ איט דינער, נאָ איט סופּער, נאָ איט ברעדוס. גאָ טו האָם, ווייב גיב יו קאָרענ־פּליאַקעס, שי גיב יו כוואָרינאַ, כוואָראָבאַ טי, טראַסציאַ טוואָיאַ מאַטערי"!

די געדונגענע עסערס מיטן סקעב־קעלנער זענען אַרויס און האָבן זיך געוואָרפן אַפן „דישוואַשער" מיט שטעקנס, אָבער דער „דישוואַשער" האָט זיך אַף די קלעפּ נישט אומגעקוקט, נאָר ער האָט געצלבערגס קאָפּ איינגעשלאָסן אין לינקן אָרעם, אַזוי ווי אין אַ ווערקשטאַט, און אים אַריינגעטאָעמט אין פּאָנעם אַריין:

— „נאָ נאָיס טו איט אין סקעבאָווי רעסטאָראַן. יו בעד באָי. אַי גיב יו פּלעיט באָררשט אין די נאָז"! — און ער האָט אים דערלאַנגט אין אויג אַריין.

די פּיקעטס האָבן ווי אונטערגעצונדענע זיך אַ שליידער געטאָן אַף די סקעבס. שטעקנס האָבן זיך געבראָכן איבער רוקנס און קעפּ. ס'מיידל האָט מיט דער שפּילקע פון איר הוט אַ האַסטיקן שטאָך געטאָן אַ סקעב אין אָרעם און אים אַרויסגעזעצט אַ קיך־מעסער פון האַנט.

די הויט אַפן דישוואַשערס פּאָנים איז איינגאַנצן געווען צעקאַרדאַשעוועט, דאָס העמד צעפּיצלט. די סקעבס האָבן געשלאָגן דעם דישוואַשער מיט די פיס אין בויך און אין זייט, ביז זיי האָבן אים אומגעוואָרפן. ער האָט אָבער געצלבערגן מיט־גענומען מיט זיך אַף דער ערד. האָט אים געהאַלטן אונטער זיך און נישט אויפגעהערט קלאַפּן אים מיטן פויסט אין רעכטן אויג אַריין, נישט אַף קיין אַנדער אָרט.

קוקנדיק אף זיי ביידן אף דער ערד האָט מען געקענט מיינען, אַז דער דישוואַשער שלאָגט זיך כּאַטאַסי. אָבער אַז געצלבערג האָט גענומען קוויטשען נאָך שטאַרקער, איז געווען אַ סימן אַז ער שלאָגט זיך נישט כּאַטאַסי.



די סטרייקערס האָבן זיך געשטאַרקט, און ס'האָבן אָנגעהויבן פאַלן סקעבס איינער נאָכן אַנדערן. ס'איז אָבער באַלד אָנגעלאָפן פּאָליציי מיט פּאַטראָל־וואַגאָנס, גענומען האַקן מיט די „קלאָבס" איבער די סטרייקערס קעפּ, און געוואָרפן אין די וועגענער צעבלו־טיקטע אַרבעטער מיט צעפליקטע קליידער.

ווען ס'איז שוין געווען נאָך אַלעמען, איז דער באָס אַרויס, האָט געוואָלט אופהייבן געצלבערגן, איז ער אָבער געווען צו שווער. געצלבערג האָט געפּערלעך געקוויטשעט און מיט זיינע קוילעס צוגעצויגן הונדערטער פאַרבייגייער.

די פּאָליציי האָט צעטריבן די מאַסע און דער באָס מיט אַ פּאָר פּאָליסליית האָבן געצלבערגן אַריינגעשלעפּט אין אַן אַפּטייק. ווען זיי האָבן אים צוריק אַרויסגעפירט, איז זיין פּנים געווען פאַרקוטעט מיט ווייסער מערליע. נאָר איין אויג האָט

אַרויסגעפינצטערט פון דעם ווייסן קנויל, מיטן בליק פון אַ פאַרזינדיקטן הונט.

ווען געצלבערג איז אַהיימגעקומען מיטן פאַרקוטעטן פּאָנים, האָט זיך זיין פרוי געכאַפּט באַם קאָפּ: — פּאַפּעלע, וואָס האָט געטראָפן?

ער האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אױף דער קושעטקע און גענומען קרעכצן: — אוי, מיין אויג! אוי, מיין אויג! געוואַלד מיין אויג!

— ווײ איז מיר! — האָט דאָס ווייב פאַרבראָכן מיט די הענט, — וואָס זאָל איך דיר טאָן? זאָג, פּאַפּעלע, זאָג!

ער קרעכצט אַרויס: — דו ווייסט אַליין, דו ווייסט אַליין.

— איז זי גלייך אַריין אין קיך, האָט אָנגעצונדן די געז און צוגעשטעלט אַ טעפּל לאָקשן.

ערשט שפּעטער, ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט נישט געוואָלט די לאָקשן, האָט זיין פרוי פאַרשטאַנען, אַז איר מאַן איז פאַרביי.

מיסעס געצלבערג גייט קויפן זופּנגרינס

דער היינטיקער פרילינג האָט זיך באַ מיסטער געצלבערגן נישט אַזוי גוט אויסגעצלט. פאַראיאָרן אין דער צייט איז נאָך געווען צו דערליידן. ס'איז אַפילו פאָרגעקומען אַ סטרייק. אָבער מע איז דורכגעקומען: אַ סקעבל אַרוף, אַ סקעבל אַראָפּ. אַ פּאַטש אַהער, אַ גלעט אַהין. „אינדזשאַנקשאָן", פּאָנקשאָן, מאָנקשאָן — מען האָט געמאַכט אַ טולער. איצט, האָט ער געטראַכט, וואָלט גוט געווען נעמען ס'ווייב און אוועקפאָרן אין די קעצקילבערג. אָבער ס'האָט זיך אָנגערוקט אַ געמיין שטיקל קריזיס. וואָס טוט מען וואָס? זיצט ער מיטן ווייב אין דער פּאַפּעטעריע אױף זעקסטער עוועניו און קרעכצט:

מאַכט ער:	אוי, ביטער.
זאָגט זי:	אוי, פינצטער.
זאָגט ער:	שלעכט.
זאָגט זי:	כוישעך.
זאָגט ער:	מיעס.
זאָגט זי:	פּע.

ווערט ער אין קאָפּ אַלעמיי זי זאָגט נישט דאָס נעמלעכע וואָס ער. — ביטער, שלעכט און מיעס איז דיר וויניק? — פרעגט ער. — מוזטו נאָך צולייגן פינצטער, כווישעך און פע? אוי, מיין אויג!

ענטפערט זי: — די צייט איז שלעכט. ווייסטו וואָס, פּאָפּעלע, צו־וואָס זאָלן מיר אין אַזאַ קריזיס עסן אין רעסטאָראַן? אַמער וועל איך בעסער ברענגען דאָס גאַז־איוועלע אין שאַפּ אריין און קאָכן אין אָפּיס. ווייל וואָס, משטיינס־געזאָגט, עסט מען דאָ פּאַר אַ „קוואָדער“? מיטיק־צייט איז גוט אַז מע עסט אַ קאַר־טאָפל, אַ בעבל, אַ מייערל, אַ לאָקש און טאָקע אַ שטיקל „פלאַנקען“ אויך.

געצלבערג האָט דערהערט „לאָקש“, האָט אים אָנגעהויבן שמאַרצן ס׳אויג. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָפן ווייב׳ס אַקסל און געזאָגט: — ביזט גערעכט.

— וואָס דען — זאָגט זי, — עסן דאָ אין קאַפעטעריע? ס׳פּאַלט דאָך אוים באָקאָס. די פּיקעטס שטייען אונטערן פענצטער און מאַכן אונז „בו“. זאָל זיי פּיקעטן אין קאָפּ, ריבוינעשעלוילעם. כ׳אַגליק וואָס די פּאָליסלייט שטייען.

געצלבערג טאַפּט דאָס אויג: — אוי, וואו זענען זיי דעמאָלט געווען?

און טאָקע באַלד אַף מאָרגן, האָט די מיסעס געצלבערג גע־בראַכט דאָס איוועלע אין שאַפּ, צוגעשטעלט קאָכן אַ טעפּל פלייש און איז אַראָפּגעלאָפן קויפן זופּנגרינס.

געצלבערג איז נאָך געווען אין דער היים. ער האָט געוויקט ס׳אויג מיט באָריק־עסיד און געשאָלטן די פּיקעטס:

— ס׳האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז דער גאַי מיט די גרויסע וואָנצעס איז אַ גאַזלען. וואָס דען, אַ איד וועט האַלטן אין איין שלאָגן אַף איין אָרט? ווי איז אים נישט נימעס געוואָרן צו שלאָגן אין זעלבן אויג אַזוי לאַנג?

ער האָט אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, געפּרוּווט אַ קנייטש טאָן מיטן שוואַרצן געשוואָלענעם אויג. ס׳האָט געשמאַרצט, האָט ער אַ מאַך געטאָן: — אוי, אוי, מע דאַרף נישט. — ער האָט אָנגעטאָן די שוואַרצע לאַטע אָפן אויג און זיך ווידער צוגעלייגט אַ ביסל.

ווען מיסעס געצלבערג האָט זיך אומגעקערט אין שאַפּ אַריין מיטן זופּנגרינס און געעפּנט ס'טירל פון אָפיס, האָט אַ זעץ געטאָן אַ דיקער קנויל רויך גלייך אין שאַפּ אַריין און פלאַמען האָבן גענומען קנאַקן אַרום די פּאָליצעס וואו די טירן זענען.

מיסעס געצלבערג האָט געכאַפּט אַ בענקל, אַרויפגעשטעלט אַפן טיש, איז אַרויף אַפן בענקל און גענומען קריכן דורכן „סקאַילאַיט“.

אַלע שניידער־מיידלעך זענען אַרויף אַפן טיש פאַרצאַפּלטע מיט גרויסע געוואַלדן. זיי זענען געשטאַנען ווי אַף שפּילקעס, וואַרטנדיק אַז מיסעס געצלבערג זאָל שוין גיכער דורכקריכן. איז זי אָבער אַרויס ביז איבערן בוזעם און געבליבן שטעקן נישט אַהין נישט אַהער.

די מיידלעך האָבן זי פריער געשטופּט אַרויף, נאָכדעם גע־שלעפּט אַרונטער, ס'איז נישט געגאַנגען: זי האָט פאַרשטעקט די לאָך. אונטן האָט זי געדריגעט און געוואָרפן מיט די פיס און אויבן האָט זי געקוויטשעט מיט אַלע קויכעס.

פלוצים האָט די מיסעס געצלבערג דערפילט אַזוי ווי מע וואָלט זי געפּאַטשט פון אונטן, האָט זי נאָך שטאַרקער געקוויטשעט. אָבער דאָס זענען געווען די שטראָמען וואַסער, וואָס די פייערלייט האָבן מיטאַמאָל אַריינגעשאָסן דורך די פענצטער.

שפּעטער, ווען מען האָט זי קוים מיט צאָרעס אַרונטערגע־צויגן פון „סקאַילאַיט“, איז זי געווען פון אויבן ווייס און טרוקן, און פון אונטן שוואַרץ און נאַס. אָבער די מיסעס געצלבערג האָט צום זופּנגרינס נישט דערלייגט דער באָבעס יערושע. דאָס וואַסער האָט אָפּגעראַטעוועט דאָס פייער און דאָס פייער האָט אָפּגעראַ־טעוועט די לאַגע.

געצלבערג אין די קעצקילבערג

ס'איז געקומען דער מאָנאַט יולי. די זון האָט געשוואונגען מיט פייערדיקע בעזימער איבער ניויאָרק און אָנגעגליט די שטיינער ווי פרעסלעך. די סמאָלע אַפן אַספאַלט איז צעשמאָלצן געוואָרן און זיך געקלעפּט צו די פיס.

געצלבערגס הויזן האָבן זיך אַ הויבגעטאָן אין מעקאַך. שוין

ווידער דאָ ארבעט. ס'איז אים אָבער צו היים צו זיין אין שאַפּ. איבער די גרויסע היצן האָט אים דאָס שלאָפּע אויג גענומען נאָך מער דערקוטשען און שמארצן: האָט ער גענומען נאָך מער דער־קוטשען זיין ווייב.

איין פרימאָרגן האָט ער זי געוואָלט געטן נאָך אין די „פּאַדזשאַמעס". ער האָט איר אויפגעוואָרפן, אַז זי האָט אים מער נישט ליב. — דו ווייסט, — זאָגט ער צו איר, — געדענקסט ווי אזוי איך האָב דיך גענומען? אַן אָרימע, אָן אַ פּעני נאָדן.

ענטפערט זי: — טאָ ווער האָט דיך געבעטן אַז דו זאָלסט מיך נעמען? האָסט מיך ליב געהאַט! — און זי גיט אים דערביי אַ גלעט אין דער פּאַטילניצע.

— וואָס?—טוט ער זיך אַ כאַפּ,—איך האָב דיך ליב געהאַט?

ענטפערט זי: — וואָס דען, איך האָב דיך ליב געהאַט?

אָפּן אַנדערן טאָג האָט זי אים איינגעפּאַקט אין טשעמאָדאַן אַ גרויסן בוטעל אויג־וואַסער און אים אָוועקגעשיקט אין די קעצקיל בערג.

דעם ערשטן טאָג אין די בערג, צווישן פרעמדע לייט, פלייסט זיך מיסטער געצלבערג צו זיין אַ פיינער מיסטער, דער איקער נישט ארויסווייזן זיין אַפּעטיט. ווייל ער אַליין האָט ליב מענטשן, וואָס עסן וויניק אָדער גאָרנישט. אָט אַזאַ נאַטור האָט ער.

צו „דינער" איז געצלבערג אריינגעקומען מיט געמאָסטענע טריט, האָט זיך גענויגט מיט אַ שמייכל פאַר זיינע טיש־מענטשן און זיך אַנידערגעזעצט מיט „געהויבענער ווערדע" און מיט דער שוואַרצער לאַטע אָפּן אויג.

פּעני, די סאַרווערקע, האָט צוגעטראָגן אַ טאַץ מיט הינערשע לעבערלעך.

— איך בין היינט נישט הונגעריק, — האָט געצלבערג אַ זאָג געטאָן צו דער סאַרווערקע.

— וואָס רעדט איר, מיסטער געצלבערג! אַזעלכע לעבערלעך וועט איר נישט עסן?

— כ'וויים, — ענטפערט ער, — איך בין נישט הונגעריק, נאָר פונדעסטוועגן וועל איך פּאַרזוכן. — ער שמוגלט דורך אַ

לעבערל איבער דער גרעניץ פון זיינע ליפּן, פאַרטראַכט זיך טיף און זאָגט צו זיינע מיט־עסערס:

— דאָס איז דאָך גאָר גוואַלדיק. אַט אַזעלכע לעבערלעך האָב איך געגעסן, געדענק איך, איינמאָל אין ליווערפּול. „ווייטערקע“! (זי איז צוגעלאָפן) דאָס זענען דאָך וואונדערבאַרע לעבערלעך!

פרעגט די קעלנערקע: — עפּשער ווילט איר נאָך איינס?

— ניין, ניין — זאָגט ער, — איך בין נישט הונגעריק. סיידן איר האָט אַ פּאָר איבעריקע.

פעני ברענגט געבראָטענע טויבן. געצלבערג טוט אַ וואָרף מיט דער האַנט: — וואָס? ווידער עסן?

— עסט, עסט, — זאָגט פעני, — ס'איז גוט.

ענטפערט ער: — אויב איר וועט ברענגען אַ זויערע אוגערקע, וועל איך זען וואָס איך קען טאָן דערמיט. קאַטשקע קען איך עסן אָן אַן אוגערקע, אָבער טויבן קען איך נישט.

פעני לויפט גיך ברענגען אַן אוגערקע, אָבער ביז זי האָט זיך אומגעקערט, האָט ער דערוויילּ אופגעגעסן דאָס טייבעלע. ער האָט נעבעכדיק פאַרוואָרפן די אויגן צו פעני'ן און געזאָגט מיט אַ קימפּעטאָרן־שטימע:

— אַנאַווייערע צו שלעפּן די אוגערקע צוריק אין קיך. נו, מיילע, זאָל שוין זיין קאַטשקע.

ווען פעני האָט אים צוגעשטעלט די קאַטשקע, האָט ער דער־קלערט: — ס'ערשטע מאָל אין מיין לעבן, אַז איך עס קאַטשקע מיט אַן אוגערקע.

פעני האָט געבראַכט שטרודל. געצלבערג האָט זיך אופגע־שטעלט ווי צום אַוועקגיין: — ניין, ניין, דאָס וועל איך אַוואַדע נישט עסן. — ער בויגט זיך צו צום שטרודל, באַטראַכט אים און זאָגט:

— וואָס? טאַקע? ס'איז באַשאָטן מיט צימרינג? נו, אויב מיט צימרינג, וועל איך עסן אַ פּאָר שטיקלעך. איך, אַז איך בין נישט הונגעריק, מעגט איר מיר געבן גאָלד, וועל איך דאָס נישט עסן, סיידן ס'איז באַשאָטן מיט צימרינג.

געצלבערג באַמערקט נישט דעם טכויר

נאָכן עסן. די זון האָט זיך אויסגעלאָשן. גראָבע וואָלקנס רוקן זיך איינער איבערן אַנדערן. צווישן איין וואָלקן און צווייטן זילבערן אַרויס קנאָפּע פּיצלעך טאָג.

געצלבערג בלאָזט: — פּע, קיל אַ מעכאַיע.

אַ ווייך פּוכקע ווינטל, מיט איין טראָפּן רעגן, טוט אַ פּרישן וויש די נעזער פון די געסט, וואָס שטייען אָפן „פּאַרטש" און זאָגן נעוויעס, אַז ס'וועט גיין אַ רעגן. גראָבע צעוואָרפענע טראָפּנס נעמען פאַלן און באַראַבאַנעווען אָפן דאַך און אָף די טרעפּ. ס'האָט דערלאַנגט אַ מעכטיקער דונער און איבערגעשראָקן אַלע ווייבער.

געצלבערג וויגט זיך שטאַרקער אין זיין שטול: — אַי גוט־גוט, קיל, פּע, אַ מעכאַיע.

דער רעגן איז בעסער פון זיינע אַרבעטער: ער אַרבעט אומזיסט. אָן אַ „יוניע", אָן אַ שמוניע, אָן אַ „רעיז", אָן אַ שמעיז. — קיל אַ מעכאַיע. אַך, ווען אין יעדן טראָפּן רעגן וואָלט געשטעקט אַ נאָדל, וואָלט דער רעגן געשטעפּט הויזן אומזיסט, און די פּראָפּיטן וואָלטן זיך מעכאַיע געווען.

אַזוי האָט געצלבערג געטראַכט. אָדער באַדאַרפט טראַכטן. נאָר איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט, שוין! אויס רעגן. די געסט נידערן פון די טרעפּ אַרונטער. מע גייט שוין שפּאַצירן. געצלבערג הויבט זיך פון זיין וויג־שטול: ס'איז גוט.

די זון שפּיגלט זיך שוין אין די נאַסע גראָזן. יעדער בלעטל אָף די ביימער איז באַצירט מיט אַ דימענט. ניי־געבוירענע ריטשקעלעך גולגען אַרונטער פון די בערג. דאָס האַרבאַטע פעלד אַנטקעגן האָט זיך איבערגעדעקט מיט אַ לייַלעך זאַפּערן־זון, און דאָס איינציקע ביימל, וואָס שטייט אָף דעם, שאָקלט זיך פריילעך, ווי נאָך אַ לעקאַך־און־בראָנפן.

די צעווייקטע ערד אָפן וועג אָטעמט מיט רייכעס פון געפּלאַצטע אַרבוזן און זומערט אַריין אין נאָז אַריין מיט גרעסטן פאַרגעניגן.

פּלוצים: פּע! עפּעס אַזאַ מיעסער פאַרברענטער געשטאַנק.

נאָר צום ברעכן. דער אוילעם כאַפּט זיך באַ די נעזער. מעכלין דער אידישיסט, טוט אַ בליק אַף געצלבערגן און שפּייט אויס: — פּו, פּע, אַ „סקאַנק” איז דאָ, אַ טכויר!

געצלבערג האָט עטלעכע שמאַרע געטאָן מיט דער נאָז און געזאָגט: — פּע, אַ שיינער טאָג היינט. ס'שמעקט אַ מעכאַיע, פּע!

— וואָס פאַר אַ מעכאַיע? — פרעגט מעכלין דער אידי־שיסט, — אַ סקאַנק איז דאָ!

געצלבערג האָט זיך אַ טאַפּ געטאָן די לאַטע אַפן אויג און געפרעגט: — אַ סקאַנק איז דאָ? איך האָב גאָר נישט באַמערקט, ווייל באַ מיר איז אַן אויג, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט דאַסיק.

געצלבערג רעדט וועגן קונסט

ס'איז אַן אויסגעוואַשענער יונגער אָוונט מיט ווייכע ווינטלעך איבער פאַרשוויצטע שטערנס. אַלע זענען צופרידן וואָס דער רעגן האָט אָפּגעלאָשן דעם צעגליטן טאָג. די לעוואָנע רינט מיט בלאַסן ליבע־שמערץ און זוכט, ווי מיט ליכט, צו באַלייכטן אַ גרויסע שיינהייט. די בערג, ווי ריזיקע וואַרעניקעס אויסגעטונקען אין זויערמילך, שלאָפן שוין. פון טייך קראַקען זיך איבער די זשאַבעס, מיט באַבעס־און־זיידעס שטימעס. די פייערפליגן שפּריצן פון טאָל, ווי פייערדיקע פּערלגרויפּן פון אַ בלויער שיסל.

געצלבערג דרייט זיך און וויגט זיך אין זיין שטול. ס'קיצלט אים די שיינע נאַטור. אין ניו יאָרק איז ער קיינמאָל נישט אַזוי געריירט פון אַ שיינעם אָוונט ווי דאָ. ווייל דאָרט איז ער פאַר־נומען מיט די הויזן.

דאָ הערט ער שיינע מענטשן רעדן מיט שיינע ווערטער: סטאַקאָווסקי, פּריבליזיטעלנאַ, צאַמעטעראַפּעק, דאַנטמענטשעניט, מאָטשעבלאַי, קונסט, בעטשלער אָוו אַרט, ליטעראַטור, צאַפּטע־יו. ער הערט „שיינע ווערטער”, וויל ער אויך זאָגן עפּעס שיינס.

פון טאַנץ־זאַל הערט זיך דזשאַז־מוזיק. ער גייט צו צו מעכלינען, דעם אידישיסט, און ווייזט מיטן פינגער צום קאַסינאָ:

— מוזיק האָב איך ליב. אַף מיין כאַסענע זענען געווען אַכט קלעזמער אַזוי ווי די בערן.

מעבלין מאכט אים אוועק מיט דער האנט: — וואס גלייכט איר די היימישע קלעזמערוקעס צו מוזיק, צו קארנעגי האל!

— שאט, שרייט נישט, — מאכט געצלבערג, — איך בין שוין איין מאל געווען מיט מיין מאמען אין קארנעגי האל אויך.

— נו, און אז איר זענט געווען, — ענטפערט מעבלין, — ווייסט איר דען ווער ס'האט אייך געשלייערט?

געצלבערג טוט א מאך אן אפגעהאקטן „אזוי?" און זאגט:

— איכל אייך אפילע זאגן וואס מע האט געשפילט. מע האט געשפ... אי, אי... (מעבלין וויל שוין אוועקגיין, געצלבערג האלט אים צו באם אקרל) „ווייט א מינוט"!

— מיסטער געצלבערג, — האט זיך מעבלין א בייזער געטאן, — אויב איר ווילט אז איך זאל אייך נישט ווערן קיין דאם־סוינע, טא מישט נישט קיין ענגליש מיט אידיש.

געצלבערג ענטפערט: — „וואצעדיפרענץ?" מע האט געשפילט... ווי קען עס אבער הייסן אף אידיש?.. דאכט זיך אז „האפמאנס ווידעלעך"!

מעבלין פארריכט אים: — איר מיינט „טעילס או האפמאן": „האפמאנס מאיסעלעך".

געצלבערג ענטפערט: — „וואצעדיפרענץ"?.. און דאס איז נאך בלאטע. איך האב שוין געהערט אין אפערע די „קליאטשע".

מעבלין פארריכט אים: — איר מיינט „פאגליאטשי".

געצלבערג ענטפערט: —„וואצעדיפרענץ"? אידיש איז אידיש!

מעבלין קלאפט אים אין פלייצע: — מיט אייער אידיש קענט איר ווערן א ליטעראטור־קריטיקער.

— נו, וואס מיינט איר, — ענטפערט געצלבערג, — איך האב א לאנדסמאן, האט ער אנגעמאכט א פול ביכל מיט ליטעראטור און זיך געפונען אין א קריטישער לאגע: אט האט איר עס!

:: ער האט נישט געהאט קיין סענט אף ארויסצולאזן דאס ביכל, האב איך צענויפגערופן מיינע רייכע לאנדסלייט און געזאגט: אז א מענטש האט אליין געמאכט א בוך, אונזערער א לאנדסמאן, באדארפן מיר אים העלפן.

:: האבן זיי געטאינעט, אז א בוך איז טאקע זייער א שיינע זאך, נאר פאר ביזנעס טויג עס אף קאפארעס. פונדעסטוועגן

האָבן מיר זיך צונויפגעלייגט צו דרייסיק טולער און אים געעפנט א „גראָסערי".

:: אָבער איצט אין קריזים איז אים די ביזנעס נישט גוט געוואָרן, האָבן מיר איבערגענומען די גראָסערי, פאַרקויפט די סכוירע אין „אָקשן", און קוים־קוים אַרויסגעראַטעוועט אונזער „אינ־וועסטמענט". איצט שטאַרבט ער שוין ווידער פון הונגער.

מעכלין האָט אים געבעטן דערציילן וואָס פאַר אַ בוך דאָס איז געווען, אָבער געצלבערג האָט זיך געקוויינקלט:

— צו דערציילן אַקוראַט ווי ער מאַכט עס אָפּ, איז צו שווער. איך געדענק אָבער אַז עס איז געווען אַ וואַזשנע מאַיסע ווי איינער אַ מיליאָנער האָט זיך פאַרליבט אין אַן אָרים מיידל, זלאַטע, וואָס האָט שוין געהאַט אַ כאָסן. אָבער ס'מיידל האָט דעם מיליאָנער פיינט געהאַט, מאַכמעס ער איז געווען אַ ביסל צו פעט. אָבער אַלס מענטש האָט זי אים געאַכטעט און געשעצט און נאָך עפּעס אַ פּאָר זאַכן, ווי אַ שרייבער מאַכט עס דאָרטן.

:: אַקלאַל, ווען זלאַטע האָט באַדאַרפט כאַסענע האָבן, האָט זי אים געשיקט אַ בילעט ער זאָל קומען צו איר כאַסענע. האָט דער מיליאָנער גענומען דעם בילעט, צוגעשריבן „אַי לאָוו יו" מיט נאָך עפּעס, אַזוי ווי אַ ליבע גייט. אָפּגעשריבן אַף איר די יערושע און פאַרשלאָסן אין אַ זילבערן קעסטל. ער האָט גערעכנט אַז אין פינפונצוואַנציק יאָר שפּעטער, צו איר זילבערנער כאַסענע, וועט ער איר ברענגען דאָס קעסטעלע און ווייזן, אַז ער האָט זי אייביק נישט פאַרגעסן.

:: פאַרשלאָסן דאָס קעסטעלע אין „סעיף", האָט ער זיך געפילט נישט־פויגלדיק און איז דערוויל אַוועקגעפאָרן אין „לאָק־שעלדרעק" (איך בעט איבער אייער קאָוועד).

:: העלפט גאָט, אַז פון ערשטן קימפּעט שטאַרבט זי. ער קומט צוריק פון לאָקשעלדרעק, ער טוט אַ קוק מיטן אויג — אַ געניייווע. נישטאָ דאָס קעסטעלע! ער טוט אַ הער מיטן אויער — זיין איינציקע טרייסט איז ניפטער געוואָרן.

:: האָט ער כאַסענע געהאַט מיט אַ בראָדוועיער טענ־צערקע, האָט זי אים פאַרסאַמט. האָט זי געקראָגן עלעקטריק־טשער, האָט זלאַטעס מאַן אים געיאַרשנט און פאַרלאָרן די

יערושע אין „וואָל־סטריט". האָט ער זיך געהאַנגען, איז זיין פאָטער געשטאָרבן פון צאָרעס און זיין מוטער האָט געהאַט אַן אַטאָמאָביל־„עקסידענט": פאַרנדיק צו דער לעוואיע איז זי געשטאָרבן.

:: און נאָך אַ דרייסיק מענער און פרויען זענען געשטאָרבן אין ערשטן קאַפּיטל. אין צווייטן זענען שוין געשטאָרבן ווייניקער: אַ צען־צוועלף לייטע — געשטאָרבן, און עפּעס אַ פיר־פינף — פאַרוואונדעט.

מעכלין האָט אים איבערגעשלאָגן: — אזוי? מע האַלט אין איין שטאַרבן באַ אייער לאַנדסמאַן אין בוך!

— ניין, — פאַרענטפערט אים געצלבערג, — אין דריטן קאַפּיטל איז שוין שטיל. די פייגעלעך זינגען, דער סאָלאָווייטשיק זינגט. דער פאַסטעך זינגט און פייפט. די ווייסע שאָף פאַשען זיך אַפן גראָז. דער הימל איז בלוי. ס'גראָז איז גרין. די ביימער זענען גרין. אָבער באַם סאָף פאַסירט גראַדע, אַז דער פאַסטעך דערהאַרגעט זיין טאַטע־מאַמע און אַ וואָלף עסט אוף דעם פאַסטעך, און אַ דונער דערהאַרגעט דעם וואָלף. ווייטער איז שוין ווידער שטיל.

מעכלין טוט אַ מאַך מיט דער האַנט: — ס'טויג נישט!

געצלבערג גיט אים צו: — אַוואַדע טויג נישט. איך וויים אַן אייך. אַז פון ביכער קען מען זיך נישט אַרופאַרבעטן. קונסט איז אַזוי ווי אַ לעוואָנע: ס'איז גרינג צו קוקן און שווער צו „מאַנופעקטשורן".

ער פאַרקוקט זיך אַף דער לעוואָנע: — אַך, סאַ טייערע לעוואָנע, אַזוי ווי אַ „יוראַפּשע". אַזאַ לעוואָנע האָב איך איינמאָל געזען אין מיין „היימאַט", ווען איך האָב כאַסענע געהאַט מיט מיין מאַמען.

— וואָס? — זאָגט מעכלין, — איר האָט כאַסענע געהאַט מיט דער מאַמען?

געצלבערג קוקט אים אָן מיט כויזעק: — וואָס זשע איר ווייסט נישט, אַז צווישן רייכע געלערנטע מענטשן רופן זיך מאַן און ווייב „טאַטע מאַמע"? איך רוף זי מאַמע און זי רופט מיך פּאַפּע. מיר פירן זיך,גאַטזיידאַנק, ווי באַ לייטן. איר מעגט אַמאָל קומען צו מיר אַף אַ „סאַפּער", וועט איר זען, אַז אַפילע מיין ווייב האָט אויך ליב קונסט. זי האָט די שענסטע „דאַימענדס" און

זי וויל איך זאָל איר קויפן אַ נייעם אָטאָמאָביל און „מופן“ אַף „ריווערסאַיד דראַיוו“. באַ איר איז נאָר קונסט! זי איז נישט קיין פּראָסטע, די פרוי מיינע.

דער טעלעפאָן האָט גענומען קלינגען. אַ שטימע האָט אויס־געריפן: — מיסטער געצלבערג, טעלעפאָן!

געצלבערג האָט זיך אַ יאָג געטאָן מיט גרויס ראַש. אַפן וועג איבערגעקערט אַ קינד, אַריין אין בודקע און געשריגן זייער הויך:

— העלאָ, מאַמע! האַ? ווידער די יוניע! איך הערס נישט! כ׳זענען פאַראַן „פּלענטי“ גענוג ליידיקגייער! ס׳איז זומער, נישט ווינטער! בלינצעס! האַ? ניין, ניין! ב ל י נ צ ע ס! „בי“, לאַיק אין באַרשט; „על“, לאַיק אין לאָקש; „אינצעס“, לאַיק אין פּיקס אינטשעס. לאַנגע בלינצעס. נישט געבן קיין „רעיז“! די לעוואָנע איז דאָ אַ שיינע. ווילסט קומען מאָרגן? מאָרגן? מע ווייסט נאָך נישט. היינט האָטן געגעסן בלינצעס. „בי“, „לאַיק אין“ אַזוי ווי פריער. מאָרגן וועט אויך זיין אַ גוטינקע זאַך. מאַמע! העי, העי, „האָלד די וואַיער“. דאָ איז אַ געלערנטער אוילעם. נעם מיט אַלע דאַימאָנדס מיט אַ גרויסן קנאַבל־וואורשט, „אַי קים יו גוד־באַי“.

געצלבערגס פרוי עסט נישט

אַף מאָרגן צו מיטיק זענען שוין געזעסן מיסטער און מיסעס געצלבערג זייט באַ זייט. זי איז געווען אויסגעפּוצט אין הוט, מיט דימענטן אַפילע אַף די גראָבע פינגער, און האָט זיך געבלאָזן קעגן די אַנדערע פרויען, וואָס האָבן געטראָגן ליענטעלעך אַרום די האָר און זון־בלוזעס מיט אָפענע פּלייצעס.

מעבלינס פרוי, קלאַרע, איז איר עפּעס נישט געפעלן, ווייל זי האָט געקוקט מיט אַ שמייכל אַף איר געצלבערגן. ס׳איז איר נישט געפעלן קלאַרעס קלאָר פּאָנים מיט די בלויע אויגן. נאָר ווען זי האָט דערזען ווי קלאַרע׳ס פּלייצע איז באַשמירט מיט פעטס אַף די רויטע זונ־בראַנדן און די הויט שיילט זיך איר ווי ציגאַרפּאַפּיר, האָט זי זיך אַ ביסל באַרואיקט.

לינקס לעבן געצלבערגן איז געזעסן אַ געלע, בלאַסע פרוי, וואָס עסט נישט. געצלבערג איז צו דער קרענקלעכער בלאַסער פרוי

נישט געווען גלייכגילטיק, ווייל ער איז אַזאַ מענטש, וואָס האָט ליב מענטשן וואָס עסן ווייניק אָדער גאָרנישט.

די מיסעס געצלבערג האָט באַם ערשטן מאָלצייט אויך געוואָלט ווייזן, אַז זי איז נישט קיין פּראָסטע, און ווען פּעני, די קעלנערין, האָט דערלאַנגט קאָטלעטן. האָט די געצלבערג געפּאָדערט „טשיקן". איז גראַדע נישט געווען, איז טאַקע באַם ערשטן מאָלצייט געווען אַ ראַכמאָנעס אַף איר.

האָבן אַלע געגעסן און געבעטן איינער באַם אַנדערן: — די זאַלץ, פּליז! דעם פּעפּער, פּליז! דעם כריין, פּליז! דאָס ברויט, פּליז! וואַסער, פּליז! — און מיסעס געצלבערג איז געזעסן אַ פּאַרלוירענע לעבן איר מאַן, וואָס איז געווען שטאַרק פּאַרטיפט אין זיין טעלער, און נישט באַמערקט וואָס דאָ גייט אָן.

זי האָט אַרויסגעקניפּט אַ שטיקל ברויט, גענומען צום מויל און עס אויך אַוועקגעלייגט. און אַלע אַרום איר קייען מיט די ציין, שניידן מיט די מעסערס, שטעכן מיט די גאָפּלען, טרייסלען מיט די זעלצערס און בעטן איינער באַם אַנדערן: — די וועדזשטייבלס, פּליז! די סעלערי, פּליז! די פּאָטייטעס, פּליז! די גרינגסן מיט עסיק, פּליז! די קרעמבערי סאָס, פּליז! די פּיקלס, פּליז! דעם קעטשאָפּ, פּליז! די מאַיאָנעיז, פּליז! די גרין פּיז, פּליז! — און זי נעבאַך גייט אויס פון הונגער מיט אַלע אירע דימענטן און בריליאַנטן.

זי האָט דאָס לענגער נישט געקאָנט פּאַרטראָגן. האָט זי זיך אופגעהויבן און איז מיט האַסטיקע קלאַפּנדיקע קנאַפּל אַרויס פון עס־צימער.

מיסטער געצלבערג האָט זיך גענומען איילן, געגעסן גיכער, און געבעטן די קעלנערקע, אַז זי זאָל וואָס גיכער צוברענגען דעם צימעס מיט דער טיי מיט די קיכעלעך מיטן „אייזקרים", ווייל ער איילט זיך: זיין פרוי פילט זיך עפּעס נישט מיטאַלעמען.

געצלבערג רעדט וועגן דיעטע

ס'איז געווען א הייסער נאָך־קאַטשקע. די היץ האָט א ברי געטאָן ווי א היים פּרעסל אין בוזים־קעשענע. די בלעטער אַף די ביימער זענען געהאַנגען ווי געליימט, זיך נישט א ריר געטאָן. און די זון האָט געפייערט פייער אַף פייער. דאָס גראָז האָט געטרוקנט און געטרעסטשעט אונטער די פיס, אַזוי ווי אייער־שאָלעכץ.

דער קודלאַטער, פעטער הונט, וואָס הייסט נאַפּטאָלי, איז געלעגן פויל אַף די טרעפּ פון דער וועראַנדע און אַרויסגעאָטעמט דעם צונג מיט א גיכן: כהי־הע! כהי־הע! כהי־הע! ער איז געווען אַזוי צעטראָגן פון דער היץ, אַז ווען א קינד האָט אים א רייץ געטאָן אַף א וועווערקע וואָס איז געשטאַנען רעכטס, האָט ער זיך א יאָג געטאָן לינקס — פּונקט פאַרקערט. די געסט האָבן זיך באַקלאָגט אַף דער היץ יעדער אַף זיין אויפן:

— סאַהיץ א ביסל!
— היים, היים!
— „איץ האָט"!
— צו היים!
— סע באַקט!
— ביזט א מייוון, יאָסל, אַף דער היץ?
— סע פּאַרעט, אַ־ווּאַ!
— ס'איז נאָך הייסער פון נעכטן!
— ווי היים קער שוין זיין אין ניויאָרק?

פונדעסטוועגן איז קיינער דאָ אַף דער דאַטשע נישט געפאַלן פון היץ. ווייל אַף די בערג, לעבן א טייך, לעבן א וואַלד — איז נישט אַזוי גרינג צו פאַלן פון היץ.

קיין גרויסער כילעק איז אָבער נישט געווען דער קעכין, מיסעס ברוסט, וואָס שטייט א גאַנצן טאָג באַם ריזיקן אויוון, ווייל ווען אין דרויסן איז א טראָפּן קילער, ווען דען דער אָנגעגליטער אויוון קילער היצן?

אָבער די געסט אין גאָרטן, אונטער גרינע שאָטנס, נאַקעטע אַף די שפּיצן־בערג, באַם טייך און אין טייך — פּיכען מיט די ווייַשעטלעך, שיפּן זיך און קרעכצן, קרעכצן און פּישן, שיפּן זיך און שווימען און וויינען: פוי, צו היים!

פאַר די טעלער־וואַשער אין קיך ווערן צוגעשטעלט בערג מיט שמוציקע טעלער. זיי האַלטן אין איין וואַשן און שווענקען און ווישן און רייבן. ווייל ביז מע צעוואַשט שוין אַלע, אַלע טעלער, דאַרף מען שוין וואַשן די טעלער, וואָס מ׳האָט ערשט געוואַשן.

אַלע קיך־מענטשן ווינטשן זיך, אַז מע זאָל שוין איבערקומען דעם לעצטן טאָג, „לעיבאָר דעי“, און באַפרייט ווערן פון דעם געהענעם. זיי האָבן אַפילו נישט קיין צייט זיך צו באַקלאָגן אויף די היצן.

נאָר די געסט נעבאַך אינדרויסן באַקלאָגן זיך: — הייס, סאַהיצאַביסל!

געצלבערג זיצט אונטער אַ בוים, האַלט לעבן זיך אַ סיפאָן סעלצער און ראַטעוועט זיך. מיסעס געצלבערג איז אַרויף אין צימער זיך אָנטאָן דעם באָד־אַנצוג. ער האָט אויך געזאָלט גיין, נאָר ער האָט דערזען די געלע קראַנקע פרוי, האָט ער זי אָפּגע־שטעלט און זי געלויבט דערפאַר וואָס זי עסט נישט.

— איך, — זאָגט ער, — בין שוין אַ ביסל צו פעט.

— נו, — זאָגט די קראַנקע פרוי, — דאַרפט איר עסן אַ ביסל ווייניקער, אַזוי ווי איך.

— אַי, — זאָגט געצלבערג, — מיר העלפט עס נישט. עפּעס אַ דאָקטאָר האָט מיר נישט געהייסן עסן קיין קאַרטאָפליעס, האָט עס געקאָסט אַ פינפערל און ס׳האָט נישט געהאָלפן. האָט מיך מיינע געשלעפּט צו אַן אַנדער דאָקטאָר, האָט ער גענומען אַ צענערל, און מיר דערפאַר נישט געהייסן עסן קיין פּוטער. האָב איך זיך מעכאַיע געווען, ווייל איך האָב שוין פּאַשעט געבענקט נאָך אַ קאַרטאָפליע.

פרעגט די פרוי: — אַלעמאַי האָט איר נישט געפרעגט דעם דאָקטאָר צי איר מעגט עסן קאַרטאָפליעס?

ענטפערט ער בייזלעך: — איך בין נישט קיין אידענע און האָב פיינט דרייען יענעם אַ קאָפּ מיט קאַרטאָפליעס. ער האָט געזאָגט „נאָ פּוטער“, איז אויס פּוטער, און פּאָטער אַן אייסעק! נאָר מיין פרוי האָט מיך ווידער געשלעפּט צו גאָר עפּעס אַ גרויסן פּראָפעסאָר. האָט ער גענומען אַ פינפונצוואַנציקער און מיר גע־הייסן עסן „טאָוסט“. לאָזט זיך אויס אַ מאַיסע, אַז פון דעם „טאָוסט“ איז מיר אין איין מאָנאַט צוגעקומען צוואַנציק פונט.

די קראַנקע פרוי האָט זיך אַזש אַ כאַפּ געטאָן באַם קאָפּ: —
אַזוי? וואָס זשע האָט איר געטאָן?

ענטפערט ער: — איך האָב באַלד אופגעהערט עסן דעם „טאָוסט“. ס'איז דאָך אַ סאַם! שטעלט אייך פאָר, איך האָב דריי מאָנאַטן נישט געגעסן קיין פוטער, איז מיר נישט צוגעקומען אַזוי פיל וואָג ווי פון איין מאָנאַט עסן „טאָוסט“.

— עפשער, — זאָגט די קראַנקע פרוי, — דאַרפט איר מאַכן „עקסערסאַיז“?

ענטפערט ער: — איך וואָלט עס מאַכן, אָבער אַז מע שמועסט אַז ס'איז גוט פאַרן קערפּער, איז דאָך זייער שלעכט. ווייל אויב איך פיל גוט, ווער איך פעט. איך האָב געמאַכט „פּלענטי עקסער־סאַיז“, ווען איך בין געווען אין דער מילכאָמע.

— איר זענט געווען אין דער מילכאָמע? —פרעגט די געלע פרוי.
— דערציילט עפּעס פון דער מילכאָמע, מיסטער געצלבערג.

— אַי, — מאַכט ער, — וואָס איז דאָ צו דערציילן? איר ווייסט נישט אַליין? מע זעצט און מע שיסט און מע לאָזט נישט אויסרעדן אַ וואָרט.

די קראַנקע פרוי האָט אים ווידער געבעטן: — דערציילט עפּעס, דערציילט, מיסטער געצלבערג. כ'האָב זייער ליב הערן מילכאָמע־מאַיסעס.

געצלבערג קווינקלט זיך: — כ'ווייס? איך שטיי מיר אַזוי אַפן שלאַכטפעלד מיט פינף אידן און מיר פּלאַנעווען אַ גרויסע ביזנעס, ס'הייסט ווען מירן קומען צוריק אַהיים. ווי מע שטייט אַזוי און מע רעדט אויס אַ וואָרט, אינמיטן דרינען: קנאַק! זענען מיר געבליבן פיר....

:: האָבן מיר זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט און ווייטער גע־שמועסט, אַז אַזעלכע פיר פּאַרטנערס, ווי מיר, וואָלטן זיך אַריינגעכאַפּט אין די הויזן־ביזנעס, וואָלט געווען זייער גו.... אינמיטן דרינען: קנאַק! זענען מיר געבליבן דריי...

:: האָבן מיר זיך פאַררוקט גאָר אין אַ ווינקל און גערעכנט — קלענער דער אוילעם, גרעסער די סימכע. דריי פּאַרטנערס מיט שיינע עטלעכע טויזנט דאָל.... קנאַק! זענען מיר געבליבן צוויי...
— איך מיט מיין פּאַרטנער, מיסטער קאָהען. און, גאָטצעדאַנקען,

מיר מאַכן אוים גוט, נאָר די „יוניע“ מישט זיך צו פיל אין פרעמדע געשעפטן.

ער האָט זיך צוגערוקט נענטער און אַרופגעלייגט אַ האַנט אַף דער קראַנקער פרוי'ס אַקסל. זי האָט אים די האַנט באַלד צוריקגעשיקט.

געצלבערג שאָקלט מיטן קאָפּ: — אַי, — זאָגט ער, — די יוניע, די יוניע!

מיסעס געצלבערג איז אַרויסגעקומען אין אַ גרינעם באָד־אַנצוג מיט אַ גומענער יאַרמילקע אַפן קאָפּ. זי האָט גענומען איינטאַינען מיט געצלבערגן, אַז ער זאָל זיך אויך גיין באָדן. אָבער געצלבערג האָט בּאַראָטע געהאַט.

— צו הייס, — זאָגט ער, — צו הייס זיך אויסצוטאָן.

האָט די מיסעס געצלבערג באַלד צענויפגעשלעפט אַ פּאָר איידעס און זיך געשוואוירן, אַז אויב ער גייט זיך מיט איר נישט באָדן, וועט זי אים נישט אופוועקן צו „ברעקפעסט“.

אַזאַ שפּיצל האָט זי אים שוין איין מאָל אָפּגעטאָן. איז טאַקע דער פּלאַץ געגאַנגען כּאַדאַראַם. געצלבערג איז אַרומגעגאַנגען צו יעדן איינעם און זיך באַרימט:

— איר ווייסט, מיסטער אַלעף, איך האָב היינט נישט געגעסן קיין „ברעקפעסט“.

— פאַרוואָס? — פרעגט יענער.

— ווייל, כ'ווייס? — ענטפערט געצלבערג, — אַז מע עסט נישט, איז מען בעסער אָפּ.

ער רייסט זיך אָפּ פון מיסטער אַלעפן און כאַפּט אָן מיסטער בייזן: — איר ווייסט, מיסטער בייזן, היינט האָב איך דורכ־געלאָזט אַ „ברעקפעסט“.

פרעגט יענער: — פאַרוואָס?

— אָ, — מאַכט ער, — זאָל מיינס איבערגיין. איר מיינט אַז אַ מענטש מוז האַלטן אין איין עסן „ברעקפעסט“ אַפן ניכטערן מאָגן? באַ מיר קען אַמאָל טרעפן, אַז איך זאָל דורכלאָזן אַ „דינער“ אויך. יאָ, יאָ! איר זעט מיין אויג? ווען איך בין געווען אין מילכאָמע, און אַ קאַנאָן האָט מיר אַ שאָס געטאָן אין אויג אַריין, האָב איך זיך געטראַכט: וועו! „ד'העל ווידיט“! האָב איך נישט געגעסן קיין „דינער“ און איך לעב! איר זעט דאָך.

געצלבערג האָט זיך זייער געגרויסט דערמיט וואָס ער האָט דורכגעלאָזט אַ פרישטיק. אָבער דאָס ווייב, אונטער פיר אויגן, האָט ער שיר דערהאַרגעט. ער האָט זי יענעם פרימאָרגן נאָר גע־וואַלט געטן: — וואָס הייסט מע לאָזט אָן אייגענעם מאַן שלאָפן אָן „ברעקפעסט"? וואָס בין איך דיר אַ מאַן צי אַ הונט? איכל דיך געטן ווי אַ הונט פאַר אַזעלכע שטיק! איך האָב עס פיינט!

אָבער איצט, ווען זי האָט דערלאַנגט דעם סטראַשע, אַז זי וועט אים נישט אופוועקן צו פרישטיק, איז ער געבליבן צעטומלט, ווייל אַזאַ ווי זי, קען אים טאַקע ווידער אַמאָל נישט אופוועקן. האָט ער נישט געמאַכט קיין טאַינעס, און אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך באַוויזן אַ נייער מיסטער געצלבערג: אַ ווייך אָנגעגאָסענער בויך אַף צוויי דינע בלויע פיסעלעך, אין אַ לאַנגן שלאָפראָק מיט אַ גאַרטל, וואָס האָט זיך געשלעפט אַף דרערד, און אַ קעצעלע איז נאָכגעשפרונגען און געדראַפּעט דעם קוטעס מיט דער לאַפּקע.

אין טייך איז זי פריער אַריין און אים גענומען רופן: — פּאַפּע, קום אַריין! האָקעמוירעניט! ס'וואַסער איז וואַרעם ווי אין אַ טעפּל. קום, קום!

ער האָט אַריינגעטאָן אַ פוס אין וואַסער און אים גיך אַרויס־געכאַפּט אַזוי ווי פון פייער.

— קום, קום אַריין, האָקעמיירעניט, — שרייט זיין פרוי.

ער האָט מיט געוואַלד זיך אַריינגעצוואונגען אין וואַסער ביז די קני, און מוירע געהאַט זיך אַ ריר טאָן. איז זי צוגעקומען, אַרונטערגערוקט איר קאָפּ אונטער זיין פּאַכווע און געזאָגט:

— פּאָפּעלע, וואָס איז דער מער מיט דיר? דאָס איז דאָך די שיינע נאַטור! זע, קוק: אַ בוים, אַ באַרג, אַ פייגעלע, סעשמעקט, ס'איז „ביוטיפול", בעסער פון אַ געט, האַ?

— נו, — ענטפערט ער, — זאָג אַליין, דאַרף מען דערצו קריכן אין וואַסער? אָט בין איך אָנומעלט געשטאַנען אַפן „פּאָרטש", און דו האָסט געמעגט זען סאַראַ טייערע לעוואָנע ס'איז געווען. ס'איז געווען אַזוי שיין, כאָטש נעם און „מאַנופעקטשורער" עס. איך האָט גערעדט פון קונסט און ס'איז געווען אַמעכאַיע, און מ'האָט זיך נישט באַדאַרפט אויסטאָן נאַקעט גאָר. — דערביי האָט ער אַ ציטער געטאָן: וואַ, וואַ! קאַלט!

— ניין, — זאָגט זי, — דו פאַרשטייסט נישט. נאַקעט איז שיין. אַזוי ווי מיר האָבן געזען דעם שטיינערנעם מענטש בא דער „לאַיבערי". געדענקסט, ווי שיין ס'איז געווען?

— גיי, — זאָגט ער, — דערצייל מיר נישט קיין מאַיסע. געדענקסט, ווען מיר האָבן געוואוינט אין ברוקלין, איז באַם גאַי אין גאָרטן אויך געווען אַ נאַקעטער מענטש. זיי האָבן אים גערופן דער „דענקער". האָבן די שכיינים נישט געוואָלט ליידן, אַז לעם זיי זאָל זיצן אַ נאַקעטער מענטש, האָבן זיי גענומען דעם גאַי אין „קאָרט", און דער „דזשאָדזש" האָט געפּאַסקנט, אַז מע זאָל דעם „דענקער" אויסקליידן. האָבן זיי אים אָף „קריסמעס" אָנגע־טאָן אַ פּאָר „ניקערס". געדענקסט?

אינמיטן טאַינען האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ גלאָק. געצלבערג איז אַ צעמישטער אַרויסגעלאָפן פון וואַסער, אַפן וועג ווידער איבערגעקערט אַ קינד, און גענומען לויפן עסן.

מיסעס געצלבערג האָט אים נאָכגעשריגן: — שלימאַזל, וואוהין לויפסטו? דאָס קלינגט די בעהיימע מיטן גלאָק אַפן האַלדז!

— אָבער ער איז שוין געווען ווייט.

געצלבערג איז אַזוי געלאָפן אָן אָטעם, אַז ער איז אַזש איבער־געלאָפן דאָס הויז און ערשט געבליבן שטיין באַם קליינעם פּאַרקנדל הינטער דער קיך.

ער האָט גענומען זיך אַרומקוקן און פּלוצים דערזען דעם „דיש־וואַשער", וואָס האָט אויך געהאַט גרויסע וואָנצעס און אויסגעזען ווי אַ קאַיסן, פּונקט ווי יענער וואָס האָט אים געפּאַטשט אין אויג

אַריין. געצלבערג האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן באַם אויג און איז געלאָפן צוריק, אַ דערשראָקענער. ער איז אַרויף אין הויז און זיך גענומען פּאַקן.

זיין פרוי איז אָנגעקומען מיטן נאַסן באָד־אָנצוג און געפרעגט:

— וואָס טוסטו?

— איך פּאַק און איך פאָר, — ענטפערט ער אַ פאַרסאַפּעטער.

— אָבער, — שרייט זי, — וואָס עפּעס מיטנדרינען?

ענטפערט ער: — מע פאָרט אַהיים, און פאַרטיק!

זי האָט געזען, אַז ער מיינט עס ערנסט, האָט זי אויך גענומען פּאַקן אירע זאַכן.

ער איז אַראָפּ אין אָפיס. דער קאַסירער פון האָטעל האָט אים געפרעגט: — שוין פאָרט איר?

ער ענטפערט פאַרסאַפּעט: — גיט מיר אַ „ביל“, איך פאָר שוין אַהיים.

די געלע קראַנקע פרוי איז צוגעגאַנגען: — וואָס איז, מיסטער געצלבערג? וואָס איילט איר זיך?

— איך פאָר אהיים! איך פאָר שוין אַהיים! העי, מאַמאַ! גיכער!

ער האָט באַצאָלט דעם קאַסירער. אים איבערגעצאָלט אַ זיבעציק דאָלער צו־פיל. דער קאַסירער איז אים נאָכגעלאָפן אין דרויסן אַרויס, אָפּגעגעבן דאָס געלט. געצלבערג האָט אין איין האַנט געהאַלטן דעם טשעמאָדאַן, אין דער צווייטער — די צעוואָר־פענע צעקנייטשטע דאָלער־פּאַפּירן. ער איז אַריין אין „קאַר“, געהייסן פאָרן, און נישט באַמערקט ווי זיין פרוי האָט נאָך נישט אוספּיעט צוצולויפן. זי האָט גענומען קוויטשען: פּאַפּאַ! און אַלע געסט האָבן געשריגן: העי! „וועיט עי מינוט! יור וואַיף! יור וואַיף!“

די מאַשין האָט גענומען פאָרן קריקוועגס. אַרופגעכאַפּט די מיסעס געצלבערג, און איז פאַרשוואונדן הינטער דעם בלויען געזאָלין־רויך און געלן שטויב.

סאָוועטישע גרעניץ־וואַך.

סאָווקאַרטעס

באַ דער סאָוועטישער גרעניץ (פינלאַנד)

אינם סאָוועטישן טאַמאָזשנע־קאָנטאָר האָט געגליט אַן אייזערנער אויוון. אַ יונגערמאַן, אין פּראָסטע שטיוול און אַ קורץ רעקל, האָט געבעטן עפּענען די טשעמאָדאַנעס. לעם אים זענען געשטאַנען צוויי רויט־אַרמייער אין לאַנגע שינעלן ביז דער ערד. זיי זענען נישט געשטאַנען גלייך ווי סטרונעס, נאָר ווי היימישע מענטשן אין אַ וואַרימער שטוב.

דער יונגערמאַן האָט פריער געפרעגט דעם פּאַסאַזשיר: — האָסט דאָרט אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט, אַ שרייב־מאַשין, אָדער אַנדערע מאַשינקעס ?

כ'האָב באַמערקט אַז די אַלע שמאַטעס, וואָס ליגן אין אַ טשעמאָדאַן, גייען אים ווייניק אָן. קוים אָבער האָט ער געפונען אַ בוך, אָדער אַ מאַנוסקריפּט, האָט ער דאָס אָפּגעגעבן אַ רויט־אַרמייער. יענער האָט אַריינגעקוקט אין אים, און אויב עס איז

אים געווען קאַשע, האָט ער זיך אַנטשולדיקט און דאָס אַריינגע־טראָגן אין אַן אַנדער צימער עקזאַמענירן.

איך גראַדע פיר זיך מיט אַ פולן טשעמאָדאַן טאַלאַנט: מאַנוסקריפטן, צייכענונגען, בריוו. האָב איך אַרויסגענומען דעם רעקאָמענדאַציע־בריוו וואָס כאַווער נאָוויק האָט מיר מיטגעגעבן, און געזאָגט:

— איך האָב זייער פיל אַזעלכע פּאַפּירן, און גראַדע אידישע.

נעמט ער לייענען דעם בריוו. — נישט דאָ לייענט, — זאָג איך, — דאָ איז געשריבן אַף אידיש. אַף דער אַנדערער זייט איז די איבערזעצונג אַף רוסיש.

כאַפּט ער אַף מיר אַ בליק פון הינטער די ברילן און זאָגט:

— „ניע בעזפּאָקאָיטיעס, מי טשיטאַיעם פּאָ יעווריעסקי"!

כאָטש איך האָב געוואוסט, אַז דאָס רוסישע וועט ער גלאַטער איינשלינגען, האָב איך אָבער פאַרשטאַנען, אַז פאַר אַ נאָווינע, האָט ער ליב אַ אידיש וואָרט.

באַלד האָט מען אונז גערופן אין אַן אַנדער אָפּטיילונג צו ווייזן אונזערע קאַסטנס מיט מאָדיקאָטן (די אידישע מאַריאָנעטלעך). ווי נאָר מיר האָבן געעפנט איין קאַסטן, איז זיך פונקט פונאויבן געלעגן גאַנדי, האַלב נאַקעט, און געבלישטשעט מיט די ברילן. די סאָוועטישע באַאַמטע האָבן אים באַלד דערקענט, און זיך הויך צעלאַכט.

האָט איינער טיפער אַ ראָיע געטאָן אין די מאָדיקאָטן, האָט זיך באַוויזן דער מאַגיד, איינגעוויקלט אין טאַלעס, מיט דער באָרד אויסגעצויגן ביז די פיס. מיר האָבן אונטנאַרימער אַ צי געטאָן אַ שטריקל, האָט דער מאַגיד גענומען פינטלען מיט די אויגן.

— נו, כאַראָשאָ! — די מאָדיקאָטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר געוואונטשענע בירגער.

מיר גייען אַלע צוריק צום באַן. ווייסעד וואָס! דער פינלאַנ־דער באַן איז נישט געבליבן. עס זענען פאַרשוואונדן יענע אָפּגעטיילטע ענגע קאָמפּאַרטאַמענטלעך, מיט די באַפּוצטע קאָנדוקטאָרן.

דאָ האָבן מיר אַ ברייטן לאַנגן וואַגאָן, מיט לאַנגע בענק. אינמיטן ברענט אַן אייזערנער אויוון. אונטער די בענק ליגן קורץ־

געשניטענע דעמבעס. ס'איז וואַרעם און היימיש. אַף די בענק זיצן פּויערים אין פּעלצן און באַשליקן, פּרויען מיט שאַלן, וואַטאָווע לייבלעך, וואָליקעס און מע רייבט די סודע. פֿון



(פֿינלאַנד)

טאָרבעס אַרויסגענומען לאַטקעס, זויערקרויט, פֿיש, ברויט. מע עסט מיט אַזאַ אַפּעטיט, אַז ס'איז אַ געוואַלד.

דער קאָנדוקטאָר, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצער טוזשורקע מיט אַ צוויי בלייענע קנעפּלעך פֿון יאָיצע־וועגן, האָט געזען אין אונז, אַז מיר זענען שוין זייער נייגיריק אָנצוקומען אין לענינגראַד, איז ווען ער האָט נאָר צייט געהאַט, איז ער אַליין צוגעקומען צו אונז און געזאָגט: — נאָך אַ האַלבע שאָ! נאָך 10 מינוט! נאָך דריי מינוט ביז לענינגראַד!

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיר געבן דריי שפּאַן פֿון דער באַן און שפּאַנען אַריין אין לענינגראַד.



„ער אַרבעט פאַר דער געשיכטע"

וואו איז ערגעץ דער לענינגראַדער אידישער אַרבעטער קלוב? אָבער עס גלוסט זיך נישט אָפּשטעלן עמיצן וואָס לויפט גיך און פרעגן, ווייל ביז מע זאָגט אים מיט אַ צעבראָכענעם צונג וואוהין מע דאַרף, קען ער נאָך פאַרשפּעטיקן דעם פינף־יאָר־פּלאַן.

אָבער ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און אָט גייט זיך מיט דריבנע טריט עפּעס אַן איינגעקאָרטשעטער, דער קאַפּעליוש דעקט אים צו ביז די אַקסלען, און ס'שפּאַרן זיך לאַנגע האָר פון אונטערן קאַפּעליוש. האָבן מיר אים געטאָן אַ שטעל אָפּ:

„סקאַזשיטיע, פּאָזשאַלוסטאַ, גדיע יעוורעיסקי ראַבאָטשי קלוב"?

ענטפערט ער אין אידיש: — איר זענט דאָך אידן פון אַמעריקע, דאַכט זיך? אויב אַזוי, קומט פריער אַריין צו מיר אין שטוב, וועלן מיר זיך דורכרעדן. נאָכדעם וועל איך אייך אַליין אָוועקפירן צום אַרבעטער־קלוב.

— ווער־זשע זענט איר אַליין?

זאָגט ער: — איך בין אַ סקולפּטאָר!

— אַ סקולפּטאָר? אַרבעט איר דאָך אַוודע פאַר דער רעגירונג?

— ליידער, ניין, — ענטפערט ער. — איך אַרבעט פאַר דער געשיכטע. איך בין אַן עמעסער קינסטלער און קען נאָר טאָן לויט מיינע שטימונגען. זעט איר, מיין ווייב, איז איינע פון די וויכ־

ער אַרבעט
פאַר דער געשיכטע

טיקסטע הויפּט־מענטשן דאָ אין לענינגראַד. זי איז דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דעם הויפּט־פאַרלאַג אין דער הויפּט־אָפּטיילונג פון

דער הויפּט־דרוקעריי אין דעם הויפּט־צענטער פון די הויפּט־בעלעטעריסטן און הויפּט־דיכטער.

דער סקולפּטאָר האָט אונז געוויזן זיין ארבעט פאַר דער געשיכטע. אָבער פון דער געשיכטע קען ער קיין לעבן נישט מאַכן, גייט ער מיט אָפענע פּיאַטעס.

אויף דער פראַגע, צי וואָלט ער געקענט פאַרדינען, ווען ער וויל טאָן ארבעט פאַרן לאַנד, האָט ער געענטפערט: — אָהאָ! — ער וואָלט געגאַנגען אין גאָלד, נאָר ער האָט ראַכמאָנעס אויף דער געשיכטע.

האָבן מיר אים אָנגעהויבן באַווייזן וואָס פאַר גרויסע קינסטלער שטעלן צו אַן אַקסל צום פינף־יאָר פּלאַן און די געשיכטע ווערט גאָרנישט געקריוודעט דערפון. האָט ער געענטפערט, אַז דאָס ווייסט ער אַליין, נאָר ער איז אופגעצויגן געוואָרן אין א יעשיווע און ער קען דאָס אופגעצויגעניש פון זיך נישט אַראָפּציען.

זאָג איך אים: — קענט איר דאָך מאַכן אַנטי־רעליגיעזע אַרבעט?

ענטפערט ער: — וואָס טויג אייך דאָס רעדן, אַז מיין ווייב האָט פון מיר קיין לייט נישט געמאַכט, וועט איר דאָס אויך נישט מאַכן.

ער האָט אונז געוויזן זיין אַרבעט, געשטעלט טיי, און ביז ער האָט זיך אויסגעקליבן אונז צו פירן צום אַרבעטער־קלוב, האָט מען שוין מער קיינעם נישט אַריינגעלאָזט.

עס איז דאָרט געווען א יאָנטעף, איז דער קלוב געווען איבער־געפּאַקט. דער אוילעם וואָס איז זייער ביינגיריק געווען אַריינצוגיין, האָט זיך געשטופּט. האָט דער מאַן וואָס שטייט באַם טיר אַרויפ־גערופן א מיליציאָנט, אַז ער זאָל הייסן דעם אוילעם זיך צעגיין.

דער מיליציאָנט איז אַרויף און געזאָגט צום מאַן באַם טיר: — זיי זעען דאָך אַליין, אַז ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ. זיי וועלן אַליין אַוועקגיין. צו וואָס טרייבן מענטשן? ער איז אַרונטער־געגאַנגען און אַלע זענען אים נאָכגעגאַנגען.

„איבערגעכאַפּט די מאָס"

גייען מיר עסן וועטשערע אין אינטוריסט רעסטאָראַן. די סטאָלאָוועס זענען פול. די קעלנער פליען מיט פולע טעלער און טאַנצן. ס'איז יאָנטעפדיק.

אַף דער מוזיקאַלישער פּלאַטפאָרמע טרעטן־אויף אוקראַיִנישע און ציגײַנערשע זינגער און טענצער. דער רעסטאָראַן איז אָנגע־פּילט מיט פרייד און מיט ליכט.

לעם אונזער טיש זיצט אַ רוס מיט אַ פרוי. ער כאַפּט אַ דרימל און זי כאַפּט מיט אונז אַ שמועס. זי דערציילט אַז איר מאַן איז אַן עקאָנאָמיסט. — נו, — זאָגט זי, — אַ גאַנץ יאָר כעשבנט ער און רעכנט, נאָר איצט האָט ער פאַרלוירן דעם כעשבן און איבערגעכאַפּט די מאָס. אָבער ער טרינקט זעלטן, אָטשען ריעדקאָ!

שליטנס און טראָקס

אין די טיפע שנייאיקע כאַדאָשים גייט אָן אַ קאַמף צווישן אויטאָ און שליטן. ווײַבאַלד דער שניי ווײַסט אַף די שטיינערנע גאַסן אין מאָסקווע, יאָגן זיך שליטנס אין זאַפּטיקן שניי און לאַכן. טראָקס בלײַבן פון צײַט צו צײַט שטעקן אין שניי און די רעדער דרייען זיך פאַרצווייפלט ארום זיך, האָבן די שליטנס נעקאָמע: ענדלעך קענען זיי אַריבעריאָגן אַ טראָק וואָס שטעקט אין שניי. קומען אָבער אונטער קרעפטיקע פּלייצעס און מען זאָגט דעם טראָק אין אויער אַריין עפּעס אַזאַ מין שפּראַך... און דער טראָק צעקאָסט זיך, צעגאַזלענט זיך און לויפט אַוועק מיט אַזעלכע גע־וואַלדן, פונקט ווי מען וואָלט אים אונטערגעסאַמט.

האָט אָבער מאָסקווע אַזאַ טעווע: אַזוי גיך ווי דער שניי נעמט זיך אײַנפונדעווען אַף די שטאָטישע גאַסן, מאַכט מען אַף אים אַן איבערפאַל מיט שפּאַדלען, בעזימער, לאָפּעטעס, אײַזנס און מע שינדט אים אָפּ ביזן שטיין. ערשט דעמאָלט הויבט זיך אָן די פרייליכע כאַסענע.

אויב איר זענט אין ראַטן־פאַרבאַנד נישט קיין גרינער, און איר ווייסט וואָס ס'הייסט „קאָלווירט", „סאָוו־ווירט" און איר זעט פון פאָרנט אָנקומען אַ שליטן מיט קלעצער, דאַרפט איר שוין אַליין פאַרשטיין, אַז הינטער דעם שליטן פאָרן נאָך אַ לאַנגע ריי

שליטנס מיט קלעצער. און וואו מען פאָרט אונטער צו אַ שטיקל באַרג־אַרוף, הערט איר שוין הויכע באַלעגאַלישע שטימעס: העי, נו, וויאָ, קובילאַ, נו, עטיאַ, עטיאַ, קודאַ טי ליעזיעש? וויאָ, נו, „קאַלווירטניק" וויאָ! מע שמייסט אונטער און די פערד גליטשן זיך פון פעל אַרויס אַף די אייז־באַגלאָזטע שטיינער.

דערשרעקט זיך אַ גרין פערד, שאָקלט מיט די בלייכע אויערן. עס גליטשט זיך אויס אַ פערד. ווערט שוין אַף אים אַ ראַכמאָנעס. גיט מען אים אַ צוקער־בייגעלע. מע הויבט אים פאַרן ווײדל, מע פאָרקעט אים אין פרײדיק, ס'קומען צו אַנדערע פורמאַנעס מיט אייז אַף די בערד און פראָסט אַף די פעלצן. זיי קיצלען אים אין בויך, רעדן צו אים צאַרטע ווערטער: נו, שעם זיך, טאָוואַרישטש, אַ קאַלווירטניק ווי דו, זאָל זיך צעלייגן אין מיטן מאָסקווע. פע!

מען אַפּעלירט אַזוי צו זײַנע געפילן, און דאָס פערד פאַרשעמט זיך, ווערט רויט ווי אַ בוריק, טוט זיך האַסטיק אַ שטעל אויף, און איך גיי מיר אַוועק. ווייל ווײבאַלד ס'פערד ליגט נישט מער, טאָ וואָס־זשע איז דאָ צו שטיין?

אין מוזיי רעוואָלוציע

אין פּאָדער־הויז, באַם גאַרדעראָב פון „מוזיי רעוואָלוציע“, שטייען פרויען וואָס נעמען צו די קאַלאָשן, פּעקלעך און שטעקלעך באַ די באַזוכער. אָבער וואָס טוט מען מיט דעם? ס'איז אַריינגעקומען אַ קליין עלטער פּויערל מיט אַן אויפגעהאַנגענער טאָרבע אונטערן אָרעם און מיט פאַרשנייטע לאַפּטשעס. וואָס זאָל די גאַרדעראָב־מיידל טאָן מיט אים? אים אויסטאָן באָרוועס?

דאָס מיידל קוקט אַרונטער אַף זיינע לאַפּטשעס, פון וועלכע עס שלענגלען זיך שוין אַ פּאָר שנירלעך וואַסער אַף דער פּאָדלאָגע. ס'פּויערל קראַצט זיך מיט אַ פינגער אונטערן היטל, און ווייסט נישט וואָס דאָ קומט פאָר. די גאַרדעראָבקע טוט אַ זאָג: — וואַרט אַ מינוטעניע, בירגערל.

באַלד איז זי צוריקגעקומען מיט אַ בעזים פון פּראָסטע ריטלעך און געזאָגט: — בירגערל, הויבט אוף אַ פוס. האָט זיך ס'פּויערל געשראָקן. ער איז ס'ערשטע מאָל אַף זיין לעבן אין מוזיי, קער ער מיינען, אַז איידער מען גייט אַריין אין אַזאַ מין אָרט, דאַרף מען פריער אַביסל אָנשמייסן. נאָר זי האָט אים געטאָן אַ טאָרע באַ די לייוונטענע פּלודערן: — הויבט אוף, בירגערל. — זי האָט אים גוט אָפּגעריייניקט די פאַרשנייטע לאַפּטשעס.

אין מוזיי בין איך צוגעגאַנגען צום פּויערל זיך דורכריידן. דערציילט ער מיר, אַז ער איז געקומען קיין מאָסקווע זען זיין זון, וואָס דינט אין קרעמל. זאָגט ער צום זון: — אַזוי ווי איך בין שוין דאָ אין דער גרויסער מאָסקווע, וואָלט געווען קעדאַי אַריינגיין אין אַן עמעסן גרויסן קלויסטער אַ בעט טאָן, אַז אונזער פירער לענין זאָל זיך מיען פאַר אונז. — האָט אים דער זון דערקלערט, אַז ווען אַ טאַטע פון אַ רויט־אַרמייער גייט אין קלויסטער איז דאָס אַ שאַנד און אַ שפּאָט. — בעסער, זאָגט ער, גיי אַריין אין מוזיי־רעוואָלוציע, וועט זיין מער מיצווע. — האָט דאָס פּויערל געטראַכט: זינדיק איז מען, און אויב ס'איז טאַקע מער מיצווע אין מוזיי, פאַרוואָס ניט? איז ער אַהער געקומען.

און אָט האָט ער דערזען עפּעס אַן אַנטי־רעליגיעזע קאַרי־

קאַטור פון אַ פעטן גאַלעך מיט אַ לאַנגן רעבן. האָט ער מיך איבערגעלאָזט, איז צוגעגאַנגען און זיך גענומען ציילעמען. נאָר זעענדיק ווי מען שמייכלט אַרום אים, האָט ער אופגעהערט, און מיטן זעלבן פינגער, וואָס ער האָט זיך געציילעמט, האָט ער אַ וויש געטאָן די נאָז, אונטערגעהויבן ס'היטל, זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ. ער האָט אַריינגערוקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס זייער טיף און אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען, ווי איינער רעדט־: גיי וויים וואָס ס'איז יאָ ריכטיק און וואָס ס'איז נישט ריכטיק פאַר אַן עמעסן באָלשעוויק.

הינטער די אָרשער קוליסן

באַם אויספּאַקן די „מאַדריקאַטלעך" (אידישע מאַריאָנעטן) איז צוגעקומען דער „פּאָזשאַרניק" פון טעאַטער, אין אַ מעשן היטל, און דערציילט, אַז דאָ אין טעאַטער געפינט ער זיך נאָר ווען מען שפּילט, אָבער אַן עמעסער פייערמאַן איז ער, נאָר ווען סע ברענט. אָבער ווען סע ברענט נישט, אַרבעט ער אין אַ שטריק־פאַבריק און ווען ער, זאָגט ער, וואָלט באַדאַרפט ציען פּאַרנאָסע פון די אָרשער סרייפעס, וואָלט אים נישט געסטאַיעט קיין פייער אַף אָפּצוקאָכן אַ טעפּל קאַשע. נאָר דאָס, זאָגט ער, איז באַ מיר אַ פּראָלעטאַרישע פליכט.

קומט אונטער אַף די שפּיץ פינגער אַ געלוואָנצעדיקער שמייכלענדיקער איד און טוט אַ שלעפּ דאָס העקל, וואָס הענגט דעם פּאָזשאַרניק אַפן גאַרטל. דער פּאָזשאַרניק ענטפערט אים מיט אַ פליאַסק איבערן לעדערן היטל, און זאָגט: — העי, דו, סטאָלירוק! האָסט שוין געכאַפּט אַ טרונק בראָנפן?

— זאָלסט אַזוי האָבן יאָרן, — ענטפערט דער געלוואָנצעדיקער.

— וואָס־זשע דיר שטייט שוין ניט אָן קיין סטאָלירוק? און אַ שטריקל־דרייער איז מער מעיוכעס?

— זאָל דיר שוין דרייען אין פופּיק! — ענטפערט דער פּאָ־זשאַרניק — דו מיינסט, אַז מע וויים נישט, אַז דו האָסט זיך אויסגעשריבן פון „זאַגראַניצע" מאַצעס אַף פייסעך? מע...

דער געלוואָנצעדיקער ענטפערט בייזלעך: — נישט דערלעבן

װעסטו, אַז איך זאָל מאַכן פּייסעך. װאָס־זשע, װילסט מיך פאַר־שעמען פאַר די אַמעריקאַנער מאָדיקאָטלעך?

ער כאַפּט אַ קוק אַף מיר און זאָגט: — איך בין מער באָלשעװיק אין די פּיאַטעס, װי ער אין קאָפּ.

— יאָ, אַװאַדע — ענטפערט דער פּאָזשאַרניק, — דו ביסט אַ באָלשעװיק קאָשער לעפּייסעך.

מען האָט דערלאַנגט אַ סיגנאַל, דער פאָרהאַנג האָט זיך גענומען עפענען און די הינטער־קוליסן סצענע האָט זיך געענדיקט באַם אָנהייב.

אַ מאַרק־טאָג

אין אָרשע איז דער מאַרק אָנגעפּאָרן מיט פּויערים און פּויערטעס, שליטנס און װאָגנס מיט פראָסטע דראָבינעס, שװאַרצע קריגעלעך מילך, נייע צעבערס געזייערטע עפּל, שטרויענע קיישלעך מיט אייער, פּוטער געפּאַקט אין גרינע סאַלאַט־בלעטער, ריב־אייזנס, מעלק־שעפּעלעך, קאַטשעלקעס, לאָפּעטעס, אויסגענייטע האַנטעכער, סאַמאָװאַרלעך, װילקעס, בעזימער, שעפּסענע פּעלעכלעך; כאַזיי־רעמלעך, פאַרבונדן אין זעק, קװיטשען מיט די שאַרפסטע פאַלצעטאָס.



דער מאַרק איז אַ ברייט־רונדער פּלאַץ, אַרומגערינגלט מיט קאָ־אָפּעראַטיװע קראָמען. ס׳איז װי אַ ראַשיקער יאַריד. מע שרייט: העי „בערעגיס”! „סטופּאַי נאַזאַד”! מיט באַלעגאָלישע ליולקע־שטימעס. און ס׳פעלט אויך נישט אויס אַ בלינדער בעטלער,

וואָס זינגט א ליד און א טראָפּן אידעאָלאָגיע. ס'איז זיין גליק וואָס ער שפּילט צו אַף דער לירע, אנישט וואָלט אים קיינער קיין גראָשן נישט געשענקט.

אין עק מארק שטייט די באָד, א ביסל איינגעהאָרבעט. ס'שפּאַרט די פּאַרע פון אירע שפּאַלטן, און דער פראָסט פאַרשלינגט זי מיט איין לעק.

פון דער אנדערער זייט מארק שטייט די נייע ברויט־פאַבריק, און דער רויעך פונם ברויט־קוימען דעקט אָפּטמאָל צו די גאַנצע באָד. ס'ווענדט זיך ווי דער ווינט בלאָזט.

דאָס נידעריקע טירל פון דער באָד האָט אויפגעפּראַלט און ס'האָבן זיך גענומען אַרויסשיטן אין פראָסט אַריין הייסע רויט־אַרמייער, אַזש אַ פּאַרע איז געגאַנגען פון זיי. זיי האָבן דערלאַנגט אַ קרעפטיקן זונג און ס'האָבן זיך צעשפּילט עטלעכע ברייט־שטיוולדיקע האַרמאָניקעס. האָט זיך אַן אַלט פּויערל נישט געקענט איינהאַלטן און זיך געלאָזט טאַנצן אַ קאָזאַטשקע מיט די פּאָסטעלעס אין בלאָטע. האָט ער יעדן אַרום זיך אָפּגעשפּריצט. איז מען אָפּגעטראָטן און זיך אויסגעשטעלט אין אַ ברייטן רינג אַרום אים.

דאָס פּויערל האָט אַרופגעטאַנצט אַף אַ פּאַרבלאָטיקט האָרביקל אייז און זיך איבערגעקערט אין בלאָטע אַריין. האָט זיך אַ יונגע פּויערטע נישט געפּוילט, זיך אָנגעבויגן איבער אים און געזאָגט:

— בירגערל, באַצאָל פאַרן פּלאַץ!

דער מאַרק האָט אַסאַך דעקאָראַציעס און קאָסטיומען פון אַמאָל. די כאַזיירימלעך קוויטשען נאָך מיט די זעלבע קוילעס, אָבער די סאָכרים מיט די מעקלערס קוויטשען שוין נישט.

דער קאָנטערעוויצינער

אין זשיטאָמיר באַם פּודעיל, הער איך ווי מען קריגט זיך. טראַכט איך: וואָס איז דאָס? אינמיטן סאָוועטן־לאַנד אַ קריג?

לויף איך צו, שטייט אַ קאַטערינטשיק אין אַ גרין העמדל מיט אַ געל פּייגעלע אַפן רויטן קעסטל און ער שרייט אַף אַן אַלט אידל מיט אַ האָרב: „קאָנטערעוויצינער!"

דאָס אידל האָט אים אָבער נישט געשוויגן, און אויסגעשריגן:

— אוי אַריכן זאַן באָבעס טאָטן אַראַן! ער אַליין גייט אַרום און באַרעט דעם אוילעם מיט אַ פּייגעלע און מיך רופט ער קאָנטערעוויצינער. העי, דו, קומעדיאַנט! שלעפּער! כאַזער־בייסער! ס'וועט קומען מיין אינגל מיטן ליסאַפּעד וועט ער דיר פּלעטן דעם מויעך! אַזאַן אָזעס! מיין אינגל איז אַ ביינקל־מאַכער, אַ שלאָגלער, און דער קאַטערינטשיק רופט מיך קאָנטערעוויצינער!

שעפּסל דער קוימענקערער

איך האָב געזוכט שעפּסלען איבער גאַנץ בערדיטשעוו. (מיינס א באַרוועס קינדער־פריינטל פון טראָיאַנאָוו.) ווען איך האָב אים געפונען, איז ער שוין פון מיר ניט אָפּגעטראָטן.

— דערציייל, — זאָגט ער, — יאָסל, ווי זעט אויס פּאָרדס פּאַבריקע? מאָל מיר אויס די עמפּייער סטייט.

— דערציייל מיר, — זאָגט ער, — ווי אַזוי האַלט זיך די ברוקלין בריק? און וואָס איז דאָס אַזוינס דער קוני־איסלאַנד?

איך האָב אים מיט קרייד אַף אַן אַלטן טויער געצייכנט די עמפּייער. ער האָט געשלונגען מיינע ליניעס אַזוי ווי לאָקשן, זיך געוואונדערט און געמאַכט מיטן צונג: ציאָ, ציאָ, ציאָ. צום סאָף זאָגט ער: — אונזער מאַגניטאַ סטראָי איז, דאַכט זיך, א גרעסערער אופּטו פון אייער ברוקלין בריק צוזאַמען מיטן קוני־ איסלאַנד.

— קום, — זאָג איך צו אים, — קום, עמיר גיין אָפּגעבן אַ גרוס פון אַ ברוקלינער שוועסטער צו אַ בערדיטשעווער ברודער. ס'איז דאָ־אָ טייקעף, נישט ווייט.

ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין הויז, האָבן מיר געטראָפן דעם ברודער שטיין שימענעסרע. זאָגט שעפּסל: — מיר דאַרפן שוין מאַכן אַן אַנטירעליגיעזע דעמאָנסטראַציע.

זאָג איך: — וואַרט, כאַפּנישט. ער וועט מינעסטאַם אַליין באַלד אויסגיין.

— נו, אויב אַזוי, — זאָגט שעפּסל, — עמיר זיך אַביסל פריילעך מאַכן. — ער כאַפּט אַרויס אַ גאַרמאָשקע פון דער כאָליאָווע, טוט דאָס אַפּיר איבערן מויל הין און צוריק.

דער איד קוקט זיך אום. ער טאָר נישט אויסרעדן, מאַכט ער מיט דער האַנט. הי, אָ, נו. דערעכערעץ.

ס'שטייט אים נישט אָן, — זאָגט שעפּסל, — אָבער מיר שטייט אָן.

שעפּסל טוט אַ שפּיל אַ פריילעך לידל אַזאַ, אַז איך האָב זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אָנגעהויבן טאַנצן. דער איד האָט אויך געטאַנצט, אָבער מען האָט נישט געוואוסט צי פון דעם לידל צי פון קאַס. שעפּסל האָט דאָס שפּילן דורכגעפלאָכטן מיט אַ לידל וואָס הייסט:

מיר שטייט אָן

מײַן ברודער איז אַ קאָמסאָמאָליץ
און איך בין אַ רויט אַרמייער,
מײַן פֿעטער איז אַ ליידיקגייער
מײַן געליבטע — אַ שטריקל־דרייער.
איר שטייט אָן,
און מיר שטייט אָן.

מײַן זיידע איז אַ לישעניץ,
ער טראָגט אַף מיר אַ ריגזע —
ער זאָגט איך שפּיל אַ ליבע
מיט אַ בלאָנדער שיקסע.
אָבער
מיר שטייט אָן,
מיר שטייט אָן.

ווען דער איד איז אויסגעגאַנגען שימענעסרע, האָט ער אונדז געוואָלט נעמען זידלען. נאָר ווי איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין פון אַמעריקע און איך ברענג אים אַ גרוס פון זיין שוועסטער, איז ער געוואָרן זייער ווייך און אונדז געבעטן זיצן.

איך האָב אים געפרעגט צי ער איז נישט אין קאָס פאַרן לידל.

— באָס־ווּעשאַלעם! — ענטפערט ער, — זינגט געזונ־טערהייט. יונגע מענטשן דאַרפן זינגען, ווי דען? ס׳איז גראַד געווען אַ „פּאָדכאָדיאַשטשע" לידל. נאָר אַ פיין לידל.

נאָר ווי איך האָב אים דערציילט, אַז זיין שוועסטער אַרבעט שוין נישט אַ האַלב יאָר און אַז זי וועט אים נישט שיקן קיין געלט אין טאָרגסין, האָט ער זיך אָנגעבלאָזן טיף אין דער באָרד אַריין און אַרויסגעבורטשעט:

— פונדעסטוועגן איז דאָס פון אייך אַ האַזע, אינמיטן שימע־נעסרע זיך צעזינגען. פע, פע, נישט שיין!

זענען מיר געוואָרן זייער אין קאָס און מיר זענען אַוועק עסן וועטשערע.

שיר פאַרגעסן אויסזאָגן ווער דער שימענעסרע־איד איז. מען קען דאָך מיינען, אַז ער איז קיין איד נישט. אָט וועל איך אים פאַר אייך פאָרשטעלן. דער איד, וועגן איך געוואָר, איז אַ הומפאַ־איד. ווייסט איר דאָך שוין ווידער נישט וואָס הייסט הומפאַ. הומפאַ הייסט, לויט מיין מיינונג, אַ איד וואָס האָט געהאַנדלט מיט הערינג און געשפּילט אַף אַ באַס. נאָר ווי די לאַגע איז איצט, טאָר מען מער נישט האַנדלען. פאַרקויפט ער פערזענלעכע הערינג, ס׳הייסט הערינג, וואָס ער אַליין האָדעוועט אויס פון קליינוויז־אוף.

אַ מעסלעס אין מיין שטעטל



פון זשיטאָמיר קיין טראָיאַנאָוו (מיין היים־שטעטל) בין איך אַריינגעפאָרן מיט פערד־און־וואָגן פרילינג פאַרנאַכט, יאָר 1931.

דער ·באַלעגאָלע מיט אַ רויט־ווינטיק פּאָנעם, באַוואַקסן מיט זילבער־שטעכעלקעס, האָט מיך דערקענט. ער האָט גערעדט מיט אַ טראָיאַנעווער קאָל, פאַרדומפּן ווי פון אַ פאַס אַרויס:

— יאָסל, וואָס מאַכט עפּעס די מאָמע?

זיין קאָל האָט מיר דערמאָנט אין גאַנץ טראָיאַנאָוו. דעם גאַנצן וועג האָט ער גערעדט וועגן דער רעוואָלוציע. — שוין, — זאָגט ער, — מען וואַרפט שוין מער נישט קיין שטיינער אַף טראָיאַנעווער אידן אין די דערפער. אָלע זענען די זעלבע מעיוכאָסים! אַ איד, אַ גאָי, אַ פּאָרעץ, אָלע מוזן אַרבעטן, אַנישט עסט מען נישט. אַ מיצווע אַף זיי!

מיר פאָרן באַם זייט פון אַ פעלד. ער ווייזט מיט דער בייטש.

— זעסט, יאָסל, גאַנצע פעלדער כליאָנעז, נישט געאַקערט און

נישט געזייט. מע וועט דאָ פֿוכנען נאָך אַ מויצע. ס'איז שוין איצט אויך גענוג ביטער, אָבער ווינטער וועט זיין ערגער.

איך פרעג: — וואָס איז, טראַיאַנאָווער ערד איז אויסגעטריקנט? אַליין וועט זיך די ערד נישט פאַרזייען.

— זאָל איך האָבן אַזאַ יאָר, כוץ שוואַרצקייט, — ענטפערט ער, — וואָס פאַר אַ טייערע ערד דאָ איז. אָבער ס'זענען נאָך דאָ גענוג באַלעגופים, קולאַקעס, הינט מיט אויערן. אַז זיי שיטן אָן שטיינער אין דער נאַסיני אַריין, קאָן עפּעס וואַקסן?

איך טרייסט אים, אַז מע וועט די קולאַקעס אויסראַמען און ס'וועט ווערן אַזוי פיל ברויט, אַז ס'וועט נאָך סטאַיען אָנצוהאָדעווען די אַמעריקאַנער אַרעמעלייט וואָס האָבן נישט קיין אַרבעט.

— יאָ, יאָ, יאָ, — זאָגט ער, — איך הער אַז מאָסקווע האָט זיך גענומען צו דעם אייסעק. און אַז מאָסקווע טוט זיך אַ נעם, וועט עס שוין זיין ריכטיק. אָהאָ!

דער באַלעגאָלע איז בײַ די לעצטע ווערטער פריילעך געוואָרן. האָט ער אַ בייטש געטאָן איבער די פערד און זיך שטאַרק צעקאַטיוקעט. די פערד זענען אין איילעניש אַראָפּ פונם וועג און אַריינגעריזנעט אין אַ געדיכטער בלאָטע. ערשט איצט האָב איך זיך דערמאָנט אַז איך זיץ אין אַ טראַיאַנאָווער פור.

די פור האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן מאַרק. די זון האָט גענומען פאַרגיין אין פריצישן הויף. ווי אַ פייערדיקער טעלער איז זי צעפּיצלט געוואָרן הינטער די שוואַרצע סאָסנעס. ליימענע כאַטעס מיט שטרויענע דעכער האָבן זיך ווייך גענורעט איינס אין אַנדערן און זיך גענעבן פאַררויכערן פון די קוימענס.

איך קריך אַראָפּ פון וואָגן, קוק אַף דער ערד. די ערד איז איינגעפּאָרן מיט שטרוי און גנאָי און סעמעטשקעס: טראַיאַנאָווער ערד. דאָס שטעטל איז אַזאַ סאָרט שטעטל וואָס טויג נישט פאַר אויסגעוואַקסענע מענטשן, אָבער אַף געבוירן ווערן איז דאָס אַ וואָיל קינדער־שטעטל. ס'איז קליין און היימיש אַזוי ווי אַ מילכיקער טאָפּ. בערגלעך, בריקלעך, נידעריקע דעכער מיט ברייטע בוידעמער. פענצטערלעך בײַ דער ערד. פאַר אַ קינד אַרויסצופאַלן פון אַזאַ פענצטערל איז ווי געפונען. ס'בלייבט זיצן אַף דער פריזבע פונקט לעם דער קאַץ, וואָס ליגט און וואַרימט זיך אַף דער זון.

מע פירט מיך איבערן שטעטל. איך פרעג אויס און ווער געוואָר אַז דאָס שטעטל האָט זיך גאָרנישט געביטן, כּוץ דעם וואָס די שווערע טויערן פון פּריצישן הויף זענען ברייט צעעפנט, און ס'שטייט דאָרט אַ זומער־טעאַטער; כּוץ דעם וואָס דאָס שטעטל איז באַצויגן מיט עלעקטרי, און כּוץ דעם וואָס די פרומע אידן פירן אַ קאַמף צונויפצעשטשאָבען אַ מיניען אַף שאַבעס. כּוץ די אַלע זאַכן איז דאָס שטעטל פונקט ווי געווען.

מיינע באַלייטער צעגייען זיך אַהיים עסן וועטשערע און איך גיי אויך אַהיים. אַפן וועג צו מיין געסל בין איך באַשאָטן געוואָרן מיט ווייסן צוויט. דיביימער פון יענער זייט פאַרקן טרייסלען זיך איבער מיר: זיי האָבן מיך דערקענט. איך פלעג פון זיי אַראָפּרייסן אַ באַר און אַנטלויפן. ס'בלאָזט אַ ווינטל. איך האָב עס דערקענט. אַ טראָיאַנאָווער ווייך קינדער־ווינטל אָן ביינער. ס'פּרילינגט אין נאָז אַריין אַ רייעך אַזוי ווי פון אַן איבערגעקערט שעפל מילך אַף אַ פרישׁ ביסל היי.

די זון איז פאַרגאַנגען אין רויטסטן גלי און געלאָזט דעם הימל אַ פאַרוואונדעטן, אַ צעיושעטן ביז בלוט. דער הימל האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט מאַפּל געווען און ליידט שמערצלעכע פּערל־מוטער ווייען. ס'ווערט טונקעלער.

אַפן הילצערנעם בריק טרעמעסעט זיך אַ גרינגער וואָגן, אַזש דאָס ביסל היי שפּרינגט אונטער. ס'ווערט נאָך טונקעלער.

דער ציילעם פון קלויסטער איז אַביסל אַרונטערגעבויגן, די גילדערנע פעל פון קופּאָל אָפּגעשונדן, די געלע פאַרב פון די פּראַוואָסלאַוונע ווענט אויסגענאָגט פון פערצן יאָר זון.

אָבער די פּאָזשאַרנע אַנטקעגן מיטן עלעקטרישן לאָמפּ, גלאַנצט מיט פעטער רויטער פאַרב און מאַכט דעם קלויסטער אַ לונגנפּעלער.

אַ פויער גייט דורך. ער נעמט אַרונטער ס'היטל ווי צום ציילעמען זיך, אָבער ער טוט זיך נאָר אַ קראַץ אין קאָפּ — ער האָט עס אין דרערד.

אָפּן ביסמעדריש הענגט אַ רויטע פאָן. איך האָב אַריינגעקוקט אינוויייניק און געזען לענינען מיט מאַרקסן אין מיזרעך־וואַנט.

ס'זענען שוין פאַרגאַנגען די סימאָנים פון דער זון. אַ בלויע גרינגע טונקלקייט הילט איין דאָס שטעטל.

אין דעם שמאָלן געסל, וואו מיין שטוב שטייט, איז מיר אָנגעקומען אַנטקעגן אַ ברייטבייכיקע קו, און זיך קימאַט ווי געריבן מיט די באָקעס אין די ווענט פוןביידע זייטן גאַס. די קו האָט אַ מרוקע געטאָן מיט מילכיקער פאַרנאַכטיקייט. איר נאַסער באַס האָט אַריינגעאָוונט אין טונקלקייט און אָנגעפילט ס'געסל מיט שטום־לאָשן און רו. איך האָב געמוזט גיין קריקוועגס, לאָזן די קו פריער אַרויסגיין. איך האָב געוואַרט און געטראַכט אַז דאָס איז אַ „ליידים־פּוירסט"־קו.

אַביסל טשערעדע־שטויב האָט אַ ווייע געטאָן. איך שמעק טראַיאַנאָוו מיט אַ צניפּל־נאָז. איך טאַפּ אָן דעם אַמאָל אַמאָל און אַמאָל מיט אַ־דעם־אַ פינגערל. אַלע צוואַנציק יאָר האָבן זיך גענומען אַראָפּקייקלען פון מיין עלטער אַזוי ווי שטיינער פונם האַרצן. איך ווער אַזוי יונג אַז דאָס קינדער־סטרעמפּל רינט מיר שיר פון דער נאָז אין אָן אויסגעווייטיקט רינוועלע. איך ווער גע־פּערלעך יונג. באַטש לויף אַהיים באָרועס צו דער מאַמען און וויין: עסן!

מיין שטוב שטייט קרום: זי הינקט אַף אַ וואַנט. זי איז אָבער פריש אָפּגעקאַלעכט, די פריזבע אָפּגעטונקעוועט מיט געלער ליים. די קרומע פענצטערלעך פון די ליימענע ווענט האָבן מיך דערקענט. מע קלאַפּט אין פענצטער: -- יאָסל! יאָסל!

איך בין אַריין אינוויייניק.

— נו יאָסל, דערקען מיך, — האָט זיך פאַר מיר אַנידער־געשטעלט אַ יונגע הויכע פרוי מיט אַן אויסגענייטן פּאַרטוך.

דער מאַן אירער, מיט אַ בלאָנדער באָרד און אַ געגאָלטן קאָפּ, איז געשטאַנען אין אַ ווינקל הויז און געהאַלטן אַ פלאַש אין האַנט.

איך האָב באַטראַכט די פרוי, און ווי דורך אַ נעם אַ זאָג געטאָן:

— דוואָסקע!

זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטשיקן געלעכטער, זיך אַ דריי געטאָן צום מאַן:

— עוועדי! ער האָט מעך דערקענט. דערלאַנג דעם וויין.

זי האָט געשטעלט צום טיש זילבערנע בעכערלעך, ברויט, קעז, האַרטע אייער.

— עס, טרינק, יאָסל, זשאַלעווע נישט. אַזאַ גאַסט, אַזאַ גאַסט. ס'האַרץ קלאַפּט מיר אַזש.

באַם עסן דערציילט זי: — מעגסט עס הערן יאָסל! — מיר האָבן געהאַט פון פרירנאַך, אַ זעקעלע מיט גאָלד, האָבן מיר דאָס פאַרמאָווערט אונטערן פּריפּעטשיק. איז דאָס אָבער טראַ־יאַנאָוו. האָט מען אָנגעהויבן אויסטראַכטן אַף אונז, אַז מיר האָבן גאָלד און גאָלד, ביז ס'איז דערגאַנגען אַהין צו דער גע־פּע־או. איין אינדערפרי: אַהאַ, מע שיקט רופן מיין עוועדין. האָב איך גע־טראַכט, אַז ער וועט אָפּזיצן אין קאָנצער עטלעבע טעג, און זאָגן: ניין און ניין, און איינמאָל ניין, ווי באַ לייטן, און קומען אַהיים און שאַ. שפּעטער אַביסל, איך גיב אַ קוק דורכן פענצטער, מיינער גייט מיט עפּעס אַ פרעמדן, אַזוי פריילעך, פונקט ווי ער וואָלט עפּעס געמאַכט אַ גוט געשעפט. זיי קומען אריין און זאָגן גאָרנישט, נאָר מע נעמט זיך דליבען אונטערן פּריפּעטשיק. — נעבאַי וואָלט ער איבערגענעכטיקט באַ זיי כאָטש איין נאַכט, וואָלט מיר נישט אַזוי באַנג געטאָן. וואָלט איך געוואוסט אַז...

דער מאַן שלאָגט איבער: — כ'האָדיר שוין טויזנט מאָל גע־זאָגט אַז די געפּעאו וועסטו נישט אָפּנאַרן. — ער ווענדט זיך צו מיר: — איך האָב זיך געשעמט צו דרייען מיטן צונג. גאָלד איז דאָ? פרעגן זיי. ס'איז דאָ! זאָג איך. מאָלאָדיעץ, זאָגן זיי. און ווען איך וואָלט זיי געזאָגט אַ ליגן, נעמט מען צו דאָס גאָלד און פאַרפאַלן. אַזוי קריגן מיר דערפאַר סכוירע אין טאָרגסין, און איך האָב אַ לייטיש פּאָנים אין שטאָט. איך פיר אַ ביסל קוילן, און פאַרדין נאָך צו אַפּאָר קערלעך.

פון קוזניע הינטער מיין הויז קלינגט דער האַמער דעם זעלבן מונטערקלאַנג ווי שטענדיק. טראַיאַנאָווער לייט האָבן זיך אין דער רעוואָלוציע געאַנדערשט, אָבער דער האַמער האָט דאָס נישט באַדאַרפט. ער איז שטענדיק געווען אַנדערש, און איצט איז ער פונקט אַזוי אַנדערש ווי שטענדיק.

זיידל דער אַלטער קאָוואַל האָט אָפּגעהאַמערט ביז 86 יאָר מיט איין האַמער און מיט איין ווערטל: „ש ו ו ע ר איבערצולעבן אַ האַמער," און איצט זאָגט עס זיין פערט ווייב. מיין זיידל, זאָגט זי, איז שוין אַף דער עמעסער וועלט. ער האָט איבערגעלעבט אַ זון פון 68 יאָר, ער האָט איבערגעלעבט דעם וואַרשעווער וואַנט־זייגער, אָבער ש ו ו ע ר איבערצולעבן אַ האַמער. איך דערקלער איר, אַז איבערצולעבן אַ האַמער מוז מען זיין שטאַרקער פון אייזן. ענטפערט זי: — מיין זיידל איז געווען אַן אייזערנער איד. ער וואָלט נאָך געקענט לעבן און לעבן, ווען ער ווערט נישט יאַדעש־ליוווע. דער מאַלכעמאָוועס מוז האָבן אַ טעריץ.

איך טרייסט זי: — נו, וואָס זאָל מען טאָן? מען קען דאָך נישט שטאַרבן געזונטערהייט.

אָפּן הימל איז שוין דער לעצטער טראָפּן אָוונט־בלוי אונטער־געגאַנגען. ס'איז פינצטער אין מיין געסל.

טראַיאַנאָוו איז שטענדיק געווען אַן אונטערגעגאַנגען שטעטל. איך געדענק אַז ווען אַ קינד איז אונטערגעוואַקסן האָט מען דאָס אַרויסגעפירט קיין זשיטאָמיר אָדער קיין באַרדיטשעוו דאָס אָפּגעבן פאַר עפּעס, און מאַכן פאַר אַ לייט. ס'איז אָבער נישט אַלע מאָל געווען קיין אָרט דערפאַר, פלעגט עס קומען צוריק, אַרומגיין מיט אַ צעריסענעם פּידזשאַק איבערן מאַרק, באָרוועס און הונגעריק. אָבער היינט איז דאָ וואו צו אַרבעטן.

מע גיט מיר אָפּ גרוסן, אַז טראַיאַנאָווער יונגעלייט בויען דניעפּראָסטראָי, מאַכן טראַקטאָרס און אַוטאָבוסן. זיי שיקן פון דאָרט שפּייז פאַר זייערע טאַטעמאַמע, וואָס זענען געבליבן שטיין אין טראַיאַנאָוו באַגלייך מיט די קרומע שטובער.

טראַיאַנאָוו איז נאָך ווייניק סאָוועטיזירט. אַלץ וואָס דאָס שטעטל האָט אָפּגענאַשט פונם ערשטן פינף יאָר פּלאַן, איז אַ ברוקירטן שליאַך, איין טראָקל, און אַ לעק עלעקטריק.

מען האָפט נאָך אַז פון דעם שטעטל זאָל אַמאָל עפּעס ווערן, דערווייל קען מען דערמיט גאָרנישט מאַכן. מאַכמעס ס'איז נאָענט צו שיפּעטאָווקער גרעניץ, איז אַ ריזיקע דאָרט אויסצובויען באַדייטנדיקע פאַבריקן. אָבער די ערד אין טראַיאַנאָוו איז פול מיט פינף יאָר פּלאַן, זי איז שוואַרץ און זאַפטיק ווי אַ נעגער־קינד. די ערד צאַפּלט זיך נאָך אַ גלעט פון אַ פּויערשער האַנט — און זי וועט געלעגנווערן מיט אַ מאַזלבראָכע.

ס'איז צוגעלאָפן, אָן אָטעם, עלי דער בייגלבעקער, אַ האַרט געקנאָטן אידל מיט אַ געל מייערן בערדל. ער האָט מיך אַרומגענומען מיט ביידע הענט און יעדער קנייטשל אין זיין פּאָנים האָט געלאַכט.

ווער איז עלי? עלי איז דער, וואָס ווען ס'האָט אויסגעבראָכן אַ פייער בּאַ זיין באַלעבאָס אין אַ שפּעטער נאַכט, האָט ער זיך אופגעכאַפּט פון געלעגער אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט פון דער פּאָליצע אַראָפּגעכאַפּט אַ סלאָי איינגעמאַכץ און אָנגעהויבן עסן.

— מיין באַלעבאָסטע,—זאָגט עלי,—איז געווען אַזאַ מין סאָרט מענטשעכע, וואָס נאָר אין אַ פּאָזשאַר האָט מען געקענט באַ איר פּאַרזוכן אַ ביסל איינגעמאַכץ און האַנאָע האָבן פונם לעבן.

דערנאָך איז געקומען בערל דער קירזשנער. ער האָט אונטערגעהויבן זיין גרויסע באָרד מיט דער האַנט און געזאָגט: — זעסט, יאָסל, מיין באָרד איז ווייס. דער מאַלעכאַמאָוועס האָט מיך שוין איינגעזייפט.

ס'איז געקומען עליק דער קאָוועל און מיר דערציילט אַז זיין ווייב האָט זיך פאַרקילט נאָך פאַראַיאָרן ווינטער, האָט ער איר איינגעריבן די פּלייצע מיט צעטיקע און איר אַרויסגעקוועטשט אַ ביינדל. האָט זי געשיקט רופן ריצקע מודרעס, האָט ער איר אָפּגעשפּראָכן און צוגעבונדן אַ מולטערל צו דער פּלייצע. איצט האָט זי אַ האָרב, שעמט זי זיך, דערפאַר איז זי נישט געקומען מיך זען.

מע דערציילט מיר אַז אוראָמטשיק יונגערמאַנטשיק איז געוואָרן אַ סויכער פון סובאָרעס. ער האָט זיך אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע אַריבערגעפּעקלט קיין ענגלאַנד.

און ער איז דאָרט אַ מיליאָנטשיק. אוראָמטשיק איז געווען אַ בענקל־און־בעטן־פאַרריכטער. נאָר ער האָט זיך געשעמט צו זיין אַ באַלמעלאָכע, ווייל ער האָט געטראָגן גאָלדענע פענסנע מיט נעפּוצטע שיך. האָט אַ לעצ פון אים געמאַכט אַ לידל:

אוראָמטשיק יונגערמאַנטשיק,
מעכאַניק פון די בעטן,
ווען ער גייט אין גאַס אַריין
קוקט ער אַף די שטיוועלעטן.

סאַני דעם אַפּטייקערס ווייב
ברענגט ער פּוילע ניסלעך
ווען ער פאַרריכט באַ איר די בעט,
פאַלט זי פון די פיסלעך.

ס'איז געקומען יעשוע פון די לעבער, אַן איינגעקאָרטשעטער זאָקן מיט איבערגעוואָקסענע ברעמען און אַ ליסע אין דער באָרד. ער האָט מיר אַ מעלק געטאָן די האַנט שאָלעם און זיך אַנידער־געזעצט. ער איז אָפּגעזעסן עטלעכע שאָ, האָט געוואַרט אַז מע זאָל זיך צעגיין, ווייל ער וויל מיט מיר עפּעס שמועסן פון זייער אַ וויכטיקן איניען. ווען די לעצטע פּאָר מענטשן האָבן גענומען אַהיים גיין, האָבן זיי אים גערופן: קומט, רעב יעשוע, שוין שפּעט! גייט, גייט, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיטן שטעקן, איכל טרעפן אַהיים אָן אייך. ער האָט זיך אופגעהייבן פון שטול און מיט ערנסטע ברעמען מיך געפרעגט:

— יאָסל, זאָג מיר דעם עמעס, אָבער דעם עמעס! זאָג מיר, יאָסל, אין אַמעריקע איז פאַראַן שמעקטאַבאַק?

איך ענטפער: — יאָ.

— נו, — זאָגט ער — אַט־אָ־דאָס־אָ האָב איך געוואָלט ווימן. אַ גוטע נאַכט.

איך האָב אים געזאָגט: — איר האָט אַזוי לאַנג געוואַרט, פרעגט כאָטש נאָך עפּעס.

ענטפערט ער: — איך האָב פיינט יענעם מאָראַטשען אַ קאָפּ. איך האָב ליב קורץ און שאַרף. געפרעגט אַ וואָרט. יויצע געווען איז געזונטערהייט. אָט בין איך געקומען, אַ פרעג געטאָן עפּעס. טאַי אָדי.

ס'האָט אים געדויערט אַ היבש שטיקל צייט, ביז ער האָט דערציילט, ווי אַזוי ע ר איז זיך נויעג מיט כאָשעווע געסט. נאָר ווען ער האָט זיך פאַרטיפט אין אַ שמעקטאַבאַק, האָט ער מיך פאַרלוירן אונטער די הענט.

אינדרויסן האָט די נאַכט געפינסטערט און געדיכטער בלינדזע־קייט. פון גאַנץ ווייט האָבן די אויערן קוים־קוים פאַרנומען אין זיך אַ פויערש געזאַנג. אַ לאַנגזאַמער אוקראַינער ניגן, ווי געצויגן פון אַ לירע, האָט דורכגעפעדימט די בלינדע לופט און אופגעוועקט די זאַפטן פון דער פעטער ערד. ס'האָט זיך אויסגעוויזן אַז ווען נישט דאָס זיסע פעלד־געזאַנג אין דער נאַכט, וואָלטן טראַיאַנאָווער קינדערלעך קיינמאָל נישט געוואָלט גיין שלאָפן פריִלינג באַנאַכט.

אפן שטערן מאַרס

איך האָב צו זיך אַליין געזאָגט: גענוג! סע מוז נעמען אַן עק צו די נודנע וואַקאַציעס וואו איך קוילע מיינע יונגע גרינע זומערס אַלע זומער. ס'איז מיר נימעס דער גלאָק וואָס רופט צו יעדן ברויטמאָל: עסן, עסן, עסן. דער גרויסער בוים, וואָס שטייט באַם אַריינגאַנג צום האָטעל, איז שוין אַזוי אַלט און צעפּאַטלט, אַז ווען דער ווינט טוט אַ בלאָז אין אים, ווייזן זיך שוין גרויע בלעטער. דער באַרג, וואָס אַנטקעגן, שטייט און שטייט, און טראָגט זיך אַף דער פּלייצע זיין זשמוט מיט פאַרפּלאָנטערטע ביימלעך. די זון גיסט אַף אים גאַנצע פּאַמעיניצעס הייסע ליכטיקייטן און ס'איז אים ווייניק. מיר איז דאָ נימעס געוואָרן מיין זומער־וואַקאַציע צווישן גרויסע בערג און קליינע בירגער.

דערימעך האָב איך דעם זומער באַשלאָסן אַרויפקריכן אַפן שטערן מאַרס און איבערזומערן ערגעץ אַרום די איינשטיין־טעאָריעס. איך ווייס שוין פון דערפאַרונג, אַז אויב אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער וויל עפּעס אויספירן, וועט ער. אַלעמאַי איך האָב איינמאָל אַ ווינטער געוואָלט פאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. נו? און געלט? געלט שמעלט! — אַ סימען האָט איר אַז ס'טוט מיר שוין באַנג וואָס איך בין צוריק געקומען.

אַרויף אַפן שטערן מאַרס בין איך זייער פּאַשעט: פריער האָב איך אַרופגעוואָרפן מיין כאַראַקטער אַפן הימל. און איך האָב אַזאַ כאַראַקטער (פון קליינוווייז אויף) אַז אַן דעם כאַראַקטער גיב איך זיך נישט אַ ריר, אַזאַ מענטש בין איך.

און איצט, ליבע לעזער, מעגט איר זיך פאַרלאָזן אַף מיר אַז איך וועל שוין יאָ אַרויף אַפן שטערן מאַרס. וואָרן וואָס האָב איך געהאַט אָנצואוווערן? איך האָב דאָך שוין אַפּילע קיין כאַראַטע נישט געקענט האָבן, ווייל אָן אַ כאַראַקטער קען מען קיין כאַראַטע נישט האָבן.

איך האָב אַ טאַנץ געטאָן זייער הויך און איידער איך האָב אויס־פּייעט צוריק אַראָפּצוטאַנצן, האָב איך זיך גענומען אונטערפּעכערן די פּיאַטעס מיט אַ ברייטן פּעכער און זיך אַרופגעוויכערט דערווייל אַף דער לעוואַנע.

איך בעט אייך, ליבע לעזער, כאַפּט מיך נישט באַ קיין ליגן. איך ווייס דאָך וואָס אייך באַמבלט זיך אין קאָפּ. איר טראַכט זיך

אוואדע אַז אַ מענטש איז דאָך אַ שווערע זאַך, טאָ ווי אַזוישע האָט ער גע־קענט? . זאָלט איר דעם געדאַנק פאַר־טרייבן פון זיך מיט אַ טערקישן האַנטעך, ווייל איך אָנעם כאַראַקטער בין געווען גרינגער פון אַ פעדער. די גאַנצע שווערקייט פון אַ מענטשן ליגט נאָר אין זיין כאַראַקטער, און מיין כאַראַק־טער איז שווערער פון צען יאָסלס. אָט אַזאַ כאַראַקטער האָב איך. דערימעך זאָלט איר זיך נישט בידעשן דארויף, וואָס איך זיץ שוין אַף דער לעוואַנע און רויכער אַ ציגאַרעטל.

שפּעטער, ווען דאָס ציגאַרעטל האָט מיר גענומען בריען אין די פינגער, האָב איך דאָס אַריינגעשטעקט מיטן פייער אַראָפּ אין דער לעוואַנע אַריין, אַזוי ווי אין אַ קאַרטאָפליע.

ווען דער זייגער איז געוואָרן צוועלף, האָב איך זיך אַרומגעזען אַז ס'איז שלעכט. וואָס איז? איך האָב פאַרגעסן מיטנעמען צאָן־פּודער. האָב איך שוין געמוזט איינרייבן דאָס צאָן־בערשטל אין דער לעוואַנע און זיך אויספּוצן די ציין.

ווי איך האָב דאָס צאָן־בערשטל אין מויל אַריינגענומען, האָב איך דערפילט אַ פול מויל ליבע. אָבער וואָס פאַר אַ ליבע מיינט איר? עפּעס גלאַט אַזוי ליבע אַזוי ווי מען פילט אין אַ האַרץ? ווייסעך וואָס. אַלצדינג האָט זיך פאַרליבט: די אויגן האָבן געפלאַקערט פון ליבע. די אויערן האָבן זיך גערויטלט פון ליבע. די נאָז האָט געפליגלט מיט די נאָזלעכער פון ליבע, און דאָס צאָן־בערשטל אַליין איז מעשוגע געוואָרן פון ליבע. ס'האָט זיך געוואָרפן, מיט אַזאַ צאָן־פיבער, אַז איך האָב דאָס גאָר נישט

דערקענט, ווייל מיין צאַנבערשטל, דאַרפט איר וויסן, איז שטענדיק נעווען שטיל ווי א טויב. איך האָב דאָס צאַנבערשטל געמוזט בינדן אזוי ווי א ווילד ביקל. יאָ, יאָ.

אַף מיר אַליין זאָלט איר זיך נישט כידעשן : איך באַדאַרף נישט קיין סאַך צו ווערן ראָמאַנטיש. ווייל וואָלט איך באַדאַרפט א סאַך צערעמאָניעס מיט אייביקער הייסער ליבע, מיט ראַנדעוואוען בא די סאָבוועים, מיט פּרעזענטן און דימענטענע פינגערלעך, וואָלט מיר נישט געסטאַיעט קיין צייט צו אַרבעטן. איך קוק אַף ליבע מיט אַן עפּל־אויג, מיט א וויינשל־בליק. ווען איך האָב געזאָלט איינמאָל טרעפן גלאָריען באַם טייך, האָב איך אָפּן וועג געטראַכט : דער טייך ליגט פּלאַך צופוסנס פון אַן ערנסטן פינצטערן באַרג. ס'איז דאָרט אומעטיק. נאָר מיט גלאָריען באַם טייך, איז עפּעס אַנדערש. א טייך באַנאַכט אָן א מיידל איז ביכלאַל קיין טייך נישט, און אויב באַם טייך זיצט נישט ס'מיידל, מעג דער טייך זיך אונטערצינדן.

ווי איך האָב זיך דעם ערשטן פּוץ געטאָן מיט דער לעוואָנע די ציין, בין איך געוואָרן היימ פּאַרליבט. איך האָב נישט געהאַט קיין צייט צו קלייבן די אָדער יענע. די ליבע האָט שטאַרק געפּלאַ־קערט, האָב איך זיך געאיילט אַזוי ווי אין א סרייפע. איך בין געווען גרייט צו שפּילן א ליבע מיט דער ערשטער זאַך וואָס וועט מיר קומען צו דער האַנט.

כ'האָב זיך א דראַמאַטישן פּאַטש געטאָן אין האַרצן און אַרויסגעשלעפּט א נאָדל־פּאָדעם פון מיין קאָמזויל־לאַץ. געשטעלט אַף א קני און זיך האַרציק צעקושט מיטן נאָדל־פּאָדעם. געכאַפּט א שטאָך אין ליפּ און געליטן פּיין. בין געווען צופרידן דערפון, ווייל פּאַרשטייטירמיך : ליבע אָן ליידן האָט מיר א טאַם אזוי ווי א טולער אָן א קוואָדער. דערימעך האָב איך אויסגעליטן די בעסטע ליבעס־ליידן מיטן גרעסטן פּאַרגעניגן. אַריינגעלייגט דאָס צאַנבערשטל אין דער נאַכלעסיקער קעשענע פון מיין סוועטער. צום לעצטן מאָל באַטראַכט די וואונדערלעכע ליבע לעוואָנע, אויס־געקריצט מיין נאָמען אַף איר אין אידיש און אין ענגליש, א פּאָך געטאָן מיטן פּעבערל, און וואו ווער? איך פּלי.

אז איך פּלי זייער שנעל האָב איך גוט געוואוסט, ווייל ווען איך האָב געוואָלט א קוק טאָן אַף זיך, האָב איך זיך שוין מער

נישט אָנגעזען. דאָס איז געווען אַ סימען אַז איך פּלי גיכער פון מיין אויגן־בליק. און אַן אויגן־בליק האָב איך דאַפּקע אַ שנעלן.

איך בין פאַרפלויגן אַף אַזאַן אָרט וואו ס׳האָט זיך געפונען אַ קליין הימעלע אַזוי גרויס ווי אַ טאָטערשע יאַרמעלקע. האָב איך דאָס מיט אַ פינגער אונטערגעהייבן און אַריינגעבליקט אינווייניק. איך האָב געזען ווי אַף אַ פייערטעפּל מיט צוויי הייסע קוילן זיצט אַ קליין ריבוינעשעלוימטשיקל און אַרום אים שוועבן ווייסע מאַלאָכעמלעך אַזוי ווי אָפּגעקאַלעכטע פליגן, און אַ טייוועלע, אַ שוואַרצס ווי אַ פלוי מיט הערנער, וואַלגערט זיך אַפן בייכל פאַר די פיסלעך פונעם אַלמעכטיקל.

די הויט פונם הימעלע איז געוועזן צאַרט גרין, באַפּינטלט מיט שטערנדלעך, און אַ ברויזן לעוואָנעכל האָט געשטעקט אין דעם, די גרויס ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אַ קוואָטשקע.

ס׳געטל האָט אַ שנעלן בלאָז געטאָן אַף די קוילן און אַרויסגעפייערט:

— אַלע געטער, גרויס און קליין, זענען באַגלויבט און באַליובט, באַדאַוונט און באַבענטשט, באַיאַלעוויאָועט און באַשמאַאי־סראָעלט פון זייערע באַשעפענישן. און אין איצטיקער צייט פונם 20טן יאָרהונדערט איז מאַמעש אַ גאָצלעסטערונג צו לאָזן אַזאַ פעלקל, ווי מיינע מיקראָבן, דאַרבן אין אומוויסנקייט!

און איין מאַלעכל האָט אויסגעשריגן:

— מעכטיקער מיקראָבן־גאָט! אַלע באַשעפענישן וואָס דינען צו אַ שטיקל ריבוינעשעלוילעם האָבן סידורימלעך, און אָן דעם איז נישט מעגליך צו דערלאַנגען אַ לויב צו קיין גאַט אין דער וועלט. מעג ער אַפילע זיין פון קלאָטשע.

ס׳געטל האָט ווידער אַ בלאָז געטאָן הינטער זיך אַפן פייערטעפּל און אַרויסגעפייערט (מיט אַ קוויטש):

— איך בין אַ באַשעפער און געלויבט זאָל זיין מיין מעכטיקייט. — ער האָט צוגעדריקט די פינגער צו די אויגן, זיך גענומען שאָקלען ווי אַ רעבי און אַרויסגעזאָגט:

— זאָל ווע—רן סידורימלאַך!

דאָס מאַלעכל האָט זיך ניִשט געלאָזט „בלאָפן" און געזאָגט:

— אַלמעכטיקער מיקראָבן־האַר! סידורימלעך אַליין איז בלאָטע! ס'דאַרף אין די סידורימלעך געשריבן זיין: שמאַאיסראָעל, שאָלעמזאָכער, שאָלעם אַש—קיווייני, יאָמקיפּער קאָטן, יעקימפּיר־קאָן, טיקן־יאָסעף, יאָסעף קאַלב, יאָסעף פוס, און די נייע טפּילע: אַנשעריאָצער־אַנשעראָוויטש! אַנישט זענען דיינע סידורימלעך נישט ווערט קיין שפּיי!

ס'געטל האָט זיך ווידער גענומען שאָקלען מיט פאַרמאַכטע אייגלעך און האָט אַרויסגעקוויטשעט:

— אַ שרייבער פון טפּילעס זאָל ווערן!

און איך בין געוואָרן.

איך האָב אַריינגעשטעקט מיין נאָז אין הימעלע אַריין, ס'געטל האָט זיך געטאָן אַ דריי און אַ בלאָז אָף מיר, אָבער איך האָב זיך נישט געשראָקן, ווייל מיט איין שפּיי אָפן קיסעהאַקאָווענדל, פאַרלעש איך אים די צוויי קוילן, — און אוים געוועלטיקייט. האָט זיך ס'געטל אַ כאַפּ געטאָן באַ די אויגן מיט אויסגעצויגענע פינגער. ס'האָט געוואָלט מאַכן דעם איינדרוק אַז זיין צורע איז העליש פייער.

— באַרע נישט, ריבוינעשעליילעם! — האָב איך אים מיט אַ גאָר היימיש קאָל אַ זאָג געטאָן.

ס'געטל האָט איינגעזען אַז איך בין נישט קיין יאָלד, האָט עס באַשטעלט באַ מיר טפּילעס פאַרן סידערל. איך האָב אַרויס־געצויגן מיין „פּאָונטנפּען" און גענומען שרייבן אַ מוידעאַניכל:

מוידע אַני לייפאַ

מיר די מיקראָבן
דאַנקען און לאָבן
אונזער אַלמעכטיקן
באַם טאָגן
און באַם נעכטיקן.
מיר זענען פרום און קלוג
אַזוי ווי די העלצער,
גאַרעם לעקיש,
אָמיין סעלצער.

אַ טערקישע טפילה פון באָד

צוליב דיין גענאָד
גייען מיר אין באָד.
מיר שיקן דיר אַ דאַנק
פון דער אויבערשטער באַנק.
מיט הייסע פּיפּיקלעך
זינגען מיר שירה
און ווער ס'איז אַ ווידערשפּעניקער
וועט באַקומען די פּגירה.
ווייל מיר זענען פרום און קלוג
אַזוי ווי די העלצער,
גאָדעם לעקיש,
אָמיין סעלצער.

יאָנטויוון־אינדעקס:

שאַבעס: בולקע.
סימכעסטוירע: הולקע.
אינדערוואָכן: טפילן.
אַף דער עלטער: ברילן.
פרימאָרגן: בראָכעס.
אַ קוש אין סידער,
גאָדעם לעקיש,
אָמיין סעלצער.

איצט האָט זיך געשטעלט די פראַגע, ווי קליין זאָל מען דרוקן די טפילעס? איך האָב געהייסן דאָס דרוקן „פּייקע" (פּעטע אויסיעס), אָבער די גאָטהייט האָט נישט געוואָלט, כאָטש גיב איר אַ קרענק! זי האָט געפאָדערט צו דרוקן די טפילעס אַזוי קליין אַז די מיקראָבן זאָלן די סידורימלעך קענען טראָגן אין די בוזים־קעשענעס.

מען האָט אויסגערעכנט אַז די בוכשטאַבן דאַרפן זיין ניין

טויזנט מאָל קלענער פון צען טויזנט מאָל גאָרנישט, אנישט וועט עס זיך נישט אויסשטעלן. איך האָב דעם כעשבן נישט פארשטאַנען, ווייל בא מיר איז איין מאָל גאָרנישט אויך גענוג ווייניק. האָב איך די טפילעס פאַרזיגלט אין אַ קאָנווערטל, אָנגעשריבן דעם אדרעס אין אַלע שפראַכן. אידיש מיט רוסיש:

מאָרגן פרייהייט.
ЗАВТРА СВОБОДА
50 E. 13th Street
New York, N. Y.
Phone: ALg. 4-9481.
פלאַנעט קריזים.

דאָס בריוול האָב איך אַראָפּגעוואָרפן אפן ערדקוגל פאַר דער „קראָפּיווע“ פון דער „מאָרגן־פרייהייט“ און זיך גיך אָפּגעטראָגן פון דער קליינער גאָטהייט. פע, איך האָב פיינט קליינע געצלעך. נישט אַזוי צוליב דעם קליינעם אויסזען, נאָר ס'איז פּאַשעט נישטאָ וועמען צו זידלען.

איך האָב פון קליינוויז אוף פיינט רעליגיע מער פון כאַזער. נאָר מיילע, אַ שטיקל כאַזער קען מען אַ בראָט טאָן און ס'איז נישט געפערלעך. אָבער מיט אַ רעליגיע קען מען אפילע די נאָז נישט אָפּווישן. ס'איז גלאַט אַ שווערע באָמבע אָנגעהאנגען אף די צינגער פון נאַרישע און קלוגע בעהיימעס, וואָס מיינען אז זיי וועלן זיך אַזוי לאַנג שאָקלען און דאַווענען, ביז זיי וועלן ארויסשאָקלען אַ שטיקל געפילטע פיש פונם ליוויאָסן. וואָס האָבן זיי מוירע, אז נאָכן טויט וועלן זיי שטאַרבן פון הונגער?

אַ גאַנצע אַנטירעליגיעזע דעמאָנסטראַציע האָט זיך בא מיר אין קאָפּ צעדעמאָנסטראַציוועט. און נאָך אַ סאַך קלוגע געדאַנקען זענען דורכגעשוואוומען פאַר מיין סייכל. אָבער ווער האָט צייט געהאַט צוטונצוהאָבן מיטן סייכל? אז איך בין גאָר פארנומען אין די הויכע ספערן אפן מאַרס.

איך האָב אַ פלי געטאָן זייער הויך, אַ פּאָר מייל העכער פון העכער, און האָב דערזען עפּעס אַ באַקענטן הימל וואָס איז מיר געהאַנגען אַזוי נאָענט איבערן קאָפּ אַזוי ווי אַ רעגנשירם. איך האָב

אַרויסגענומען מיין ציגאַרפּיסקל, אַריינגעשטעקט אין הימל און דורכגעבלאָזן אַ לעכל. איך האָב אַריינגעקוקט מיט אַ געניייוויש אויג און קלאָר געזען ווי גאָט אין אַ פּייערדיקן קאַפּעליוש האָט אַרומגעהאַלטן זיין געטין אַף אַזאַ אָרט, וואָס ער אַליין באַשטראָפט פאַר אַזאַ האַלטעכץ מיט אַ פּאָר מאָנאַט געהענעם. ער האָט איר אַ גלעט געטאָן מיטן מוילעך און געזאָגט:

— נישט געדאַיגעט, געטינקע, די געטער וועלן קומען באַטראַכטן מיין שיינע געוועלטיקייט.

— ווער ווייס, — ענטפערט זיין געטין, — עפּשער האָבן יענע געטער שענערע געוועלטיקייטן?

— וואָס רעדסטו, וואָס, — האָט זיך גאָט אַ קאָך געטאָן און אַריינגעבראָקט אַ זילבערנע ציבעלע אין זיין זודיקן קאָס אַריין. — ווי אַזוי, — זאָגט ער, — קענען זיי האָבן שענערע געוועלטיקייטן, אַז זיי האָבן נישט אַזאַ שיינע געטין ווי איך האָב, אַ דאַנק מיין ליבן נאָמען, אָמיין סענטשערי.

— וואָס? — זאָגט די געטין, — יענע געטער האָבן אויך געליבטע?

— אַ קרענק, — ענטפערט ער. — וואו וועלן זיי נעמען? אַזעלכע אַלטע גרויע געבריכטע געטער, אָן אַ טראָפּן גראַציע, וועלן האָבן געליבטע? אַ מאַקע!

פרעגט די געטין: — און דו רעכנסט, אַז דו ביזט טאַקע אַ יונגער?

— דער סאָף איז גוט! — האָט זיך גאָט אַ צינד געטאָן און פאַרברענט אַף קויל אַ פאַרזשאַווערטע דייזשע יאָרן, וואָס איז אים געהאַנגען פון אונטער דער פּאַכווע אַף דער לינקער זייט.

דער יאָרן־פּייער האָט דער געטין אָפּגעבריט אַ פּיסל. זי האָט גיך אַוועקגעהונקען און זיך פאַרבונדן די בראַנדן מיט אַ שטיקל קילן רעגנבויגן.

גאָט האָט אַרויסגענומען אַ פענצטער פון בוזעמקעשענע און גענומען קוקן. האָט ער דערזען ווי אַ ברייטער גאָט מיט אַ האָניק־באָרד האַלט אין אונטערקומען מיט אַ קיסעאַקאָוועד אַפּן אַקסל: טאַסקעט דעם קיסע אַ פּאָר שפּאַן. בעט זיך זעצן, — זעצט זיך. בעט זיך אופשטיין, — שטייט אוף. בעט זיך, בימכילע, נעמען דעם

קיסעקאָוועד אפֿן אקסל, — נעמט. בעט זיך טראָגן, — טראָגט. בעט זיך קרעכצן, — קרעכצט. און אַזוי קעסיידער.

דער „יונגער" גאָט האָט זיין געטין דערקלערט, אַז דער גאַסט מוז זיין אַ געפערלעך־בעקאָוועדיקער גאָט.

— דערלאַנג מיר דאָס קאָוועד־קעסטל, געטרייענקע, וועל איך דערוויל אָנהייבן שיסן אַף אים מיט קאָוועד דורכן פענצטער.

די געטין האָט דערלאַנגט, האָט ער גענומען דרייען דעם דרייער אפֿן קעסטל און באַשאָסן דעם גאָט מיט גוואַלדיקן קאָוועד. דער גאַסט־גאָט האָט זיך אַ לאָז געטאָן גיכער און מיט גרויס צופרידנקייט באַדאַנקט:

— אייער קאָוועד האָט מיך דערמינטערט. אָבער צו וואָס זאָלט איר זיך מאַטריאַך זיין? איך בין נישט קיין פּאַריץ. גיט מיר דאָס קאָוועד־קעסטל און איכל מיר שוין אַליין באַקאָוועדן אין די נויטיקע ערטער. — ער האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס קעסטל, פאַר־הויבן אַ האַנט און זיך אַריינגעטאָן קאָוועד אונטער דער פּאַכווע. פאַרהויבן אַ פוס און זיך אַריינגעבלאָזן קאָוועד אונטערן פוס. צום סאָף האָט ער ס׳גאַנצע קעסטל איינגעשלונגען און געזאָגט אַ דאַנק.

די געטין האָט זיך צוגעזעצט לעבן בעקאָוועדיקן גאָט און אים געבעטן ער זאָל איר דערציילן וואָס פאַר אַ וועלט ער האָט. דער גאָט האָט אויסגעשפּיגן דעם דרייער פונם קאָוועד־קעסטל אַזוי ווי מע שפּייט אויס אַ פישביינדל און גענומען דערציילן:

— איך אַליין, ווי דו קוקסט מיך אָן, בין אַ נאַכט־שוטעף מיט אַיטקע בעוואָווקען (יהו ה), דער גרעסטער גאָט באַ אידן, וועסטו דאָך מיך פרעגן ווי אַזוי און וואָס און ווען, וועל איך דיר דערציילן פון „א" ביז „ת".

: : איך בין אַמאָל געווען אַ גאָט פאַר זיך אַליין. כ׳האָב פאַרמאָגט מיינע אייגענע דרייסיק מאַלאָכים, צוויי שאָק שטערן, אַ מעלקעדיקע לעוואָנע, אַ קופּערנעם מוילעד, אַ רעגנבויגן, אַ פּאָר ווינטערדיקע שטורמווינטן, צוויי שיידים און אַ מאַלעכאַמאָוועס, אָן אַלמען.

: : איך בין מיר געזעסן אפֿן הימל ווי אַ גראַף און וואָס האָט מיר געפעלט? נו, נו, האָט זיך מיר פאַרגלוסט קונסט! וואָס זשע טוט גאָט? ס׳הייסט, וואָס זשע טו איך? נעם איך אַ פּופּיקל מיט אַ

לעבערל, מיט אַ פּאָר אויערלעך, מיט אַ פּאָר קריזשעס, מיט אַ פּאָר האָר מיט אַ פּאָר נאָזלעכער, מיט נאָך אַ פּאָר קליינ־קייטן — מאַך מיר אַ מענטשעלע און לאָז עס אַרונטער אַף דרערד. אַזוי ווי איך בין שוין ניט קיין צוציקל, קינעהאָרע אַ גאָט אין די פּייערדיקע יאָרן, האָב איך גערעכנט, אַז סאיז קעדאַי צו האָבן עמיצן אונטער זיך, וואָס זאָל מיר אַ דאַנק טאָן אָדער אַ ליוב טאָן פון צייט צו צייט. ווייל וואָס, משטיינסגעזאָגט, איז דאָס גאַנצע לעבן פון אַ באַשעפער?

: : איך האָב זיך דעמאָלט געמאַכט נאָך אַ בריסמילע און זיך אַ נאָמען געגעבן „דער גאָט פון ווייניקוואָס“, ווייל, ווי דו קוקסט מיך אָן, בין איך זייער אַ קאַרגער. די זון פלעג איך קיינמאָל נישט אַרויסשיקן. נאָר אַמאָל, ווען איך בין געווען זייער אויפגעלייגט, פלעג איך אַ פינטל אָפּטאָן מיטן קליינעם פינגערל אַ פינף שטערן, און זאָל מיין מענטשעלע זען אונטן, אַז ער האָט אַ גאָט אויבן. די לעוואָנע פלעג איך האַלטן אין קאַמזויל־קעשענע און אַמאָל, גאָר אומגערן, ווען איך פלעג מיך איינבויגן באָרכו צו מיין ליבן נאָמען, האָט זיך אַרויסגעגליטשט אַ ברויזן לעוואָנע און באַלויכטן אַן אויער־שפּיץ פון מיין באַשעפעניש. מיילע, זאָל מיינס איבערגיין.

: : איז זיך מעיאַשעוו ס׳מענטשל און ס׳הייבט אָן וואַקסן העכער און העכער ביז ס׳איז אַריינגעוואָקסן מיטן קאָפּ אין הימל אַריין. ער האָט זיך געמאַכט אַ פּאַסקודנע טעווע — צו פאַרפרירן דעם יאַם אַף אייז, אַרויסרייסן דעם גאַנצן פאַרפרוירענעם יאַם (איין ראָד אייז) און וואַרפן דעם יאַם איבער זיך און ז י ך איבערן יאַם. און צום סאָף נישט לייגן דעם יאַם אַפן זעלבן אָרט.

: : זענען געקומען צו מיר שטורמווינטן זיך באַקלאָגן, אַז זיי האָבן זיך געלאָזט אַזש פון איסט בראָדוועי אַ שטורעם־טאָן אַף מיין יאַם און אים נישט געטראָפן אינדערהיים.

: : האָב איך געזען אַז ס׳איז שלעכט, האָב איך געוואָלט באַ־שטראָפן מיין באַשעפעניש מיט היי־פיבער אָדער מאָזלען. האָב אָבער מוירע געהאַט. היינט איז אַנדערע צייטן, ווייל באַלד עפּעס, איז רעוואָלוציע. בין איך אַוועק און געמאַכט אַ געוואַלדיקן קאָנ־ you know טראַקט מיט איטקע בעוואָוקען דער גאָט פון

אווראַמען, דער טאַטע פונם יויזל, און דער פּאַסטעך פון די קאַ־שערע לעמישעפּסן. דער קאָנטראַקט האָט געלויטעט, אַז ווען איטקע בעוואָוקע לייגט זיך שלאָפן, זאָל איך פאַר אים געוועלטיקן.

— און אַ געליבטע האָסטו? — האָט די געטין אַ פרעג געטאָן.

— ניין, ניין, ניין! דאָס נישט! — האָט דער ברייטער גאָט אַ ניין געטאָן מיטן קאָפּ.

— פאַרוואָס נישט? — האָט אים די געטין געפּרעגט מיט אַ סירופּ־שמייכעלע אין ווינקל אויג.

האָט ער געענטפערט: — נאָך דאָס פעלט מיר! זיך טיילן מיט מיין ביסל נאַכטיקן פינצטערן קאָוועד. לאָי מיט אַ לאַמעד. אָבער וואָס רעד איך! ניין, ניין! פּע! איך צי מיינע ווערטער צוריק. — ער האָט אַרויסגענומען אַ צוועגגל פונם אויער און גע־נומען ציען די ווערטער צוריק. ער האָט די צעצויגענע ווערטער איינגעשלונגען, צוריק אַריינגעשטופּט דאָס צוועגגל אין אויער אַריין און געפּרעגט:

— אָבער, טייערע געטין, דערקלער מיר אַקוראַט וואָס הייסט אַ געליבטע?

די געטין האָט קאָקעטיש אַ דריי געטאָן מיטן שיכל און געענטפערט:

— אַזאַ איידלינקע, שיינענקע ווי איך הייסט אַ געליבטע אין די הימלען.

— טאַקע? — האָט זיך דער ברייטער גאָט אַ פריי געטאָן און אויך אַ דריי געטאָן מיטן ברייטן פוס. — איך קען קריגן איינע ווען איך וויל.

— וואו קענסטו קריגן? —

— וואָס הייסט וואו? — ענטפערט ער, — איכל דיך נעמען.

— וואָס הייסט דו וועסט מיך נעמען? איך בין דאָך נישט דיינע. איך בין מיין גאָטס, פאַרשטייסט?

— דאָס איז בלאָטע, ענטפערט ער געלאַסן. מיר קומט דאָך עפּעס אַ שטיקל מאַטאָנע פאַר שלעפּן זיך אַהער מיט אַ קיסע־אַקאָוועד אַף דער פּלייצע. מיינסט ס׳איז גרינג! דו ביזט דאָך

אזא גוואַלדיקע, אַזא קאַקעטישע. געוואַלד, אידן, ראַטעוועט! אַט ברען איך איבער פון ליבע! אַך, ווי מיין אַלמעכטיקע ליבע האָט זיך צעבלאָזן אין מיר!

דער גאָט ווי אַ ברייטע געביידע האָט זיך גענומען וויגן און קלייבן נענטער צו דער געטין אַזוי ווי יאָעל סלאָנים. די געטין האָט אַ גרינעם קרעכץ געטאָן, איז אַוועקגעלאָפן אַ בלאַסע און פאַר־שוואונדן אין די הימלישע בלויקייטן מיט אַ שאַרפן פיאָלעטענעם קוויטש. זי איז אַריינגעפאַלן אַ דערשראָקענע אין די אָרעמס פון איר גאָט און האָט אַ קרעכץ געטאָן.

— וואָס איז דיר, געליבטע? — האָט ער געפרעגט.

— אָט יענער בעקאָוועדער ברייטער גאָט־קאַפּאָט טשעפּעט זיך.

— וואָס? — האָט ער זיך אַ צינד געטאָן, — איך וועל אים כאַפּן און קלאַפּן! איך וועל אים פּלאַטשיק מאַכן ווי אַ לעוואָנע נאָך האַוודאָלע, בינעמאָנעס. — ער האָט מיט גרויס רעציכע אַ כאַפּ געטאָן צוויי ווינטערדיקע מאָנאַטן און געוואָרפן דעם ברייט־בעקאָוועדיקן גאָט אין שבינע אַריין.

דער בעקאָוועדיקער גאָט האָט זיך אַ קראַץ געטאָן און גענומען זיך קלייבן אין וועג אַריין. ער האָט אין גרויס איילעניש, ווי אין אַ סריפע, אַ כאַפּ געטאָן דעם קיסעאַקאָוועד אַף דער פּלייצע, זיך אָפּגעטראָגן און איז נעלים געוואָרן.

אַז איך געפין זיך אַפן צענטער פון שטערן מאַרס איז בא מיר קיין ספק נישט געווען, ווייל דאָ האָב איך מיט מיינע איי־גענע אויגן געזען זיך אַרומדרייען איינשטיינס טעאָריע. לעמאָשל: אַז איר האָט געקוקט אַף אַ קוימען, האָט איר געזען אַ טייבעלע. און אַז איר האָט עס גענומען אין די הענט אַריין, האָט איר געהאַלטן אַ רעדע. און אַז איר האָט זי אַוועקגעלייגט, האָט זי אָנגעהויבן מאָזלען. ווען איר האָט זי גענומען אירצן, איז זי געוואָרן אַ גראַגער. און ווען איר האָט גענומען דרייען דערמיט, איז עס געוואָרן אַ גראָבער פינגער. פון דאַנען איז געדרונגען, אַז איינ־שטיינס טעאָריע איז גרינג צו פאַרשטיין, אָבער שווער צו צעקייען. נאָר גיי קיי, אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו קייען. און איך בין אזא

מענטש, וואָס ווען איך ווער הונגעריק, מוז איך קייען. וועל איך אַנידערלייגן די טעאָריע אַף אַ פּאָר מינוט און גיין עסן.

אָבער וואו גייט מען עסן אין מיטן דער לופט? אַז דער ערד־מאַגנעט אַפּן מאַרס ציט ניט, כאַטש גיב אים אַ קרענק, נישטאָ קיין טראָפּן גראַוויטור אַף אַ רעפּוע. איך נעם שטעלן אַ פּוס, הויבט ער זיך אוף און בלייבט שטעקן אין דער לופטן. הויב איך שוין אוף דעם צווייטן פוס, בלייבט ער אויך שטעקן.

שטיי איך שוין מיט ביידע פיס אין דער לופטן. וויל איך מיטאַמאָל אַ טאַנצטאָן אַרונטער, רייסט זיך מיר אָפּ אַן אויער און פליט אַוועק קיין האָצעקלאָץ. לאָז איך זיך צו האָצע־זייט, פליט מיר אַרויס אַן אויג און פאַרפליט קיין קלאָצע־האָץ. גיב איך אַ ברום מיט די נאָזלעכער, קומט דער אויער צוריק און שטעלט זיך צו צום צווייטן אויער. האָב איך שוין אַף דער רעכטער זייט צוויי אויערן און אַף דער לינקער זייט בין איך טויב ווי אַ וואַנט. טו איך אַ פינטל מיטן איינציקן אויג, קומט צעפליען ס׳צווייטע אויג און פּראַוועט זיך מיר איין אַפּן שפּיץ נאָז. און געזען האָב איך מיט דער נאָז זייער פיין, ווייל אַלצדינק איז מיר געווען נעענטער צו באַטראַכטן.

אָבער צו קיין עסן קומט עס נישט. וואָס טוט מען?

נאָר אָט האָט מיין נאָז געטאָן אַ פרייִלעכן פינטל מיטן אויג און דערזען אַ טייערן פעטן, הייסן רעסטאָראַן. נאָר פּלוצים דערפיל איך אַזאַ מין ווייש איבערן מויל: וואָס איז דאָס? איך טו אַ טאַפּ מיטן האַנט — נישטאָ ס׳מויל. שלעכט!

און דאָ בין איך הונגעריק ווי אַ וואָלף און ס׳הייבט מיר אָן בייסן אונטערן פוס. איך גיב אַ קוק אונטן: ס׳מויל מיט די ציין מיטן צונג האָבן זיך איינגעפּראַוועט טיף אין דער פּיאַטע. האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז אַזאַ קלימאַט וואו מע עסט מיט דער פּיאַטע. איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. אַז איך בין אַזוי הונגעריק, זאָל זיין עסן מיט דער פּיאַטע, אַבי ס׳איז דאָ אַ מויל.

אין רעסטאָראַן גייט מען נישט אַריין דורך קיין טיר און נישט דורך קיין פענצטער, נאָר דורך רעקאָמענדאַציע. זיץ איך שוין אינווייניק, סאַ זיצן, מאָלטייך. אַז איין פוס שטייט אַף דער סטעליע, און פון דעם צווייטן פוס באָמבלט זיך אַרויס אַ צונג.

ווי איך נעם דאָס שפּייזקאַרטל אין האַנט, הויבט מיר אָן זידן דער פּופּיק — האָב איך עס אַף גיך צוריק אַוועקגעלייגט. האָט אופּגעהערט זידן.

מיילע, ס'האָט מיר גענומען אַ שיין ביסל צייט מיט אַ היבש ביסל איינשטיינטעאָריע, ביז איך האָב אויסגעפאָרשט ווי אַזוי צו קוקן אין שפּייזקאַרטל און וואָס ס'איז דער באַטייט פון די אויסיעס.

שטעלט אייך פאָר, אַז צוויי צענפונטניקעס מיט אַ דרענגל אינמיטן איז באַ זיי אַן „א". אַ פאָר ביליקע הויזן איז באַ זיי אַ „ה". אַ האָרבאַטע באָבע מיט אַ פלאָקן אַפן קאָפּ איז באַ זיי אַ „ל". אַ הינערש פיסל איז באַ זיי אַ „ש". אַ שטיקל אַלט דאַמענשיכל איז באַ זיי אַ גאַנצע „ג". אַ שלענגל מיט אַ קעפּעליוש איז באַ זיי אַ „ז".

זיך אויסגעמוטשעט יעדן פיצל געהירן אין קאָפּ ביז איך האָב איינגעביסן די אַלפאַבעטיקייט פונם אַלעפבייז. איצט לייען איך שוין גלאַטיקלעך:

מעניו

צוויי גלאַנציקע סעקונדן פון אַ שוואַרץ ביקל
מיט אַ גרינעם זיפּץ פון אַ רויטן פענצטער
הייסט באַ זיי — — — — — **אַנטיפּאַסטאַ.**

געבראָטענער כאַלעם אַף אַ שפּיץ פון אַ בליץ
הייסט באַ זיי — — — — — — — **שאַשליק**

אַ זונזעץ, מיט שאָלעכץ פון ווייסע ווינטן,
הייסט באַ זיי — — — — — — — — **באָרשט.**

אַ גוטיאָנטעף מיט בלאָטע, הייסט באַ זיי—**קוגל.**

געוואַלד, אַלאַ ראַטעוועט, הייסט באַ זיי — **כריין.**

גייט אין דער אַדאָמע מיט אַ ביטער שוואַרציאָר,
הייסט באַ זיי — — — — — **אַ שטיקל רעטאַך.**

אקלאַל, אָפּגעגעסן מיטן פּוס, זיך באַלעקט די פּיאַטע, באַצאָלט 65 סענט (איינס צום אַנדערן האָט נישט צו טאָן), בין איך אַרויס באַקוקן דעם מאַרס מיט רוּאיקע אויגן. איך הויב זיך אָן גוט צוקוקן: עפּעס גאָר היימיש, נאָר אַ ביסל אַנדערש. אָט זע איך אַ יאַטקע. אַפן פענצטער שטייט געשריבן:

אַשער קוטשער בשר כשר

גרינער כאַלעם — — — 2 פּעטש אַ פּונט.
געהאַקטע אומשטענדן — — 3 שפּיי אַ פּערטל.
געפּלאָבטענע וועלט־עקן — 2 קנאַק אין פענצטער.
אויער־פּעסלעך — — — — 3 קרעכץ אַ בלעכל.
מאַרינירטע נאָזלעכלעך — 4 קניפּ אַ קווערטל.
פרישע קאַשערע געקוילעטע קאַפּאָטעס
היר צו באַקומען.

די יאַטקע איז געווען געשלאָסן און אַ שילדל אויף דער טיר האָט קלאָר געמאַכט:

דער קאַצעף פון דיזן בוטשער־שאָפּ זיצט שיווע נאָך זיין הונט וואָס איז אומגעקומען אַל־קידעש־אַשעם

שפּעטער האָב איך באַמערקט אַן אַרבעט־ביוראָ און אויף דער טיר זענען געהאָנגען דיזאָזיקע שילדלעך:

פאַרלאַנגט אַ פּרעסער צו פּרעסן זיין אייגענעם רוקן, קעדיי ער זאָל נישט קענען אופשטיין צו קיין סטרייק.

פאַרלאַנגט אַן אָפּגעשווירענעם יאָסעם מיט האַרטע שאַרפע הערעלעך, ער זאָל שלייפן קאָמאָדעס מיט זיין קעפּל.

פאַרלאַנגט אַ קעמער מיט 35 פינגער וואָס בויגן זיך נישט, צו קעמען אַ לויזיק רייך וואונדערקינד, וואָס הוסט אוים דעם ניגן פון אוידלע אוידלע אוידלע אָוולע.

פאַרלאַנגט אַ דאַמען־שניידער ער זאָל צעשניידן די לאַידן פון צוויי יונגע מאַידן, וואָס ליבן אַן אַלטן מיליאָ־נערסקן זאַידן, וואָס וויל זיי פאַרפירן קיין שוואַידן און אַליין אַנטלויפן אין גאַנאַידן.

פאַרלאַנגט אַ לאַנגן פאַרלייגער, צו לייגן פּייסעכדיקע אייער מיט ציבעלעס.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט און דערזען אַ „באַרבערשאָפּ" מיט אַ געדרייט שילדל:

וואַרנונג

נישט דערלויבט צו קייען דעם מוילעד,
וואָס הענגט לעם האַנטעך,
אַן דער דערלויבעניש פונם
מאַילע־שעל־מאַילע.

האָב איך זיך דערשראָקן. איך האָב געמיינט אַז איך געפֿין זיך אין אַזאַ נאָכבערשאַפט וואו גאָט אַליין קומט אַריין נאָך אַ „שעיוו און אַ העירקאָט". נאָר איך האָב אויסגעפונען, אַז דער מאַילע־שעל־מאַילע הייסט באַ זיי אַ קליין שיקסעלע פון אונגאַרן, וואָס קומט אויסקערן דעם באַרבער־שאַפּ אַלע אַכציק יאָר.

אַלע אַכציק יאָר?—האָב איך זיך שוין ווידער דערשראָקן. נאָר איך האָב אויסגעפונען, אַז אַלע אַכציק יאָר פאַלט באַ זיי אויס אַ פּאָר מאָל אַ טאָג, אַכוץ ווען מע עסט פלוימען, אָדער ווען ס'איז פאַראַן אַ „וויכאָדנאָי". האָב איך זיך שוין מער נישט געשראָקן. באַם אַרויסגאַנג העגנט אַ קליין שילדל:

נישט דערלויבט צו שפּייען
אַף אונזער באַלעבאָס,
כאָטש ער איז אַ
וואונדערלעכער כאַזער.

אַפן שפּיגל איז אָנגעשריבן מיט ניאָן־פייער:

מיר פייפן אַף אייך
מיטן שויפער שעלמאָשיאַך
דריי מאָל טעגלעך.

ביזנעסלייט זענען באַ אונז אין אַמעריקע קיין נאָווינע ניט, אָבער דער מאַרס־הענדלער איז אַן אַנדער סאָרט מענטש. ס'וואָלט אויס־קומען שמאָל־אויגיק צו זען אַלע מענטשן מיטן כויזעק־אויג, וואָס

קוקט פון מיין נאז ארויס, אבער דער קליינבירגער אפן מארס איז נישט קיין גאנצער נאר א געשטיקעוועטער. לעמאשל:

דער פרוכט הענדלער:	האלב יאנקל און האלב עפל.
די שוויגער:	האלב אידענע און האלב טעפל.
די פרעסע:	האלב קאן און האלב פייגער.
דער בלאפער:	האלב ליגנער און האלב איינס אזייגער.
דער פיינשמעקער:	האלב נאז און האלב פלוי.
דער פרעזידענט:	האלב פויגל און האלב בלוי.
דער פען־שאמעס:	האלב פילסודסקי און האלב טראדיציע.
דער ציון־קוועטשער:	האלב יאליק און האלב אינקוויזיציע.
דער קלעיקוידעש:	האלב קוגל און האלב פייע.
דער הימל־דיכטער:	האלב מעשוגע און האלב באסערדייע.
דער מאגנאט:	האלב פארד און האלב פערד.
דער באלמעלאכע:	האלט זיי אלע טיף אינדרערד.

אט אזא מענטש איז דער באלמעלאכע אפן מארס, ווייל צו האבן זיי אלע ט. א. איז זיין הויפט פראפעסיע.

איך בין ווידער הונגעריק געווארן. אבער איך האב מער קיין כיישעק נישט געהאט צו נעמען ווידער קעמפן מיט איינשטיינס טע־אריעס און נעמען אויסטון א שוך צו געפינען דאס מויל.

מען דארף, טראכט איך, לויפן א קוק טאן וואס ס'הערט זיך אפן מארסיאנער וואל־סטריט. און איך שווער אייך „בילעמאלעס” (אנטשולדיקט מיין קאטאר), אז כאטש איך זע דעם וואלסטריט צום ערשטן מאל, פונדעסטוועגן האב איך אנגעהויבן ניסן.

ס'זענען געשטאנען אף דער ערד א גרופע גלאנציקע ציליג־דערס אן אידן און אף יעדן צילינדער איז געשטאנען א פושקעלע טאבעקע. פלוצים האבן זיך די צילינדערס גענומען הייבן העכער און העכער און ס'האבן זיך ארויסגעהויבן פון דארט די מארסיאנער קאפיטאליקן.

איינער מיט א גרינער בארד און ווינער וואנצים האט זיך

גענומען ס'וואָרט מיט אַ גאָפּל, אַזוי ווי מען נעמט אַ שטיקל הערינג, און געדראַשנט:

מעגט איר זיין אַ איד,

מעגט איר זיין אַ גאָי,

מעגט איר זיין אַ מאַרסיאַנער,

מעגט איר זיין אַן אינדיאַנער,

מעגט איר זיין אַ ווענוסאַנער,

מעגט איר זיין אַ גאַליציאַנער.

דאַרפט איר, מוזט איר און וועט איר שטימען

פאַר אונזער דירעקטאָר פון טילעם־צענטער,

מיסטער הוסטער, פאַר מיניסטער.

— מיסטער הוסטער איז אַ פרומער מיניסטער, מאַכמעס ער וואַשט זיך צון אַ בייגל און נעמט אַ וואַנע צו אַ ניסל.

— מיסטער הוסטער איז אַ קאָפּ־מענטש: ער האָט איינגעפירט „עפישענסי" אין אונזער טילעם־צענטער.

— צום ביישפּיל: אַ מאַלקעס־שמייסער מוז האָבן אַ לאַנגע באָרד ביז דרערד, און ווען דער זינדיקער לייגט זיך, פאַרשפּרייט ער זיין באָרד אַפן זינדיקן אָבער, קומען נישט צו די שמיץ, און מען טרייסלט פון זיך אַראָפּ די זינד אַן קאָפּדרייעניש. (גרויסע אַפּלאָדיסמענטן).

(אילוסטראַציע אַף זייט 157.)

— ער האָט אויך איינגעפירט אַ סיסטעמע, אַז דער סייפער־טוירע־שרייבער זאָל נישט באַדאַרפן צו יעדן פּאָסעק לויפן אין מיקווע אַריין. ער האָט אים דערלויבט צו שרייבן די טוירע אין אַ שפּריץ־באָד. איז דער סויפער אויסגעקליידט אין אַ באָד־אַנצוג,

און צו יעדן הייליקן פּאָסעק נעמט ער זיך אַ קאַלטן שפּריץ. אָט האָט איר אַן אילוסטראַציע.

— מיסטער הוסטער איז אַ קאָשערער מיניסטער מיט אַ שטעמפּל אַפּן צונג פון „גילויז" און „בראָפּמאַנז" קאָשעריי. ער האָט שוין אַף יאָמימנויראָאים אָנגעגרייט 80 קעסטלעך מיט קאָשערע געזאַל־צענע פּייעס. און ווער ס'וויל שטיין אין פאַרבינדונג מיטן גאַניידן, דעם וועט ער אָנטשעפּען אַ פּאָר פּייעס פאַר אַ קוואָדער אַ מאָנאַט — אַף אויסצאָלן.

— וואָס טויג אונז געזאַלצענע פּייעס! — האָט אַן אָרעמער אוישער אויסגעשריגן. — איין קעמאַך, איין פּייעס! מיר מוזן זען מאַכן עפּעס אַ לעבן!

דער רעדנער האָט זיך אַ קאַלעמוטנעם בייזער געטאָן:

— ווילט איר, הייסט עס, זיך שמאַדן און ווערן אַן אַרבעטער?

דאָ האָבן זיך אַלערליי קוילעס אויפגעכאַפּט: קוויטשעדיקע, קרעכצעדיקע, רעוורענדיקע, קאַשעוואַטע און פאָנפעוואַטע:

— וואָע? אַרבעטן? ניין! נאָ! ניעט! ניקס! נעווער! ני־קאָגדאַ! לאָי מיט אַן אַלעף! אַרבעט אַליין, ראָשע! אונזערע קינדער וואָלטן דאָס באַדאַרפט הערן! קאַרג צאָרעס האָט מען זיי אָפּצוהאַלטן פון אַן עגבער אָדער פון אַ צווענגל!

דער רעדנער האָט גענומען איינשטילן:

— קאַכט זיך נישט, איר זענט דאָך אידן, נישט קיין הינער. נישט דאָס האָב איך געמיינט. געמיינט האָב איך צו זאָגן, אַז מיר מוזן אויסאַרבעטן אַ פּל....

— נישט אַרבעטן! גראָבער יונג! ראָשע! אַפּיקוירעס! האָבן ווידער אַלע אויסגעשריגן.

דער רעדנער האָט זיך מיט די הענט שטאַרק געדריקט די אויערן, פאַרקנייטשט די נאָז אין פּערציק פאַלדן און געשריגן מיט אַלע קויכעס:

— ניין, ניין, ניין! נישט, נישט, נישט! נישט אַרבעטן! ווער קלערט דען דערפון? איך מיין צו זאָגן אַז מיר מוזן מאַכן אַ פּלאַן, אַז די וואָס אַרבעטן זאָלן אונז געבן סכוירע, און די וואָס דינען אימעיבערשטן, זאָלן זיי צאָלן מיט טוירע.

— זיי ווילן נישט קיין טוירע! — האָט דער אָרעמער אוישער אויסגעשריגן.

אַ אידל מיט אַ לאַנגן לייבצעדאַק ביז דער ערד און אַ קוואָטשקע אונטערן אָרעם האָט אַרויסגעבייזערט:

— כ'האָב אינען שוין טויזנט מאָל געזאָגט אַז מיר זאָלן זיך אויפהערן „באַדערן" מיט די באַלמעלאָכעס. אין וואָס גלויבן מיר? אין אַ גאָט צו אין אַ קלאָץ?

— אין אַ גאָט, — האָבן די קאַפּיטאַליקן געענטפערט.

מאַכט ס'אידל: — טאָ גאָט־זשע אין אַלדיריכעס און גאָט עט עלפן. נאָר איידער איר גייט, קומט אַלע אהער, ציצעס קושן. אַ ניקל אַ קוש! שוין מיט אַ שפּיי און אַ שפּרונג פאַרן זעלבן ניקל. „קאַמאַן! אַ ניקעלע! עווריבאַדי"! כאַפּצידן! כאַפּצוואַבער! „וויקענד־עקסקוירשן": אַ ציצע־טיקעט אין גאַנאַידן פאַר איין ניקל!

פּלוצים האָט דערלאַנגט אַ גרויסער פייף. די לופט האָט אָנגעהויבן זידן. שטורעם־ווינטן, ווי שאַליקעס פון אַלע קאָלירן, האָבן געוויִעט און געווירבלט אין אַ שווינדל־געדרעי. די קאַפּי־טאַליקן האָבן זיך אַריינגענורעט אין די צילינדערס ביז מען האָט זיי נישט אַרויסגעזען. ס'אידל מיט דער קוואָטשקע האָט זיך דערשראָקן און געלייגט אַ טפּיל, און די קוואָטשקע — אַן איי. ער האָט גענומען זוכן אַ קוינע פאַרן איי און פאַרן טפּיל. איז קיינער נישט געווען, האָט ער זיך אַליין פאַרקויפט דאָס איי מיטן טפּיל זייער ביליג. פונדעסטוועגן האָט ער פאַרדינט דערביי אַ שיינע פּאָר סענט.

ס'האָט געטאָן נאָך אַ פייף. די שטורעמווינטן האָבן זיך באַרואיקט, די זון האָט זיך געזעצט, און אַ מעקע געטאָן. אָבער כ'האָב אַ טאָעס געהאַט. אַ זון מעקעט דען? מעקען האָבן געמעקעט די שעפּסעלעך, מינאַסטאַם, וואָס זענען אָנגעקומען פונם צווייטן הימל פון דער בלויער פּאַשע. נאָר אַפן מאַרס איז עס גוט צו גלויבן.

ווי נאָר די זון האָט אָפּגעמעקעט און זיך אַנידערגעזעצט אַנ־שטענדיק, האָט זי זיך פון אַ פּאָר שטראַלן אויסגעפלאָכטן וועטשערע פון העברען סאָרט און גענומען לאַכן מיט אַזעלכע ליכטיקייטן, אַזוי ווי אַ קליין אינגעלע לאַכט ווען ער עסט אויף די גאַנצע קאַשע פונם שיסעלע.

די ליכטיקייטן האָבן באַלויכטן אַ גרויסע קאָוואַדלע. איבער דער קאָוואַדלע האָט זיך געשאָקלט אַ ביליאָנפּודיקער האַמער. איך

האָב באַמערקט, אַז דער ריזן־האַמער האָט געהאַט פינף קעשענעס. פון איין קעשענע האָט אַרויסגעשטעקט אַ האַמער, פון דער צווייטער אַ סיגנאַל, פון דער דריטער — אַ מאַרגן פרייהייט, פון דער פערטער — פונקען און פון דער פינפטער אַ ליולקע.

דער האַמער האָט מיט זיך אַליין אַ זעץ געטאָן אין דער קאַוואַדלע, און פון אַלע זייטן האָבן זיך אַ יאָג געטאָן טייערע עקיפּאַזשן און אַטאָמאָבילן אויף ווייסע פליגלען, פול געפּאַקט מיט מענער, פרויען און קינדער, מיט פריילעכע אויגן, אויסגעפּוצט אין ווייכע זיידנס און אין גלאַנציקן סאַמעט מיט גאָלדענע „זיפּערס". זיי האָבן גענומען אויסשרייען: וואו איז די שיף מיט קינדער? וואו זענען די פּיאָנערן?

און באַלד זענען אָנגעפלויגן עפּשער טויזנט ריזיקע לופטשיפן, פול געפּאַקט מיט פּיאָנערן, און אויף די שפּיצן פון די מאַסטבוימער זענען געזעסן אַלטינקע באַבעטשקעס און האָבן אַראָפּגעוואָרפן צו די קינדער גרינע לעקעכלעך מיט גלעקלעך. (בײַ די מאַרסיאַנער קינדער איז דאָס אַזוי ווי בײַ אונז, לאָמיר זאָגן, „אייזקרים").

די קינדער האָבן זיך אַזוי געפרייט דערמיט, אַז די שיף האָט זיך פאַרטשעפּעט אין דער לופט, און זיך פאַרשפּעטיקט אויף אַ קנאַפּער סעקונדע. יאָ, יאָ.

דער האַמער האָט דערלאַנגט דעם דריטן סיגנאַל. מיטן הענטל זיך אָנידערגעשטעלט אויף דער קאַוואַדלע אַזוי ווי מיט אַ פּוס. אַלע זענען שטיל געוואָרן. דער האַמער האָט זיך אויסגעהוסט, געטאָן אַ זופּ סעלצערוואַסער, נאָך אַ קליין הוסטעלע געטאָן, געמאַכט קכי־קכי און אָנגעהויבןריידן אַזוי ווי אַן עמעסער מענטש:

— כאַווײַרים! הײַנט איז בײַ אונז אַ גרויסער יאָנטעף! דער וואונדערלעכער „קאַפּיפּאַטערטאָג" (דער טאָג ווען מען איז פּאַטער געוואָרן פון קאַפּיטאַליזם). פּײַערן מיר דעם יאָנטעף מיטן נייעם האַמערמאַן! דאָס מיין איך מיך. עפּשער איז דאָס צו גאַיוועדיק פון מיין זייט. אָבער איך בין פּאַרט די קיילע וואָס איר האָט געשאַפן, צוגעגרייט און צוגעשלייפט לעקאָוועד דעם הײַנטיקן קאַפּיפּאַטער.

וווי איר קוקט מיך אָן בין איך מיר אַ האַמער, מיין טאַטע איז געווען אַ האַמער, מיין זיידע איז געווען אַ האַמער, און מיין

עלטערזיידע איז געווען א ביסל א פארזשאווערטער האמער. און דאך זענען מיינע קינדער אלע מאשינען, וואונדערבארע מאשינען. „מאשינען וואס דינען אינען אפילע א נאדל צו געפינען", אנטשול־דיקט מיין דייטש!

:: דער האמער אין אייערע הענט האט צעפלאטשט די קאפי־טאליקן, וואס פלעגן אויסזויגן בא אייך יעדן טראפן האניק און מילך. דער האמער אין אייערע הענט האט געוואוסט ווען צו זעצן און ווען צו שעצן; ווען אריינצוקלאפן א פלעקל אין אפצאס און ווען א טשוואק אין פיאטע. און איך: דאכצעבוואס? א האמער מיט א טראפן עלעקטרי, בין איך א גאנצער באלדארשן.

:: איך וויל אייך בעטן א פערזענלעכע טויווע. זאגט מיר צי איז מיין שטימע פיין און גלאט, ווים'בידארפצוזיין?

אלע שרייען אויס: „א קעי"! וואונדערבאר! גוט! בראווא!"

— איר פארשטייט,—זאגט דער האמער,—עמעס טאקע, איך בין נישט פון פלייש און ביין, נאר פונדעסטוועגן וואלט איך זיך געפילט נישט פויגלדיק ווען מיין שטימע זאל זיין הייזעריק, אדער פאנפעוואטע. ספעציעל וואלט איך מיך געשעמט פאר די דאמען. מיינט נישט אז איך קלייב מיך א ליבע שפילן, נאר אזוי איז שוין דער מענטש.

ווען איך יאסל וואלט דא אין דעם ביכל איבערגעגעבן די געלעכטערס, וואס די מאסן האבן מיט אזוי פיל פרייד ארויסגע־שאסן, וואלט דער לעזער באקומען א צעטראסקעט ביכל. די בלעט־לעך וואלטן צעפלאצט געווארן אזוי ווי צעפאטשטע לאקשן. דערפאר וועל איך עס טאקע נישט איבערגעבן.

איך האב אנגעהויבן באמערקן וואיענדיקע ווינטן מיט ווייסע פארטוכער, וואס האבן זיך געלאזט מיט פולע עמער פארב, צו באמאלן די בוימער רויט און געל. דא האב איך פארשטאנען אז מיין וואקאציע אפן שטערן מארס ענדיקט זיך. מיין מאמע ריכט זיך שוין אף מיר, זי קוקט שוין די אויגן אויס אף מיר, ווייל זי ווייסט, אז ווען די בוימער שאקלען פון זיך די בלעטער אראפ, דאמאלס קומט יאסל אהיים: א גאסט אין שטעטל. האט די מאמע שוין מינעסטאם אפגעקאכט פאר מיר א טייערע וועטשערע מיט „העם און עגס".

פלוצים האָט דער האַמער אויסגעשריגן!

— איידער איך ענדיק דעם גרויסן „קאַפּיפּאַטערניק” וויל איך אָנאָנסירן, אַז עפּעס אַ כאַראַקטער האָט זיך צוגעכאַפּט צו מיין מאַגנעטישן שפּיץ, און איך ווייס נישט וועמעס ער איז. כאַוויי־רים! ווער פון אייך האָט פאַרלוירן דעם כאַראַקטער?

איך בין אונטערגעשפרונגען און געזאָגט:

— גוט וואָס דו האָסט מיר דערמאָנט! איך בין שיר שיר אַוועק אַהיים אָן אַ כאַראַקטער.

דער האַמער האָט זיך אופגעהויבן די גרעסטע הויך, מיר געוואָלט דעם כאַראַקטער אַריינדויבען אין קאָפּ אַריין. האָב איך זיך דערשראָקן און בין אָפּגעלאָפן.

— האָב קיין מוירע נישט, — שרייט דער האַמער, — איך האָב דיין כאַראַקטער גאַנץ פיין „אויסגעפיקסט” (אויסגעפיקסט אין מאַרס לאָשן הייסט פאַרריכט. אַזוי ווי אין אידיש אויספיקסן.)

דער האַמער האָט מיר גענומען דויבען אין קאָפּ אַריין, איין זעץ נאָכן צווייטן, און איך האָב דערפילט אַז סע נעמט אַ סאָף צו מיין מאַרס. ס'איז מיר אַריין אַ נייער כאַראַקטער אין יאַפּל אַריין, און איך בין שטיין געבליבן מיט ביידע פיס אויף דער ערד.

איך טו אַ טופּע מיט די פיס, יאָ, ערד. עמעסער שטויב. ס'איז אַ הייסער טאָג אויף דער פערצנטער גאַס. איך בויג זיך איין אָפּ־שטויבן די שיך מיטן נאָז־טיכל, — איז מיך אַ טראָק שיר איבערגעפאָרן.

און דאָ ענדיקט זיך ס'אייסעק מיטן שטערן מאַרס. איצט, ליבע לייענער, וויל איך אַז איר זאָלט מיר גלויבן פונם אָנהייב ביזן סאָף, אַניט עס איך נישט מיין מאַמעס וועטשערע.

ערעוו פייסעך

שימשען איז געווען א קליין אידעלע, אבער א גרויסער ארימאן. דער ווינטער האט אויסגעטרייסלט ס'לעצט ביסל שניי. די זון האט גענומען פאמפען פון דער ערד ניי גרין גראז מיט רויטע זיסע רעטעכלעך, די ווינטלעך האבן זיך אפגעשליפט זייערע ציין, וואס פלעגן שטשיפען בא די אויערן, און געווארן ווייכער און בעסער צו די לעכער פון שימשנס קינדערס מאנטעלעך. האט אבער דער רועך אנגעשיקט דעם ערוועוו־פייסעך.

שימשען האט אלע זיינע פארהייראטע יארן געציטערט פארן פייסעך אזוי ווי פאר פייער. אז ער מוטשעט זיך א גאנצן טאג, מיט א שטיינערנער שלייף־ראד, וואס ער שלעפט אפן אקסל, לויפט איבער די הויפן שרייען: מעסערס שארפן! שערלעך שארפן! צוויי סענט! און אין אוונט האט ער ערשט אן ארבעט, צעטראגן פעקלעך שניידעריי, פאר א קליין מאנופעקטשורל. טא גיי פלוצים דרינען ווער אן אוישער מיט שמאלץ און קניידלעך און ווין און מאצעס, אז ס'איז נישטא גענוג אף ברויט מיט רעטאכלעך.

ס'האט זיך אים אויסגעוויזן אין געדאנק אז דער מיטוואכ־דיקער ערעוו־פייסעך איז אריין צו אים אין קיך און זיך אנידער־געשטעלט שאקלען איבערן ברויט־קעסטל. שימשן איז בענאטור א גאסט־פריינטלעכער מאן, האט ער דעם ערעוו־פייסעך געבעטן טרינקען א גלעזל טיי.

— יא, איכל טרינקען, — האט דער ערעוו־פייסעך א שאקל געטאן מיטן מיטוואך, אבער זייט מויכל, מיסטער שימשן, „פליז", נישט קיין פייסעכדיקע טיי.

טראכט זיך שימשן וואס איז אים די נאפקעמינע?

ענטפערט ערעוו־פייסעך:

— דאס פייסעכדיקע דערמאנט מיר אין מיין באלעבאס דעם געקניידלטן מיסטער פייסעך. איך האב אים פיינט. אליין פארשטייטירמיך, גיסט ער ווין אין האלדז אריין, שמאלצט זיך אן די קישקעס מיט פייסעכדיקער שמאלץ, קנאקט נים, טרעסטשעט

ערעוו פייסעך

מאַצע, כליאַבעט אייער, שלינגט פּאַלירטשיקעס, און קוקנדיק אַף אים רואינירן זיך אַסאַך אידן זייערע בייכלעך, און זיי בלייבן זיך אויס ווי אַ מאַצע פון דער מאַצע.

:: מיסטער עליאָהו האַטישבי האָט געזאָגט אַמאָל אַ פּאָר קלוגע ווערטלעך:

אַז מען עסט אַ קרעקער,
זעט מען אויס ווי אַ קרעקער.
אַז מען עסט אַ קניידל,
זעט מען אויס ווי אַ קניידל.
און אַז מען עסט אַ מאַצע,
זעט מען אויס ווי אַ מאַצע.

:: דעם פּייסעך אַליין אַרט נישט, אַז אידן לויפן אַרום, אַזוי ווי מייז, פון די געברידער רעוועדענדס צו די געברידער מאַצע־פּאַצע. יאָגן די קינדער, מוטשען ס׳ווייב, באָרגן, לייען.

:: דעם פּייסעך אַרט עס נישט, ווייל קיין מאָגן האָט ער נישט. ער איז ווי אַ לעבעדיקער זאַק, און ער פּערזענלעך איז אַן אויסגעטראַכטער טרעלבע אַזוי ווי גאָט אַליין. נאָר מיך, דעם ערעוו־פּייסעך, שיקט ער אַרום איבער די שמוציקסטע ערטער קעדיי איך זאָל פּאַר אים צוגרייטן אַן אויסגעקאַשערטן יאָנטעף.

:: און ווען יאָנטעף איז שוין אומעטום, אַפילע אונטערן בעט, צעשפּרייט זיך דער פּייסעך מיט זיין ברייטן קאָוועד און לעבט אַ כאַזערשן טאָג 8, אָן אַ האַנט אין קאַלט וואַסער, אָן אַ פּוס אין בלאָטע, אָט אַזאַ בורזש... איז דער מיסטער פּייסעכאָוויטש. (פּייסעך איז בלויז אַ פּסעוודאָנים)

שימשן האָט זיך דערמאָנט אין זיין אייגן באַנאַכטיקן באַלע־בעסל: ווי ער שיקט אים אַרום איבער טרענטאָנער בלאָטעס צעטראָגן פּעקלעך צעשניטענע סכוירע צו די איטאַליענישע אידע־נעס. גאַנצע בוטעלים מיט וויין און שליוואָוויץ שטייען שוין אָנגעשטעלט באַ דעם „מאַנופעקטשורל״ אַף די פּאָליצעס, און איך, טראָג אים, און שלעפּ אים, און האָב דערפון אַ פּיינ. שימשן

מאַכט אַ פייג און טוציעט די פייג דעם ערעוו־פייסעך אין פּאָנים אַריין.

— פע! נעמט עס אַוועק! — האָט דער ערעוו־פייסעך גע־נומען טרימעסן מיטן מיטוואָך. — וואָס טויג אייך דער פייסעך. לאָזט מיר, און איך וועל אייך ערעוופייסעכן דעם גאַנצן פייסעך זייער ביליק. איר וועט פאַרשפּאָרן זיין אַ ציפּערפלאָקן, אַ „סאָקער", באַ די פייסעכדיקע ביזנעסלייט. און איך גאַראַנטיר אייך, אַז איר וועט דערלעבן איבעראיאָר אָנם פייסעך.

— ניין, ניין! — טראַכט שימשן, — פייסעך איז פייסעך און מען קען אים נישט אַוועקמאַכן מיטן האַנט.

דער ערעוו־פייסעך האָט גענומען גלעטן שימשענען מיטן מיטוואָך: — איכל אייך, — זאָגט ער, — ערעוופייסעכן דעם גאַנצן פייסעך פאַר אַ דאָלער מיט אַכטונייינציק סענט. אַסאַך אידן טוען מיט מיר ביזנעס, צוליב דעם קריזיס.

שימשן האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי מיט אַ פיי־סעכדיקער לאָפּעטע, און געטראַכט:

— ס'שטייט געשריבן אין דער טוירע, אַז דער וואָס מאַכט נישט קיין פייסעך, דער עסט כאָמעץ, און דער וואָס עסט כאָמעץ, דער עסט נישט קיין מאַצע, און דער וואָס עסט נישט קיין מאַצע אום פייסעך, דער איז געגליכן צו איינעם וואָס עסט כאָמעץ אום פייסעך. וואָס מיינט איר, מיסטער ערעוו, מע וועט באַפרייען אידן פון מיצראַאים, און מירן נישט עסן קיין מאָרער? מע וועט אונז שפּאַלטן יאַמים, און מיר וועלן נישט עסן קיין מאַצע? מע וועט פאַרמויערן אידישע קינדער אין די ווענט, און מירן נישט קנאַקן קיין ניסלעך? נאַסער! נישט באַ שימשענען!

דער ערעוו־פייסעך האָט גענומען הוידען מיטן מיטוואָך און געזאָגט:

— פע, רעב שימשן, איר גלויבט אויך אין ניסים? איך בין דאָך דער ערעוו־פייסעך אַליין! איך האַלט שוין דעם „דזשאַב" דריי טויזנט יאָר, וויים איך פאַר געווים, אַז די גאַנצע האַגאָדע האָט אויסגעטראַכט אַ לעץ, וואָס האָט דעמאָלס געאַרבעט פאַרן „קונדעס". ער איז געוועזן, בימכילע, אַ גרויסער שיקער, האָט ער

אין „קונדעס״ אָנגעמערקט, אז פייסעך מוז מען האלטן א קיילעכ־דיק יאָר, און נעמען א טרונק ווײַן נאָך יעדן קאָס, האָבן אידן נישט געוואָלט קויפן די האַגדע, מאַכמעס ווער האָט קויעך געהאַט צו ליגן שיקער אין א העסע־בעט א קיילעכדיק יאָר? האָט ער אויסגעמעקט, און איבערגעלאָזט אכט טעג. האָבן די דעמאָלסדיקע אידן געמיינט, אז ס׳איז א גרויסע מעציע. פונדאַנען נעמט זיך ס׳ווערטל, אז זיי האָבן עס געכאַפּט ווי מאַצע־וואַסער. דערימעך מוזט איר עס אויך כאַפּן? איך קען דאָך עפּעס עליאָהו האַנאָווי פּערזענלעך, און ער אַליין האָט מיר געזאָגט, אז ער וועט אָנקלאָגן דאָס אידישע פאָלק, דערפאַר וואָס זיי האָבן אַף אים אויסגעטראַכט אַזאַ מיעסע מאַיסע, אז ער איז א שיקער און א וויסטע פּיאַניצע, און ער קומט צו יעדן סיידער שנאָרען ווײַן. ביסאַבאָקל טאָר ער ניט טרינקען קיין שאַרפע זאַכן, מאַכמעס ער האָט היי־פיבער.

— נו, — טראַכט שימשן, — ווילט איר מיר טאַקע איינרעדן, אַז מוישע האָט נישט געשפאָלטן דעם יאַם?

דער ערעוו־פייסעך האָט זיך צעמיטוואָכט מיט ביידע הענט און געזאָגט:

— איך בין דאָך טאַקע געווען דערביי. בין איך געשטאַנען אין א זייט און געקראַכט פון געלעכטער, ווי מוישע האָט געכאַפּט א שטעקל פון אַן אַלטן זאַנטיק און גענומען שפּאַלטן דעם יאַם. האָט ער געשפּאָלטן און געשפּאָלטן און ס׳האָט נישט געוואָלט ווערן קיין שפּאַלט. האָט ער גענומען א „פּערי״ אין ניובוירג און געפאָרן ווערן א מעסאַדער־קעדושן אין ביקאָן. האָט מען אים נישט געוואָלט, מאַכמעס זיין באָרד איז געווען צו לאַנג. האָט ער גענומען א „שעיוו און א העיר־קאַט״, איז זיין באָרד געוואָרן צו קורץ. האָט ער זיך אויסגעזוכט אַן אַרבעט צו קנעטן ציגל נישט ווייט פון קעמפּ ניטגעדאַיגעט. און די אידן האָבן אים געהערט ווי דעם קאָטער. זיי האָבן געמאַכט גאַנץ פיינע ביזנעס פון די ביקאָנער פאַרמערס. און מוישע ראַביינו אַליין האָט באַדאַרפט אָנקומען צו די אידן נאָך א טויווע. דאָ האָט איר ס׳גאַנצע אייסעק! נו, רעב שימשן, גיט אַהער א „קוואָדער״ א „דעפּאַזיט״ און איבל זיך א נעם טאָן ערעוו־פייסעכן.

טראַכט זיך שימשן: — און וואָס וועט זיין, אַז פייסעך וועט אַריינקומען?

ענטפערט ערעוו־פייסעך: — כ'על אים צעפּאַטשן די מאָר־דעס, דעם אַלטן „פּעיקער“! דערווייל, איידער ער קומט אָן, כאַפּט זיך אַרויס אין דער איטאַליענישער בעקעריי, קויפט איין אַ ברויטל אַף פייסעך מיט אַ פּאָר פונטלעך כאַמעצדיקער זאַלץ.

טראַכטנדיק אַזוי, איז דערווייל פאַרגאַנגען די זון אין טיפער רויטקייט ווי כריין; די טיר האָט זיך ברייט צעעפנט, און מיסטער פייסעך האָט זיך געטאָן אַ שטעל אַריין אין הויז, מיט אַ טעלער אייער אַפן קאָפּ, און אַן אַפּיקוימען אונטערן אויער. פייסעך האָט באַלד אַ וואונק געטאָן צום ערעוו־פייסעך, אַז ער זאָל זיך וואָס גיכער אַרויסוואַרפן. איז דער ערעוו־פייסעך צוגעגאַנגען צום פייסעך נאָענט און געזאָגט:

— היינט, פּאַני פייסעך, וועט איר מוזן מוֹיכל זיין. איך בין מיר אַליין אין ביזנעס. און דאָ אין דעם הויז וועט איר היינט נישט קענען בלאַפן.

דער פייסעך האָט גענומען קריצן מיט די מאַצעס און אַ געשריי געטאָן: — כאַמעצדיקער שייגעץ! אַרויס פון דאַנעט!

פייסעך האָט זיך אַ דריי געטאָן צו שימשענען און געזאָגט:
— רעב שימשן, וואַרפט אַרויס דעם ערעוו־פייסעך, שוין שפּעט!

טראַכט שימשען: — מיין אייסעק! נעמט אייך אים, און גייט ביידע ק'טשאָרטו מאַטערי! שימשן האָט געטאָן אַ שפּיי, און איז אַוועקגעגאַן קויפן אַ הערינג מיט ברויט צו פּראַוועון דעם ערשטן סיידער.

פייסעך האָט זיך צעבייזערט און אים נאָכגעשריגן: — וואָע? איר זענט שוין געוואָרן אַן אַפּיקוירעס? אַזאַ קאַפּצעניוק ווי איר ציטערט שוין אויך נישט פאַר יעציעס מיצ..?

— כ'וויים — טראַכט שימשן, — כ'וועל פּרואוון דערלעבן אי־בעראַיאָר אָן אייך. ס'איז סיי ווי עפּעס נישט קיין גלאַטע מאַיסע, צו וואָס־זשע זאָל איך מיר לאָזן אויסמעלקן דעם לעצטן גראָשן אַף פייסעבדיקס? ווען איך זאָל האָבן אַ ביסל געלט, וואָלט געווען מער מיצווע צו קויפן די קינדער שיכלעך. ס'איז פאָרט אַ ביסל גרינגער צו פאַרדינען אַף אַ ברויטל איידער אַף מאַצעס.

— וואָס אי׳ דאָס פאַר אַ איד? — האָט דער פייסעך גענומען קנאַקן מיט די מאַצעס און שאָקלען מיטן טעלער אייער. — כ׳וועל לויפן קריגן אַ פּאָליסמאַן, וועט ער אייך אָפּשיקן צוריק קיין מיצראַאים. — און ער האָט דערלאַנגט אַ פּראַסק דעם ערעוו־פייסעך גלייך אין מיטוואָך אריין.

דער ערעוו־פייסעך האָט אים געגעבן אַ פּאַר אריין מיטן מיטוואָך אין טעלער און אים צעבראָכן די אייער.

דער פייסעך האָט אָנגעכאַפּט דעם ערעוו־פייסעך באַם מיטוואָך און אים אָפּגעביסן אַ האַלבן טאָג.

האָט דער מיטוואָך אָנגעהויבן טאָגן און אויף מאָרגן אינדערפרי האָט שימשן איינגעזען, אַז דער נעכטיקער ערשטער סיידער מיט געבאָרגטן הערינג, האָט אים געקאָסט אַסאַך ביליגער ווי דער פאַראיאָריקער ערשטער סיידער, מיט געבאָרגטער מאַצע.

סצענע.

א סאָדע־סטענד, לעם אן אפּארטמענט הויז, פרימאָרגן

פּאַרשוינען:

אַלטער מאַן מיט ווייס בערדל.
סטענדקיפּער, שוואַרצגרויע וואָנצעס, באַוואַקסן פּאָנים.
יונגערמאַן, אַרבעטער.
יאָסל, א יונג באָכערל.
מיסעס זעמל, א פרומע אידענע — שכיינע פון דעם הויז.
מיסעס פּיקמאַן, שכיינע פונם זעלבן הויז.
מיסטער קרעפּל, לענדלאָרד.
שעריף, פּאָליסמאַן, צוויי טרעגער.
ערשטער, צווייטער, דריטער און פערטער — שכיינים.
כאָווער דאָבלין און כאַווערטע כאַזאַנאָוו.
נעגער, מאַסן מיט פּלאַקאַטן.

אַלטער: גיסט אריין א ביסעלע וואַנעלע.

סטענדקיפּער: וואָס איז דאָ, א טשאַריטי אָרגאַניזיישאָן? פאַר א פּענע א גלעזל סעלצער זאָל איך אים נאָך גיסן וואַנעלע?

אַלטער: וואָסי, איר האָט קאַרג וואַנעלע? מיילע זאָל זיין א ביסעלע טשערי, (סטענדקיפּער גיסט), גיסט גיסט פלענטע, זאָל מיינס איבערגיין.

(דורך דער גאַנצער צייט שטייט א יונגערמאַן, הייבט אַלע צייטונגען, מישט זיי און לייענט.)

סטענדקיפּער: העי, העי מיסטער! אָדער קויפט א „פּייפּער", אָדער באַדערט נישט.

יונגערמאַן: (האַלטנדיק א „פאַרוואַרטס") פאַר דעם פּייפּער ווילט איר געלט? (צעקנייטשט די צייטונג מיט קאַס און וואַרפט זי אַף דער ערד.)

סטענדקיפּער: וואָס איז דאָס פּאַר אַ ביזנעס? איך האָב געמאַכט דעם „פּייפּער"? (דער יונגערמאַן ווארפט אים צו דריי סענט) האָט איר דאָך באַלד געקענט קויפן און נישט מאַכן קיין טראָבל.

יונגערמאַן: (הויבט אויף די צייטונג, ווייזט) נו, טוט אַ קוק אין דעם כאַזערשן „פּייפּער". (לייענט) „דער לענדלאָרד פון „שאַרלאָט סטריט" איז געווען געצוואונגען אַרויסצושטעלן דעם נעקסטן „טענענט" אין גאַס. צוליב דעם קריזיס איז געוואָרן אַ מאָדע נישט צו צאָלן קיין רענט, און אַ לענדלאָרד מוז זוכן שכיינים וואָס האָבן געלט, ווייל מאָרגעדזשעס מוז מען באַצאָלן." (יונגערמאַן ווארפט אַוועק די צייטונג) נו, דאַרף מען נישט שפּייען אויף אַזאַ „פּייפּער"?

אַלטער: וואָס איז דאָס, דער „פאָרווערטס"? פּע! דאָס איז דאָך אַ „גאַרבעדזש-קען"! צוואַנציק יאָר האָב איך געלייענט דעם „פאָרווערטס", ביז ס'איז מיר נישט-גוט געוואָרן, פּע. ערשט איצט אויף די עלטערע יאָרן בין איך געקומען צום סייכל און איך לייען אַ לייטישן „פּייפּער".

יונגערמאַן: וואָס פאַר אַ „פּייפּער" לייענט איר איצט?

אַלטער: איך לייען דעם „טאָג".

יונגערמאַן: אַז אַך און ווי צו אייער סייכל!

אַלטער (בייזלעך שלעפּט אַרויס אַ „טאָג" פון קעשענע): וואַצעמערע, וואָצע? האַ? טוט נאָר אַ קוק אַ פּייפּער, מיט אַלע „אימפּרואוומענטס" אָן בלאָפס. (ווייזט די קעפּלעך) „מאַן באַגייט זעלבסטמאָרד אויס ריינער ליבע", רוסלאַנד מוטשעט אידן, (אַ בריוו פון בייעם נאַכמען ביאַליק), „פּאָגראָמען אויף אידן אין פּוילן". און אָט האָט איר אַ סקיצע פון דאָקטאָר קאַרבאַלניק: וואָס וויל מען האָבן פון פּילסודסקין? ער איז אַ קראַנקער מאַן און אים ליגט נישט קיין פּאָגראָמען אין קאָפּ.

יונגערמאַן: דאָס איז אייער עמעסער פּייפּער?

אַלטער: דאָס איז נאָך בלאָטע, אָט וועל איך אייך לייענען אַ שטיקעלע „מענער און פרויען" וועט איר זען. (יונגערמאַן וויל אַוועקגיין, אַלטער האַלט אים צו באַם אַרבל, לייענט): „ווערטער רעדאַקטאָר! איך בין אַ עוויקער לעזער פון אייער ווערטער צייטונג-פּייפּער. איך בין געבוירנגעוואָרן מיט 58 יאָר צוריק, און אַלט בין

איך, קען מען זאָגן, 38 יאָר, צוליב די מאַנקי־דריזן. זינט די מאַנקי־דריזן, איז מיין ווייב געוואָרן גליקלעך, אָבער נישט מיט מיר. זי האָט זיך פאַרליבט אין מיינעם אַן אַלטן באַטריגער מיט געפאַרבטע וואָנצים, און איך בין געבליבן עלנט ווי אַ כאַמעצדיקער פלעדער־וויש אַף פייסעך. זי האָט מיר אויסגעבראַכט מיין פאַרמעגן, ווייל די מאַנקי־דריזן האָבן מיך אָפּגעקאָסט אַכציק טהולער אַ דריז מיט מיינע אייגענע מאַנקים."

יונגערמאַן: גענוג! גענוג געגודיעט מיסטער! זאָגט נאָר, איר קענט דעם ראָוו פונם ערשטן פלאָר?

אַלטער: אַ קאַשע אַביסל? מיר דאַווענען ביידע אין דער רומענישער שול.

יונגערמאַן: טאָ זאָגט אים, אַז ער זאָל נישט זיין קיין סקעב. אַלע שכיינים גרייטן זיך צום סטרייק און דער ראָוו מאַכט זיך געפיייגערט.

אַלטער: וואָס ווילט איר? אַז אַ ראָוו מיט אַ באָרד און פייעס זאָל פיקעטן אין „סטריט" מיט פרעמדע וואַבער?

סטענדקיפּער (שרייט זייער הויך): העי! יאָסל, יאָסל!

יאָסל (קומט צו): העלאָ, אָנקל.

סטענדקיפּער: אָ, יאָסעלע, דו קענסט שוין ניט דיין פעטער? וואָס מאַכט עפּעס די מאַמע?

יאָסל: זי'ז אָלראַיט. וואָס הערט זיך עפּעס באַ אייך, אָנקל?

סטענדקיפּער: וואָס זאָל זיך הערן? זינט'ן קריזיס לייז איך אַסאַך ווייניקער. נו, וואָס זאָגסטו דערצו, יאָסל?

יאָסל: וואָס איז דאָ צו זאָגן?

סטענדקיפּער: פרעגזשע פאַרוואָס.

יאָסל: וואָס טויג אייך דער פאַרוואָס?

סטענדקיפּער: אַז מען פרעגט פאַרוואָס, ווייסט מען פאַרוואָס.

יאָסל: איך ווייס אַן אַ פאַרוואָס.

סטענדקיפּער: אוי ביסטו אַן אָקשן! טו מיר אַמאָל אַ טויווע און פרעג פאַרוואָס.

יאָסל: נו, גוט, זאָגט פאַרוואָס.

סטענדקיפּער (בייז): אידיאָט, דו פרעגסט נאָך פאַרוואָס? די מענטשן זענען דאָך אָרעם געוואָרן. (פויזע). מע קען דאָך אפילע

נישט צאָלן קיין רענט! זעסט וואָס דאָ טוט זיך אין „בלאָק“? מע וועט סטרייקן. הערסט, יאָסל, אַלעוואַי זאָל איך ליגן זאָגן, מ׳וועט סטרייקן.

אַלטער (מישט זיך אַריין): נישט געפּערלעך! דער אַמעריקאַנער קאָפּ איז נישט אויסגעדאַרט. אַפילע צום קריזיס איז דאָ אַ מיטל.

סטענדקיפּער: ס׳איז דאָ אַ מיטל? סיידן „אַרויסמופן“ פון דער וועלט!

אַלטער: איר זענט אַ סטענדקיפּער, שטייט איר דאָ און איר מיינט, אַז אַטוירני סטריט איז די גאַנצע וועלט. האָט איר געהערט וועגן דעם נייעם פּלאַן? טעכנאָ־דאָס, ס׳הייסט טעכנאָ... טעכנאָ־גראַסערי!

סטענדקיפּער: וואָס פאַר אַ גראַסערי?

אַלטער: נישט קיין גראַסערי, נאָר אַ גליק. אָט וועל איך אייך דערקלערן. אַף אַלצדינג וועט זיין אַ מאַשין. לעמאָשל: איר וועט זיך וועלן געטן מיטן ווייב, וועט איר געבן אַ קוועטש אַ „באָטן“, וועט אַרויסשפּרינגען אַ געט.

סטענדקיפּער: וועט מען מאַכן אַ לעבן דערפון?

אַלטער: מען וועט נישט דאַרפן מאַכן קיין לעבן. דער טעכנאָ־דאָס האָט אויסגערעכנט, אַז אויב מאַשינען וועלן אַלצדינג מאַכן, וועט דאָך נישט קאָסטן קיין „וועידזשעס“, וועט מען קענען דינגען גוטע „רומס“ פאַר אַ ניקל אַ יאָר.

סטענדקיפּער: אָט דאָס הייסט אַ „באַרגען“!

אַלטער: כאַפּט ניט. (געמאָרע ניגון) אויב מאַשינען וועלן אַלצדינג אַליין מאַכן אָן די מענטשן, פרעגט זיך אַ קאַשע... וואו וועלן די מענטשן נעמען דאָס ניקל אַף צו באַצאָלן אַ יאָר דירע־געלט?

(מיסעס זעמל קומט אַרויס פון הויז מיט אַ קוישל פון שוואַרצער צעראַטע. דער לענדלאָרד, מיסטער קרעפּל, דעריאָגט זי)

קרעפּל: מיסעס זעמל! מיסעס זעמל! „גוט מאָרנינג“, מיסעס זעמל.

זעמל: גוד מאָנע, גוד מאָנע, נאַיס מאָנע דיס מאָנע.

קרעפּל: „יו נאָו“, מיסעס זעמל, איר פאַרשטייט, ס׳איז אַזוי די מאַיסע. עס הייסט, אַזוי איז עס. די צייטן זענען, יו

נאָו, אַביסל נישט אַזוי אַי אַי אַי, מען קאָן זאָגן שלעכטע צייטן.

זעמל: אוי צייטן, אוי צייטן, צייטן אַף מיינע סאָנים גע־זאָגט געוואָרן.

קרעפּל: דערפאַר זאָג איך דאָך טאַקע, אַ מענטש דאַרף זיין אַ מענטש. מיסטער קרעפּל, דאַרפט איר וויסן, בלייבט מיסטער קרעפּל. איך בין נישט אַזוי ווי די אַנדערע דאָרטן, ווי מען זאָגט, אַ לענדלאָרד אָן „קאָנסידערייישן". נעם איך און לאָז אייך אַליין אַרונטער אַ טאָלער פונם רענט. פּע. (ווישט זיך דעם שווייס).

זעמל: מיסטער קרעפּל, איר זענט אַ דימענטענער מענטש. וואָס דאַרפט איר מער, כ'האָב געזאָגט מיין מאַן ערשט לעצטע וואָך. אמת, די צייטן זענען שלעכט, דער רענט ברענט, אָבער איך האָב אים געזאָגט, אַז מיסטער קרעפּל וועט ווייך ווערן, אַזוי האָב איך געזאָגט צו מיין מאַן לעצטע וואָך. (קרעפּל לאַכט צו־פרידן), נאָר ער האָט זיך געבייזערט אַף אייך, ווייל ער זאָגט, אַז איר שינדט אים די הויט, איר דאַרפט קיין פּאַריבל נישט האָבן. ער איז נערוועז, ווייל מען האָט אים געשניטן די „וועידזשעס", און ביז ער שלעפּט צונויף דעם רענט, שפּייט ער מיט דער גאַל. ער קען שוין די פיס ניט שלעפּן, אָבער ווייטער איז גאָט־צו־דאַנקען דערפאַר, אַבי געזונט.

קרעפּל: איך ווייס, אַז איר זענט נישט פון די לייטע, וואָס וועלן שינדן די הויט פון אייער לענדלאָרד, אַזוי ווי יענע חברה, די לינקע. איך וויל אייך טאַקע אָנזאָגן, אַז איר זאָלט זיך נישט מישן מיט די „טענענטס" פון דער „פרייהייט". נאָט אייך אַ „פּאָר־ווערטס". (שטעקט איר אַריין אַ „פּאָרווערטס" אין קוישל). לאָזט זיך נישט איבעררעדן פון זיי צו אַ רענט־סטרייק, ווייל איר פאַרשטייט? מ'וועט לאַכן פון אייך. ס'איז דאָך דער גרעסטער כוויזיק. די קאָמוניסטן קריכן אַף די ווענט. אָן אַ סטרייק קענען זיי זיך ניט אַ ריר טאָן. די „פּעקטאָרים" האָבן זיך צוגעמאַכט, די „שעפּער" געשלאָסן, טאָ וואָר־זשע זאָלן זיי מאַכן דעם סטרייק? מאַכן זיי דאָס אינדערהיים. איצט זעט איר שוין דעם כוויזיק. גוד באַי, מיסעס זעמל.

זעמל: גוד באַי, מיסטער קרעפּל.

(קרעפּל אָפּ. מיסעס זעמל שטעלט אַ פּאָר טריט, באַגעגנט מיסעס פּיקמאַן מיט אַ קוישל.)

פיקמאַן: „גוד מאָרנינג“, מיסעס זעמל!

זעמל: גוד מאָנע, גוד מאָנע, נאַיס מאָנע דיס מאָנע! (קוקט באַ איר אריין אין קוישל) אַ ליידיקע פלאַש? נישטאָ קיין מילך אין גראָסערי?

פיקמאַן: ס'איז גראַדע דאָ מילך, נאָר דער גראָסערי־מאַן זאָגט, אַז ער קען מער נישט באָרגן. אוי, איז מיר ביטער! איר ווייסט גאָרנישט ווי שלעכט מיר איז, מיסעס זעמל. (נעמט ארוים פון קעשענע צוויי זעמל) די פּאָר זעמל האָב איך געקויפט פאַר די לעצטע דריי סענט. מער האָב איך נישט קיין פּעני.

זעמל: אָבער מיר האָבן אַ גרויסן גאָט אויף דער וועלט. ער באַשאַפט די רעפּוע פאַר דער מאַקע. דער לענדלאָרד האָט דאָך מיר אַליין אַראָפּגעלאָזט אַ טאָלער פון דעם רענט.

פיקמאַן: זאָל זיך אים אַראָפּלאָזן די קישקעס אין בויך.

זעמל: איר זינדיקט, מיסעס פיקמאַן, אוי, זינדיקט איר, אוי, זינדיקט איר.

פיקמאַן: וואָס דרייט איר מיר אַ ספּאָדיק? מיין מאַן ליגט שוין דעם 9טן טאָג אין בעט, אייב מיט עסטערן הוסטן, איז פּונקט איצט האָט ער מיר אַריינגעשיקט אַ „דיספּאָזעס“.

זעמל (פּאַרוואונדערט): „יו דאָנט סעי סאָו“! דער מאַן נישט געזונט? די קינדער הוסטן? איצט אַ דיספּאָזעס? נו, מיילע, זאָל זיך אים שוין זעצן אַ מאַקע אונטערן אויער, ריבוינעשעלוילאָם! נאַט, אָט ליי איך אייך אַכט סענט אויף מילך, אַ קרענק אויף אים! איך זע עפּעס ער איז געוואָרן אַזוי גוט צו מיר. איך, זאָגט ער, בין אַ לענדלאָרד מיט „קאָנסידערעישן“, זאָל אים שוין רוישן אין קאָפּ! (פּיקמאַן נעמט די אַכט סענט).

פיקמאַן: איר הערט, מיסעס זעמעל, איר האָט מיר געראַ־טעוועט! די קינדער וועלן זיך מעכאַיע זיין. אָבער איך וועל אייך זאָגן, אַז כ'האָב געהערט אויף געוויס, אַז אַלע טענענטס גייען מאַכן אַ סטרייק. זאָלט איר זיך ניט לאָזן אונטערקויפן פונם לענדלאָרד, ווייל מיטן סטרייק וועט ער מוזן אַרונטערלאָזן זעקס טאָלער פונם רענט.

זעמל: טאַקע? אָבער ער וועט היינט קומען נאָך רענט, וואָס זאָל איך אים זאָגן?

פיקמאַן: זאָגט אים גאָרניט ביז נעקסטע וואָך.

זעמל: איר הערט, מיסעס פיקמאַן, איך בין טאַקע אַן על־טערע אידענע, אָבער איך וועל נישט לאָזן אַז מיסטער קרעפּל זאָל מיר שפּייען אין דער קאַשע.

פיקמאַן: ביז נעקסטע וואָך זאָלט איר נישט ענטפערן, נאָר שווייגן.

זעמל: אַ גאַנצע וואָך זאָל איך שווייגן, ווי איז מיר.

פיקמאַן: נאָר שווייגן.

זעמל: (טאַפּט זיך דאָס מויל מיט אַ פינגער), אַם, אַם, שווייגן.

(בײדע אָפּ).

(ס׳קומט אָן אַ שעריף, אַ פּאָליסמאַן און אַ פּאָר טרעגער. זיי קוקן אַפן הויז. דער לענדלאָרד, אין טאַלעס, עפנט ס׳פענצטער, רופט זיי אריין מיטן האַנט. זיי גייען אַלע אריין. ס׳קומען אַרויס שכיינים פון הויז, גרופירן אַ רעדל.)

ערשטער: שוין געקומען דער מאַלעכאַמאָוועס!

צווייטער: מען איז באַ זיי אין די הענט.

דריטער: איר זענט אַלע פּערד.

ערשטער: „אַלבעטשע" אַז מיך וועט מען נישט אַרויס־שטעלן!

צווייטער: וואָסי? איר וועט „פאַיטן סיטי האָל"?

פערטער: נו? און אַז פאַיטן, שטייט אייך נישט אָן? מיר זענען פערציק שכיינים, זענען מיר.

צווייטער: איך וואָלט וועלן זען ווי איר לאָזט זיך נישט אַרויסוואַרפן. איר זענט אַ גאַנצער קנאַקער מיטן מויל.

פערטער: וואָס האַקט איר מיר אַ טשייניק? דאָ זענען געווען די צוויי לייטע פונם „פּלאָימענט". זיי זענען געלאָפן די טרעפּ ביזן זעקסטן פלאָר, עפּשער צוואַנציק מאָל, און איר האָט זיך געמאַכט געפּייגערט.

צווייטער: וואָס, אָן יענע כעוורע? דאָס זענען באַ אייך די פונם „פּלוימענט"? מען זאָגט דאָך אַז זיי זענען גאָר פון די קאָמוניסטן. זיי מאַכן אָן „טראָבל".

פערטער: מיניסטן שמיסטן! אַניט ווייסט איר ווער די צוויי לייטע זענען? אַט די צוויי לייטע זענען דאָך פונם „פּלאַי־מענט”! ווייסט איר, אַז זיי האָבן אָפּגעראַטעוועט עפּשער 50 פּע־מילים אין די בראָנקס אַף שאַרלאָט סטריט, און פרענקלין עווענין! ווען נישט זיי, וואָלטן אַלע פּעמילים איצט געלעגן אַפן סטריט.

צווייטער: און איר גלויבט עס?

פערטער: וואָס מיינט איר איך גלויב עס? מיין שוועסטער האָבן זיי צוריק אַריינגעשטעלט אין די רומס, און דעם רענט האָט דער לענדלאָרד געמאַכט אַזוי ביליק ווי די שכיינים האָבן געוואָלט! דרייט ער מיר אַ היטל מיט קאָמוניזם!

ערשטער: איך האָב גערעדט מיט זיי, מיט די „אָנעמ־פּלאָימענטס”. מיין מיסעס האָט זיך גאָר פאַרקאָכט אין זיי. זי האָט זיי געגעבן „קרעקערס” מיט „דזשעלי” און גערעדט מיט זיי, גערעדט און גערעדט עפּשער זעקס שאָ.

צווייטער: מינעסטאַם שיינע „באָיעס”!

ערשטער: „שאַראַפּ, יו גרינהאָרן”!

דריטער: און איך האָב זיי געזאָגט אַזוי, אויב מעמיר מאַכן אַ רענט־סטרייק, „אַי וויט יו! וואַי נאָט? עני טאַים, נעווערמאַי”, ויך פאַרלאָזן אַף אונזער קרעפּל! נו, נו, ער נודיעט יעדן איינעם מיט אַ טאָלער „רעדאָקשאָן”, אַבי שאַ, ברענט ער מיטן טאָלער.

פערטער: אוי, אוי, שאַ, אָן גייען די לייטע פונם „פּלאָימענט”.

(ס'קומען אָן כאַוער דאָבלין מיט כאַווערטע כאַזאַנאָוו.)

דאָבלין (צו דער גרופּע שכיינים): נו, וואָס הערט זיך נייעס?

פערטער: זייער פּאָשעט. דער מאַלעכאַמאָוועס איז שוין אַריין אין הויז! מען גייט אַרויסוואַרפן דעם דריטן „פלאָר”.

דאָבלין: זענט איר זיכער?

פערטער: יעס.

דאָבלין: מיר מאַכן שוין אַ מיטינג דאָ אַפן גאַס. איר האָט סטרייק „סאַינס”?

פערטער: ס'איז דאָ „פּלענטי”, דער שוואַרצער דאָ אונטן, האָט געמאַכט אַ פולע „רום” מיט „סאַינס”.

דאָבלין: ברענגט זיי ארויס, מיט א „סטעפּ־לייטער“. ער וויקלט אויס אַן אַמעריקאַנער פאָן פון א „פרייהייט“. עס זאַמלען זיך דערווייל מער מאַסן, מע ברענגט א סטעפּ־לייטער מיט די סטרייק־שילדן. א פּאָר שכיינים נעמען שילדן אין האַנט. מען בינדט צו די פאָן צום סטעפּ־לייטער, די כאַווערטע כאַזאַנאָוו גייט אַרויף.)

כאַזאַנאָוו: פריינדע, איך וועל דאָ פאַר אייך נישט האַלטן קיין רעדע. היינט דאַרף מען נישט רעדן. זאָלן רעדן די בעבעכעס, וואָס מען וועט באַלד אַרויסטראָגן אין גאַס! זאָל רעדן דער קראַנקער מיסטער פּיקמאַן, וועלכן מ׳וועט באַלד אַרויסטראָגן מיטן בעט אינדרויסן! כ׳וועל אייך בלויז פאָרשטעלן דעם כאַווער דאָבלין פון דעם אָנעמפּלאָימענט קאונסיל, וועט ער אייך דערקלערן וואָס ווייטער צו טאָן. כאַווער דאָבלין! (מ׳קלאַפּט בראַוואָ).

דאָבלין (שטעלט זיך אַפן לייטער, דער לענדלאָרד עפנט דאָס פענצטער און קוקט ארויס, אָנגעטאָן אין טאַלים און טפילן): איר זעט אָט דעם קאָשערן אידן? מיטן טאַלעס, מיט די טפילן און מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג. ער דאַוונט אין פענצטער, קעדיי מען זאָל זען אַז ער איז א געוואַלדיקער קאָשערער „לענדלאָרד“. ער נוצט די אַלע דאַוון־„טולס“ קעדיי ער זאָל קענען מער שינדן די הויט פון די שכיינים. ער שאָקלט זיך קעדיי ער זאָל קענען ארויסשאָקלען די אָרעמע שכיינים, ארויסוואַרפן אַפן גאַס די וואָס האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן דעם רענט אין צייט. זאָלן מיר אָנבויגן די קעפּ און זיך לאָזן דריקן פון אַזא פּיפּערנאָטער ווי מיסטער קרעפּל?

אַלע: „נאָ, טו העל וויד הים! לוק עט אים“, בו!!!

(דער לענדלאָרד פאַרמאַכט דאָס פענצטער און לאָזט אַרונטער דעם „ווינדאָו־שעיד“.)
(אַלע לאַכן, קלאַפּן בראַוואָ.)

דאָבלין: מיר, די פאָרשטייער פון דעם אָנעמפּלאָימענט קאונסיל, וועלן אייך העלפן אָנפירן דעם רענט־סטרייק מיט אַלע קויכעס, און ווער עס וועט פּרואוון „סעטלען“ מיט דעם לענדלאָרד אין דער שטיל, וועט זיין פאַררעכנט פאַר א סקעב.

(טרעגער טראָגן אַראָפּ דאָס מעבל. ס'ווערט אַ טומל. די מאַסע שטופּט זיך נעענטער. מען טראָגט אַראָפּ אַן אַלטן אידן אין אַ קאָלדרע. די פרוי לויפט פאַרצווייפלט. זי עפנט דאָס צונויפגעלייגטע בעט. מען לייגט אַריין דעם אידן אין בעט. דער טומל ווערט גרעסער. דער רעדנער הייסט מאַכן אָרדענונג. אַלע העלפן אים. ס'ווערט שטילער.)

דאַבלין (ווייזט אָפּ „עוויקשאָן" אַקט): איצט, פריינדע, זעט אַליין מיט אייערע אייגן וואו איר קענט זיך מאָרגן געפינען! זעט, זעט (ער ווייזט ווי אַ פּאָליסמאַן האָט אַ שליידער געטאָן די פרוי, ווען זי האָט געוואָלט דורכגיין צוריק צו זיך אין הויז אַריין). זעט די ברוטאַליטעט, וואָס דער לענדלאָרד דערלויבט איבער זיינע שכיינים. לאָמיר פאַרדאַמען דעם אַקט! (אַלע שרייען אַ מוירעדיקן „בו". די פּאָליסלייט לויפן צו צו דער פּלאַטפאָרמע).

פּאָליסמאַן: „יו העוו טו געט אָף דיס פּלעטפאָרם!"

דאַבלין: זענט איר איינשטימיק מיט דעם פּאָליסמאַן, אַז איך זאָל אַראָפּ פון דער פּלאַטפאָרמע?

אַלע (מיט אויסגעשרייען): נאָ! ניין! „ליוו הים אַלאָון!" „געראַרעהיר"! (דער פּאָליסמאַן נעמט שלעפּן דאַבלינען פון פּלאַטפאָרם. די מאַסן ציען אים צוריק. ס'לויפט צו דער שעריף, העלפט דעם פּאָליסמאַן. פּאָליסמאַן שלאָגט מיטן קלאָב. ס'לויפט אָן נאָך אַ פּאָליסמאַן, בעוורע שלאָגן צוריק. דערווייל נעמט מען טראָגן ס'מעבל צוריק אין הויז אַריין. דער לענדלאָרד לויפט אַרויס מיטן טאַלעס און טפילן אין גאַס.)

קרעפּל: העי, פּאָליסמאַן! געוואַלד! מע מופּט אַריין! וואו זענט איר! (ער כאַפּט אָן דעם „קעפּטן" מיט דעם פּאָליסמאַן, קומען צו, ווערן איבעראַשט ווען קיין סימען פונם מעבל איז שוין נישטאָ אין דרויסן.)

שעריף (צום לענדלאָרד): „עקסקיוז מי, נעקסט טאַים ווי וויל קאַם וויט אַ ביגער פאָרס". (פּאָלים און שעריף אָפּ).

(דער נעגער טראָגט אַרויס אַ סאַך פּלאַקאַטן אַף שטעקנס. טיילט אויס).

דאַבלין (שרייט אַרויס פון טומל): אַלע זאָלן נעמען פּלאַקאַטן און פּיקעטן! (ס'באַווייזט זיך אַ גרופּע פּיקעטער וואָס קומען פון אַן אַנדער בלאָק. אַלע מישן זיך אויס. זינגען.)

מ׳עמיר נאָך טאַנצן און זינגען
און זינגען און טאַנצן,
טאַנצן און זינגען, באַקעמפן דעם רענט:
ביז מירן קריגן די הייזער, די הייזער,
קריגן די הייזער אין אונזערע הענט.

לאַמטעדירידאַם, הענט מיט הענט,
האַקן מיר אונטער דעם הויכן רענט.

מ׳עמיר נאָך הוליען און זינגען און זינגען,
אַ הוליע און אַ זינג און אַ טרונק און אַן עס!
און גיבן דעם לענדלאָרד, דעם לענדלאָרד דערלאַנגען,
און גיבן דעם לענדלאָרד אַ דיספּאָזעס.

לאַמטעדירידאַם, הענט מיט הענט,
האַקן מיר אונטער דעם הויכן רענט.

געהאָפּקעט זאָל ווערן, זאָל ווערן געהאָפּקעט,
געהאָפּקעט זאָל ווערן מיט האַק און מיט פּאַק!
זאָלן הערן די שכיינים, די שכיינים דערהערן,
זאָלן הערן די שכיינים פון אַנדערן בלאָק!

לאַמטעדירידאַם, הענט מיט הענט,
האַקן מיר אונטער דעם הויכן רענט.

צום יאַנטעף אַ טענצל, אַ טענצל צום יאַנטעף,
צום יאַנטעף אַ טענצל מיט דזשעניטאָר מאַיק!
מיר האָבן געוואונען, געוואונען מיר האָבן,
מיר האָבן געוואונען דעם דירע־געלט סטראַיק.

לאַמטעדירידאַם, הענט מיט הענט,
האַקן מיר אונטער דעם הויכן רענט.

איצטער לע־לע־לע, לע־לע־לע, לעבעיעס,
איצטער לעבעיעס דעם פּאַיל מיטן רענק!
דעם שעריף אַ מאַקע, אַ מאַקע דעם שעריף,
דעם שעריף קאַדאָכעס, דעם לענדלאָרד אַ קרענק!

לאַמטעדירידאַם, הענט מיט הענט,
האַקן מיר אונטער דעם הויכן רענט.


ME- MIR NOCH TAN-TZN UN SIN-GEN UN SIN-GEN TAN-TZN UN
SIN-GEN BA-KEM-FN DEM RENT BIS MIR-N KRI-GN DI HEI-SER DI
REF.
HEI-SER KRI-GN DI HEI-SER IN UN-SE-RE HENT. LAM TI- DE
RAI- DAM HENT MIT HENT HA-KN MIR UN-TER DEM HOY-CHN RENT


RENT STRIKE
RENT STRIKE
RENT STRIKE
RENT STRIKE
רענט סטרייק
BREAD
CAKE
יאסל קאטלער

פ א ר ש ו י נ ע ן:

סערע און מייער — א יונג פּאָרפֿאָלק.
דזשעניטאָר פֿון הויז.
אָרט פֿון האַנדלונג — א טענעמענט־הײם אין ניו יאָרק.
צייט — פרייטאָג פאַרנאַכט.

(מייער זיצט, לייענט א צייטונג. סערע שטייט באַם געגרייטן טיש. נעמט א סערוועטקע פֿונם טיש, שטעכט עס אָן אַפֿן קאָפּ. קוקט אין שפּיגל.)

סערע: מייער „דאַרלינג", האָסט א „מעטש" ?
מייער: (וואַרפֿט איר די שוועבעלעך נישט אומקוקנדיק זיך.)
סערע: (נעמט אַרויס צוויי לייכטערלעך מיט ליכט, שטעלט זיי אַפֿן טיש, צינדט אָן די ליכט, נעמט בענטשן).
מייער: שוין ווידער די „מאָנקי־ביזנעס" !
סערע: בענטשן ליכט איז באַ דיר „מאָנקי־ביזנעס" ? ס'איז דאָך עפּעס שאַבעס ! פאַרשטייסט ?
מייער: נו, און אַז שאַבעס איז וואָס ? דעריבער גייען קאַטשקעס אין באָד אַריין ?
סערע: טאָ וואָס־זשע איז דער כיליק פֿון שאַבעס ביז אינדערוואָכן ?
מייער: אין א קריזיס איז טאַקע נישט קיין כיליק, אָבער ווען ס'איז דאָ אַרבעט איז דאָ אַן אונטערשייד אָן ליכטבענטשן.
סערע: וואָס איז דער אונטערשייד ?
מייער: ווען מע אַרבעט איז „שוויץ־דעי", און שאַבעס איז „פּעי־דעי".
סערע: וואָס אַרט דיך, אַז איך בענטש ליכט ? ס'קאָסט דיך טייערער ? מיין מאַמע האָט געבענטשט ליכט, מיין באָבע האָט געבענטשט ליכט און איך וויל נישט זיין קיין „עקסעפּשן".
מייער (בייז): אַזעלכע מאָדערנע מענטשן ווי מיר דאַרפֿן טאָן וואָס די באָבעס מיט די זיידעס האָבן געטאָן ?

סערע (בייז): „נעווער מאַינד! די אָלד פאָלקס אַר סמאַרט, ליוו איט טו דעם“.

מייער: וואָס איז דאָרטן אַזוינס, מיט די אַלטע באַבעס! און אַז זיי וועלן נישט בענטשן קיין ליכט, וועט גאָט זיך נישט קענען קראַצן אין דער פינצטער?

סערע (סאַרקאַסטיש): „איז דאַט סאָ“? דו ביסט מיר אַ גאַנצער כאָכעם! טאָ זאָג מיר נאַר, מייערל, פאַרוואָס דאַוונסטו?

מייער: מיט מיר איז אַנאַנדער מאַיסע. איכל נישט אויפ־הערן דאַווענען ביז וואַנען דו וועסט נישט אויפהערן בענטשן קיין ליכט.

סערע: און אויב איכל „סטאַפּן“ בענטשן ליכט, וועסטו סטאַפּן דיין דאַווענען? „אַבעטשע יו וואודנט! ביקאָז“...

מייער (שלאָגט איבער): איך ווייס, איך ווייס פאַרוואָס. לאָמיר בעסער נישט רעדן דערפון, ס'איז ווידער די אַלטע מאַיסע!

סערע: אַהאַ! איצט פאַרשטיי איך שוין וואָס דו מיינסט! דו ווילסט זיך אַליין דאַווענען, קעדיי דו זאָלסט גיין אין גאַניידן, און איך זאָל נישט בענטשן קיין ליכט און „אַי שוד גאָ טו העל“! אַלץ ווילסטו פאַר זיך! „דאַטס בורזשוא! ענד יו אַר סאָפּאָוזט טו בי אַ קאָמוניסט! באַט יו קענט פול מי“!

מייער: „יור קרעיזי“!

סערע: „יור קרעיזי יאָרסעלף“! (הויבן זיך אָן קריגן אַפן קאָל.)

דזשעניטאָר (לויפט אריין מיט אַ קעסעלע מיסט): וואָס טוט זיך דאָ, וואָס? וואָס פאַר אַ געוואַלדן? כ'האָב געמיינט אַז ס'ע ברענט. האָב איך שוין אין איינוועגס געבראַכט דעם „גאַרבידזש“ צו פאַרברענען.

מייער (רואיק): ס'איז גאָרנישט, גאָרנישט. זיצט מיסטער דזשעניטאָר, זיצט.

דזשעניטאָר: זיצט, שמיצט, „נעווער מאַי“! איר ווייסט נישט „אַבעטשע“, צוליב וואָס איך בין געקומען צו אייך.

מייער: „יור אַלוועיס וועלקאַם“!

דזשעניטאָר: וועלקי, שמעלקי, נעווער מאַי! אַז איכל וועלן קומען צו אייך, וועל איך נישט גיין נעמען קיין וויזע באַם קאָנצל!

איך בין אַ פּראָסטער דזשעניטאָר, און איך אַז איך קום, קום איך מיט ביידע פיס.

מייער: דאָס איז גוט.

דזשעניטאָר: גוט, שמוט, נעווער מאַי! ווייסט איר אַז איך בין געקומען צו אייך פייערן אַ יאָנטעף?

מייער: וואָס איז די סימכע מיט אייך? איר האָט געקויפט אַ נייעם בעזים?

דזשעניטאָר: בעזים, שמעזים, נעווער מאַי! ווייסט איר אַז היינט איז מיין געבורטסטאָג? (טוט זיך אַ גלעט באַם האַרץ מיט שטאָלץ) „מאַין בוירדעי".

מייער: אַ טייערע מעציע! קאָלאָמבוס בוירטדעי, וואַשינג־טאָנס בוירטדעי און דזשעניטאָרס בוירטדעי!

דזשעניטאָר: בוידע, שמוידע, נעווער מאַי! נעמט, אַ שטיי־גער, מיין לענדלאָרד — אים איז בעסער פון קאָלאָמבוסן! איך הייץ אים דעם אויוון און קאָלאָמבוס ליגט אין דרערד. קאָלאָמבוסן איז קאַלט און דעם לענדלאָרד איז וואַרעם.

מייער: ווען איר הייצט דעם אויוון איז אייך דען קאַלט? איר שוויצט קאַרג באַם פייער?

דזשעניטאָר: קאַרג, סמאַרק, נעווער מאַי! אין „בעיסמענט" איז מיר צו וואַרעם, און אין שטוב איז מיר צו קאַלט. עמיר טאַקע נעמען אַ ביסל בראָנפן צו דערוואַרעמען די צאָרעס.

מייער: דאָס זענט איר גערעכט. אייערע צאָרעס האָבן יאָ די ווערט אַ „בוירטדעי פּאַרטי".

דזשעניטאָר: צאָרעס, שמאָרעס, נעווער מאַי! מיינע צאָרעס זענען פון די גרעסערע „סאַיזעס". איר זעט מיינע פיס? די פיס דינען נישט מער. זיי ווילן נישט פאָלגן, כאָטש גיב זיי אַ קרענק! קרענק, שמענק, נעווער מאַי! כ'האָב עס איינגאַנצן אין דרערד!

מייער: וואָס איז דער מער? דער ניגער העלפט אייך שוין מער נישט מיט די אַשעס?

דזשעניטאָר: אַשע, קאַשע וואָס פאַר אַ ניגער? וואָס פאַר אַ שווינגער? דער לענדדלאָרד האָט גענומען קוואָקען: קריזיס, שמיזיס, האָט ער אַוועקגעשיקט דעם שוואַרצן פון דזשאָב! און

איך אליין מיט מיינע אייגענע הענט מוז איצט נעמען פיר ביסלעך בראנפן.

מייער: וואס איז די גערולע אף אייך?

דזשעניטאר: ס'איז א פראסטער כעשבן. איין ביסל בראנפן פארן שווארצן, איין ביסל בראנפן פארן קריזיס און איין ביסל בראנפן פארן דזשעניטאר.

מייער: איז דאך ערשט דריי?

דזשעניטאר: דריי, שמאי, נעווער מאי! איך אליין בין איך נישט קיין הונט! לעכאיעם!

מייער (נעמט אויך א גלעזל): לעכאיעם, מיסטער דזשע־ניטאר! איך ווינטש אייך אז איבראיאר זאל דער לענדלארד ווערן בא אייך א דזשעניטאר.

דזשעניטאר (בייז): וואס עפעס בא מיר? (אויסגעצויגן) וואס עפעס בא מיר? איך דארף האבן דזשעניטארס? (ער ווייזט זיינע „אווערהאלס“). גיט נאר אהער ס'פלעשל, וועל איך אייך זאגן. (גיסט אן) לעכאיעם! איך ווינטש אז איבראיאר זאלן אלע לענדלארדס ווערן דזשעניטארס בא אלע ארימעלייט.

מייער: אויב אזוי, וועט דא דאך ווערן אזוי ווי אין רוסלאנד.

דזשעניטאר: וואס מיינט איר? אין רוסלאנד הייצט מען נישט קיין אויוונס?

מייער: אלעוואי וואלט מען דא אזוי געהייצט ווי דארט, וואלטן מיר נישט געהאט אזא ביטערן קריזיס! אלעוואי ריבוינעשעלוילעם!

דזשעניטאר: שליולעם, שמוילעם! (מאכט א פייג אין דער לופט) איך גיב נישט א שמעקטאביק פאר די גאנצע גאט־ביזנעס! ווייסט איר, מיסטער מייער, אז גאט איז א פינצטערלינג, א טראצ־קיסט, ווי איך בין א איד!

מייער: טאקע?

דזשעניטאר: טאקע, שמאקע, נעווער מאי! איר מיינט אז די רעוואלוציע דארטן האט מען געמאכט מיט א לולעוו?

מייער: טאקע?

דזשעניטאר (בייז): טאקע, שמאקע! וואס טאקעט ער מיר וואס? איר מיינט אז די פאגראמשטשיקעס האט מען אויסגעשאסן

מיט פייסעכדיקע קניידלעך? דאָס האָט מען געמאַכט אָן גאָט! פונדעסטוועגן האָט גאָט געהאָלפן און ס'איז אַרויס אַ פיינע רעוואָלוציע.

מייער: אָט זאָגט איר דאָך אַליין גאָט!

דזשעניטאָר: דערציילט מיר נישט קיין מאַיסעס, אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזים! און אַז רעוואָלוציע וויל, שיסט אַ ביקס! איר פאַרשטייט דעם בילעק?

מייער: הייסט עס, אַז גאָט מיט דער רעוואָלוציע זענען נישט קיין גלייכער שידעך? קומט אוים לויט אייערע ווערטער, כאַטש נעם און וואַרף אַרויס דעם טאַלעס און טפילן אין „גאַרבעדזש קען"!

דזשעניטאָר (שרייט אוים): וואָס? איר גיט זיך נאָך אָפּ מיט די אַלטע „טולם"? טאַלעס, טפילן, מעזיזעס! מיסטער מייער, מיט מעזיזעס וועט איר נישט פאַרטרייבן דעם קריזיס! „נאָסערי"!

מייער: איכל אייך זאָגן דעם עמעס, אַז איך אַליין האָב דאָס גאַנצע דאַווענען אין דרערד, נאָר זי, מיין סערעלע, ווען זי זעט אַז איך דאַוון נישט, קאָכט זי נישט קיין עסן. און איך, אַז איך עס נישט אין דער היים, בין איך אַ טויטער מענטש. (ווייזט מיטן פינגער אָפן בויך) אָן אַלסער אין מאָגן איז נישט קיין קלייניקייט!

דזשעניטאָר (שפרינגט אויף, שרייט אוים): אָן אַלסער? כ'ערשטע מאָל הער איך, אַז אָן אַלסער זאָל דאַווענען!

מייער (ווייזט אויף די ליכט): איר זעט? זי איז געפערלעך פרום! זי בענטשט דאָך מיר ליכט, בענטשט זי מיר!

דזשעניטאָר: ליכט, שמיכט, נעווער מאַי! ווען איך בין איר, נעם איך די לייכטער און וואַרף זיי אַריין אין „גאַרבעדזש קען". (ער הויבט אויף איין לייכטער, בלאָזט אוים ס'ליכט, וואַרפט אַריין אין „גאַרבעדזש קען") אָט אַזוי וואָלט איך געטאָן, ווען איך בין איר.

מייער (אויפגערעגט): וואָס האָט איר געטאָן? איר האָט דאָך מיר אומגליקלעך געמאַכט! שוין, איך בין פאַרלאָרן! געוואַלד מיין אַלסער!

סערע (לויפט אַריין): ווי איז מיר! וואָס איז דאָ פאַר אַ געשריי? „וואַצעמעדער"? וואו איז אַהינגעקומען אַ לייכטער?

דזשעניטאָר (גייט צו צו איר, באַרואיקט זי): שרייט נישט, שרייט נישט. ס'איז דאָ. (ער ווייזט מיטן פינגער אַפן קעסעלע מיט שמוץ.)

סערע (בייז): כ'האָב אָבער געוואוסט! ס'האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז מען טאָר אים היינט נישט לאָזן אַליין מיט די בענטש־ליכט. (זי שפּריגט צו צו מייערן) „יו סעלפיש קריטשור"! אַליין ווילסטו דאַווענען און גיין אין גאַניידן, און איך זאָל גיין אין דרערד אַריין? אַ מאַקע! נישט מיר, נישט דיר! (זי כאַפּט אַרויס די טפילן פון קאַמאָדע, קנאַק אַריין אין קעסעלע!)

מייער: וואָס האָסטו געטאָן? אויב אַזוי וועל איך דיר ווייזן! (וואַרפט אַריין דעם צווייטן לייכטער אין „גאַרבעדזש קען").

סערע: אַזוי? דו וועסט וואַרפן מיינע לייכטער אין גאַר־בעדזש קען? (זי כאַפּט דעם טאַלעס, קנאַק אַריין אין קעסעלע). זיי קריגן זיך).

דזשעניטאָר (שרייט אויס): העי! וואָס האָט איר זיך צעשריגן, וואָס? איך האָב נישט קיין צייט! איך דאַרף גיין אַרויסוואַרפן די גאַרבעדזש. (נעמט דאָס קעסעלע, אָפּ).

יאָמקיפּער דער יאָם־פּיקניק

פּ אַ ר ש ו י נ ע ן:

גרינהאָרן און איינהאָרן — צוויי פּאַרטנערס.
אָנקל מעכל — אַ קרעפּטיק אידל מיט אַ בערדל.
(אָרט פון האַנדלונג — אַ „שאַפּ“ אין אַ שטעטל לעבן ניו יאָרק).
(צייט — ערעוו־יאָמקיפּער.)

(איינהאָרן זיצט אַף אַ שטול מיט די פּיס אַפן „דעסק“. גרינהאָרן בערשטלט זיך דעם אנצוג.)

איינהאָרן: אָט דאָס מיין איך טאַקע. ווייל ס׳איז יאָמ־קיפּער, וועלן די פּיקעטס טראַכטן אַז מיר שטייען אין שול און שלאָגן זיך אַלכעט. (שלאָגט זיך אין האַרצן) נעמען מיר דעם „טראָק“ און פירן דעם „דזשאַב־לאָט“ קיין ניויאָרק.

גרינהאָרן: וואָע? מיר? „מעמבערס“ פון קאָנגרייגיישאָן“ זאָלן פירן אַ „טראָק“ אום יאָמקיפּער? „נאָסערי“! „נוסער“!

איינהאָרן: וואָס איז מיט אייך, מיסטער גרינהאָרן? ווער וועט אונז זען? סיידן אַ נעגער, אַ „סטריט־קלינער“ אָדער אַ פּאָליסמאַן. אידן וועלן דאָך זיין אין שול! „וואָצעמעדערוויטיו“?

גרינהאָרן (צעקאָכט): און פאַר זיך אַליין איז דען קיין שאַנדע נישט? „מאַינדזשו“, מיר האָבן איין מאָל אַ יאָר יאָמקיפּער, איין מאָל אַ יאָר! פּע, נישט שיין!

איינהאָרן: איין מאָל אַ יאָר. וויפל מאָל אַ יאָר סטרייקט מען דען באַ אונז? אויב מירן מאָרגן נישט אַריבערפירן די וואַרע, טאָ וואָס־זשע איז די מעציע מיטן גאַנצן יאָמקיפּער?

גרינהאָרן: אָבער נישט יאָמקיפּער. מען טאָר נישט. יאָמ־קיפּער? (פּויזע) „נוסער“!.

איינהאָרן: אַי גרינהאָרן, גרינהאָרן! מיר ווילט איר אויך איינרעדן אַז איר זענט פרום? (אין קאַס) „וואָטאַהעל“? „בעיקאָן און עגס“ עסט איר?

גרינהאָרן: (פאַרלוירן) בע... מע... מע.. נישט שטענדיק! אמאָל, אמאָל!

איינהאָרן: און „העם און עגס“ עסט איר?

גרינהאָרן: פע! „בעיקאָן“ גלייך איך בעסער

איינהאָרן: און אום שאַבעס, רויכערט איר?

גרינהאָרן: נאָר אין די וואָכעדיקע שאַבאָסים. אָבער נישט יאָמקיפּער!

איינהאָרן: נו, אויב אַזוי, איז נישט געפערלעך.

איינהאָרן: דערפאַר זאָג איך טאַקע, אַז אויב איר פאַר־שטייט אַ ביזנעס, מוזן מיר מאָרגן, פאַר נילע, אַ שלעפּ טאָן די אַרבעט קיין ניו־יאָרק.

גרינהאָרן: אָלרייט, לאָמיר זאָגן, אַז מיר פאָרן שוין און פירן שוין די אַרבעט, אינמיטן יאָמקיפּער. אָבער, מיסטער איינהאָרן, זאָגט מיר, וואָס וועלן מיר טאָן ווען די פּיקעטס וועלן יאָ קומען?

איינהאָרן: וואָס מיינט איר, מיסטער גרינהאָרן? מירן זיך אַרויסלאָזן אַזוי אָפּ העפּקער? מירן מיטנעמען די „לעוויאָסנס“! אָן שטאַרקע טאָר מען נישט פאָרן אַפילע אינדערוואָכן!

גרינהאָרן: (בייז) דאָס ניט! ניין, „נעווער“! איך וויל ניט! מע דאַרף ניט! ס׳טויג ניט! „דאַצאָל“!

איינהאָרן: (בייז) „וואָצעמעדער“? וואָס איז דאָס? וואָס איז? „וואַט איז איט“?

גרינהאָרן: (אַ ביסל ווייכער, פאַרזאָרגט) יאָמקיפּער, אַז מען הייבט זיך אָן שלאָגן אינמיטן גאַס, טויג נישט. אידן זאָלן זיך שלאָגן יאָמקיפּער? וואו איז דאָס געהערט געוואָרן? איינמאָל אַ יאָר יאָמקיפּער! פע, ניט שיין! זאָל עס וואַרטן אָפּ איין טאָג שפּעטער.

איינהאָרן: אָבער, מיסטער גרינהאָרן, נאָך יאָמקיפּער וועלן דאָך ווידער שטיין די פּיקעטס.

גרינהאָרן: נאָך יאָמקיפּער איז כאָטש נישט יאָמקיפּער! באַ גאָט טאָר מען נישט זיין קיין כאַזער, ווייל יאָמקיפּער צו נילע, נעמט גאָט אַ „פּענסל“ און פאַרשרייבט: מי באַראָאָוו, אומי „נאָט“ באַראָאָוו; מי באַ „ניומאָניע“, אומי באַ „דאָבל־ניומאָניע“; מי באַסקילע, אומי באַמאַאים; מי באַסרייפע אומי באַ.... עפּעס אַן אַנדער זאַך. פאַראַן געגוג כאָליערעס באַ גאָט! און זינדיק איז מען, אוי, איז מען זינדיק. איך זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד!

איינהאָרן: די אַלע זאַכן איז טאַקע גוט צו טאָן. אָבער, ווי זאָגט מיין אָנקל מעכל: „פון אַלבעט ווערט מען נישט פעט". און ביזנעס איז ביזנעס.

גרינהאָרן: ווען נישט אייער פעטער מעכל, וואָלטן מיר די גאַנצע צאָרעס נישט געהאַט! איך האָב זיך באַ אייך געבעטן, האָב איך זיך, אַז באַ אונז אין שאַפּ זאָלן אַרבעטן גאָלע גרינע ווייבלעך, נישט קיין מענער! האָט איר פונדעסטוועגן אַרויפגענומען אייער פעטער מעכל אין שאַפּ אַריין, און ס'איז געוואָרן „טראַבל"!

איינהאָרן: דאָס זענט איר גערעכט! גיי וויס, אַז אַזאַ איד מיט אַ באָרד, אַ גרין אידל, זאָל באַ זיין אייגענעם פלימעניק ווערן אַ סטרייקער!

גרינהאָרן: ס'טע'געזען? אַזאַ אַלטער קעלעוו, זאָל זיך מישן מיט יענע בעוורעלאַט! אַ גאַנצער קאָמוניסט! ער סטרייקט, און פיקעט, און קריכט אין די ביינער אַריין! גאַרנישט אַנדערש פון די פרעמדע! אַן אָנקל איז דאָס באַ אייך? איר האָט געמעגט זען מ י י נ ע ם אַן אָנקל, וואָלט איר געוואוסט וואָס ס'מיינט אַן אָנקל!

איינהאָרן: דערפאַר זאָג איך טאַקע, ווען דער אָנקל וועט זיין אין שול און זיך קלאַפּן אַלבעט, וועלן מיר זיך קענען אַ ריר טאָן.

(ס'קומט אַריין אָנקל מעכל)

איינהאָרן: העלאָ, העלאָ, אָנקל מעכל! געווען דערמאָנען מאָשיאַכן, וואָלט ער געווען געקומען. זעט נאָר, מיסטער גרינהאָרן, ווער ס'איז דאָ?

מעכל: אַ מאַפּאָלע אויף אייך ביידע!

איינהאָרן: וואָס איז דער מער, אָנקל?

מעכל: גאָר נישט, גאָר נישט. איך בין געקומען אַ קוק טאָן צי איר האָט נישט אַ פּאָר „סקעבלעך" צום פּאַטשן.

איינהאָרן: אָנקל, וואָס איז מיט אייך? ס'איז דאָך ערעוו יאָמקיפּער! (ער נעמט אַרויס געלט פון קעשענע) נאַט, אָנקל, אַ פינפערל, וועט איר האָבן אויף אַ „טיקעט" אין שול אַריין, און בעט אייך אויס אַ גוט יאָר.

מעכל: (נעמט דאָס פינפערל און וואַרפט צו גרינהאָרן) פאַר אַ פינפערל היינטיקע צייטן קענט איר קויפן 5 „סקעבס".

אַבער נישט באַ מעכלען! (בייז) באַ מעכלען קויפט מען נישט קיין סקעבס, פּלימעניק מיינער! מע קען אייך, פּעטער!

גרינהאָרן: פּע! אזא אַלטער איד ווי איר זאָל רעדן אזעלכע רייד ערעוור־יאַמקיפּער! פּע, שעמט אייך, מיסטער מעכל, שעמט אייך!

מעכל: אַנדערש ווילט איר נישט? נאָר איך זאָל זיך שעמען? „וואָצעמעדער וויט יו", „וואָצע"? איר האָט שוין גאָר קיין צייט נישט? אַלצדינג זאָל איך טאָן פאַר אייך! אַרבעטן פאַר אייך! ווערן אויסגעריסן פאַר אייך! און ווען איר באַדאָסט זיך, זאָל איך זיך שעמען פאַר אייך? שעמט אייך אַליין, „פּליז"! פּוילט זיך נישט!

גרינהאָרן: איר זענט אַליין אַ פּוילער!

מעכל: איך אַ פּוילער? אַ וויסטער כאָלעם אַף אייער קאָפּ! שלעפּ זיך צוואַנציק בלאָק צופוס אַ קוק טאָן צי ס'איז דאָ סקעבס, בין איך אַ פּוילער!

איינהאָרן: (טוט זיך אַ כאַפּ) אוי, וואָס זיצן מיר דאָ? ווייז מיר, ס'איז דאָך שוין באַלד נאַכט! מע דאַרף גיין צו קאָל־נידרע. (הויבט זיך אוף) „קאַמאָן", אָנקל, גייט אַהיים זיך אָנטאָן!

מעכל: אויב איר דאַרפט גיין אין שול אַריין, גייט! איכ'ל, דאָ מוזן בלייבן! אַ קאַשע אַף אַ מאַנסע! גייט גייט! ס'איז אָלרייט! איכל היינט דאַווענען אין שאַפּ.

איינהאָרן: (צו גרינהאָרן) איר וואָלט געמעגט הערן ווי מיין אָנקל טוט אַ זינג אַ שטיקעלע קאָלנידרע! ער קען דער אַלטער! אהאָ! נו, אָנקל, טוט אַ זינג יאָמקיפּורים זע, „קאַמאָן"!

מעכל: באַ מיר איז היינט נישט קיין יאָמקיפּורים זע, נאָר יאָם פּיקוטים זע! נישט יאָמקיפּער, נאָר יאָם־פּיקעט. (זינגט מיטן קאָלנידרע־ניגון) יאָם־פּיקוטים זע־ע־ע־ע!

(ער זינגט מיטן סימכעסטוירע ניגן פון „האַמאַירזיוו אַראָווים") אוי, ווערט מען פּי—קע—טן! אוי, אוי, אָווי־וואָווע־וואַי! אוי, אָ! אָי, קייעט שטרוי! מירן היינט פּראַווען קאָלנידרע דאָ אונטן מיט די סקעבס! גודבאַי! (אָפּ).

(לאַנגע פּויזע).

אײנהאָרן: איכל אײך זאָגן דעם עמעס, װען מײן אָנקל װאָלט נישט אױסזען אַזױ װי מײן גאָטזעליקער פּאָטער, װאָלט איך אים הײנט צעבראָכן די בײנער! אָבער אָט־דער אַלטער קעלעװ זעט אױס פּונקט װי מײן טאַטע, אַ בראָך צו אים! (פּױזע). איך האָב פּאַר אים רעספּעקט! כ׳קען זיך נישט העלפֿן! (פּױזע).

גרינהאָרן: און איכל אײך זאָגן דעם עמעס, װען אײער אָנקל װאָלט נישט געװען אַזאַ בײז אידל, מיט אַזױנע װילדע הענט, װאָלט איך אײך אים אױסגעפּאַטשט, אַז דער רואַך װאָלט אים נעמען! און איך װעל עס טאַקע טאָן אױך, יאָ, יאָ, יאָ.

אײנהאָרן: (שפּרינגט אױף) װאָס? איר װעט פּאַטשן מײן אָנקל, װאָס זעט אױס װי מײן גאָטזעליקער פּאָטער? (גיט אים אַ זעץ אין די צײן).

גרינהאָרן: געװאַלד!

(פּאָרהאַנג)



זי וויל נישט. ס'הייסט ווילן וויל זי יאָ, נאָר קיין רוסלאַנד, זאָגט זי, וויל זי פאָרן. אָבער ער וויל נאָר קיין פּאַלעסטינע. ער איז פון די געציילטע, וואָס האָבן געראַטעוועט דאָס פאַרמעגן פון די קריזיס־ציין. ער וויל „ריטאַיערן".

טאַינעט ער צו איר: — וואָס טויג דיר, — מאַכט ער, — רוסלאַנד? אין פּאַלעסטינע קריגט מען די בעסטע נייס וועגן רוסלאַנד.

די פרוי ווערט בייז און זאָגט: — דיין פּאַלעסטינע מיט דיינע נייסן! פּאַרדריי מיר נישט דעם קאָפּ! ווייסט דאָך אַז ס'איז ליגן.

— וואָס רעדסטו, — מאַכט ער, — ביאַליק וועט שרייבן ליגן?! דו וואָלסט געמעגט לייענען ווי אַזוי ער שרייבט ווי מען מוטשעט אידן אין רוסלאַנד! ווילסטו, אַז מיר זאָלן פאָרן אַהין און מע זאָל אונז אויך מוטשען?

ער: — שאַ, ווייסטו וואָס? אָט גייט יאָסל, וועלן מיר אים פרעגן. יאָסל! יאָסל! אַף איינמינוט, „פּליז". לאַנג געווען אין רוסלאַנד?

איך: — ס'וואונדערט זיך וואָס ס'איז באַ אייך לאַנג און וואָס ס'איז באַ אייך קורץ. איינער קען זיין אין רוסלאַנד צוויי וואָכן לאַנג און אַ צווייטער קען זיין אין סאָוועטנפאַרבאַנד צוויי יאָר קורץ!

ער: — אָ, יאָסעלע הייבט שוין אָן מיט זיינע שטיק! וואָס־זשע הערט זיך עפּעס אין רוסלאַנד? וואָס טוען דאָרט אידן?

איך: — אידן טוען גאָרנישט.

ער: — נו, און גאָיעם?

איך: — גאָיעם טוען אויך גאָרניט.

ער: — (מיט פרייד־אויסגעשריי) הער נאָר, פעני, יאָסל זאָגט דעם עמעס! איך האָב געוואוסט, אַז ער איז נישט אַזוי ווי די אַנדערע קאָמוניסטן, וואָס ווילן נישט צוגעבן דעם עמעס. אויב אַזוי, קום־זשע אַהער, יאָסעלע, הייסט עס דאָך אַז ס'איז שלעכט אין רוסלאַנד, האַ?

איך: — ניין, ס'איז גוט אין רוסלאַנד.

ער: — ע, יאָסעלע, דרייסט דאָך שוין קריק! ווי אַזוי קען

זיין גוט אין רוסלאַנד, אַז סאַי אידן און סאַי גאָיעם האָבן נישט וואָס צו טאָן ?

איך: — אַז אין רוסלאַנד זענען שוין קימאַט נישט פאַראַן אַזעלכע באַשעפענישן ווי אידן אָדער גאָיעם.

ער: — אין גאָטעס ווילן, וואָר־זשע איז דאָרט יאָ דאָ ?

איך: — וואו ?

ער: — אין רוסלאַנד.

איך: — קיין רוסלאַנד איז שוין אויך נישטאָ.

ער: — הער נאָר פעני, אַז ס'איז גאָר נישטאָ, נישט קיין אידן, נישט קיין גאָיעם, נישט קיין רוסלאַנד ן וואָר־זשע האַלטן זיך אויף די באָלשעוויקעס ?

איך: — אָ, די באָלשעוויקעס ? זיי געפינען שוין אַ פלעצל וואו זיך אויפצוהאַלטן.

ער: — וואָס הייסט זיי געפינען ?

איך: — וויפיל מיינט איר באַדאַרפן באָלעשוויקעס האָבן ? נישט קיין סאַך, דערוויי־ל וועט זיי קלעקן איין זעקסטל פון דער וועלט. און אַז מען וועט דאַרפן נאָך, וועט מען זיך פאַר אייך נישט שעמען. באָלשעוויקעס זענען נישט קיין שעמעוודיקע.

ער: — אָ, שוין ווידער יאָסעלע מיט זיינע שטיקלעך. נו ? און וואָס איז געוואָרן פון די אידן ?

איך: — פון די אידן איז געוואָרן פאַרשיידענע זאַכן.

ער: — וואָס הייסט פאַרשיידענע זאַכן ?

איך: — פון איין סאָרט איד איז דאָרט געוואָרן אַ פאַרמער, פון אַן אַנדער סאָרט איד איז געוואָרן אַ שלאָסער, און פון נאָך אַ סאָרט איד איז געוואָרן עפעס אַן אַנדער סאָרט באַלמעלאָכע. און אַזוי קעסיידער און זאָ ווייטער, און „סאָ־אָן", עטצעטערע, אי טאַק דאַלשע אי דאַלשע און נאָך ווייטער.

ער: — קענסטו נישט זיין ערנסט אַ מינוט ? איך וויל וויסן אַקוראַט. זאָג מיר, יאָסל, וואָס טוט דאָרט אַן איידעלער איד, וואָס טאָר נישט אַרבעטן ?

איך: — וואָס הייסט ער טאָר נישט ?

ער: — איך מיין אַן איידעלער, צאַרטער איד, וואָס איז, לאָמיר זאָגן, נישט פאַר קיין אידן געדאַכט, נישט מיט אַלעמען.

איך: — אַזאַ איד גייט נישט אַריין אין פינף יאָר פּלאַן.

ער: — וואָס זשע טוטנמיטים?

איך: — אַ קראַנקן לייגט מען אַריין אין בעט.

ער: — נו, לאָמיר זאָגן, אַז ער איז נישט קראַנק, נאָר גלאַט אַזוי אַ פיינער איידעלער איד, וואָס איז ווייט פון אַרבעט.

איך: — גאָרנישט. וואָס זאָל טאָן אַזאַ איד? ער גייט פּאַוואָלי הין און קריק, און זומער איז אים צו־הייס, און ווינטער איז אים צו־קאַלט.

ער: — זאָג מיר נאָר, יאָסעלע, פונוואַנען נעמען זיך די קלאַנגען, אַז מען שלאָגט אידן אין רוסלאַנד?

איך: — די קלאַנגען נעמען זיך גראָדע פון „זיכערע קוועלע". איך אַליין וועל אייך דערציילן פון פאַקטן ווי מען שלאָגט טויזנטער אידן אַ טאָג.

ער: — (אונטערגעשפּרונגען פון סימכע) פּענע, הער נאָר ווי יאָסעלע דערציילט מיט דער ברייטער האַנט! אַ געזונט אין אים! זאָג מיר נאָך, יאָסעלע, דערצייל מיר אַקוראַט וואָס דו ווייסט וועגן אידן־שלאָגערײַ.

איך: — איר ווילט וויסן אַקוראַט?

ער: — אַלצדינג מיט יעדער פּישטשעווקע. דאָס איז טאַקע אינגאַנצן וואָס איך האָב געוואָלט וויסן! ס'איבעריקע בין איך דיר מויכל.

איך: — צום ביישפּיל, ווען פּילסודסקי פּילט זיך אויפגע־לייגט, פּאַרדרייט ער זיך די וואָנצעס און מאַכט אַ פּאָגראָם אַף אידן. נעמט מען גראָבע דעמבעס, אָדער מעסערס, אָדער וואָס עס מאַכט זיך צו דער האַנט און מען שלאָגט גלייך אין מיטן אידן אַריין. און ווען איינער זאָל זיך צעטומלען, און דערלאַנגען אַ קנאַק מיטן שטעקן צי מיטן מעסער אויסערן אידן, צעבלוטיקט ער די לופט. אָבער דאָס טויג נישט. דער עמעסער כוליגאַן האָט האַנאָע, ווען ער דערלאַנגט מיט דער דובינע גלייך אינעם אידן אַריין. אויב נישט, טאַ וואָס זשע איז די כאָכמע? אָבער אין עסעסעסאַר שלאָגט מען אידן אַנדערש.

ער: — (מיט פּיבער אין קאָל) נו, נו, זאָג שוין, יאָסעלע, ווי אַזוי?

איך: — אָבער איר וועט קיינעם ניט אויסזאָגן?

ער: — וואָס מיינסטו, איך בין עפּעס אַ יאָלד? פאַרשטיי

איך דען נישט, אַז דיר פּאַסט נישט צו דערציילן אַזעלכע זאַכן! אָבער מיר מעגסטו געטרויען.

איך: — נו, גוט! אייך וועל איך דערציילן. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד שלאָגט מען אידן — פּאָר.

ער: — אַהאַ, איך פאַרשטיי שוין, דו ווילסט אוואדע זאָגן אַז מען שלאָגט אידן אין „פּאָר־קאָוטס" (אידן אין פוטערס).

איך: — דאָס איז שוין באַלד ריכטיק, נאָר נישט אינגאַנצן.

ער: — דערצייל, איך בעט דיך, אינגאַנצן.

איך: — אין סאָוועטן־פאַרבאַנד שלאָגט מען אידן פּאָר, אַז זיי זאָלן פאָרן אַף ערד־אַרבעט קיין טיכאָנקע, בירא־בידזשאַן, קרים, אָדער אין זאַוואָדן.

ער: — אַי, גיי שוין גיי, איך האָב פיינט אַז מען דרייט אַהער און אַהין! שלאָגן אידן איז שלאָגן אידן! דרייט ער מיר אַ ספּאָדיק, מיט שלאָגן אידן פּאָר, פאַרשלאָגן אידן! אַמער זאָגט מען שוין פּראָסט: מען שלאָגט אידן אין רוסלאַנד און פאַרטיק!

איך: — נו, זאָג איך דאָך, אַז מען שלאָגט אידן, נאָר דער „פּאָר" לייגט אייך אינדרערד אַריין.

ער: — פּע, יאָסל, דו זאָלסט מיך זידלען? מיך (מיט אַ קוויטש) מיך?

איך: — איך זידל אייך נישט. נאָר איר זענט אַ מיעס מענטשל, אַן־אונפאַרזיך.



פאַר קינדער פון 8 ביז 88 יאָר

מיט אַ נאָז
און אָן אַ נאָז

וועז קינדער טרינקען מילך
פון אַ גרויסער גלאָז,
וואַקסן זיי געזונט
מיט אַ שיינער נאָז.
און
ווען קינדער טרינקען מילך
פון אַ קלענער גלעזל,
וואַקסן זיי נישקאָשע
מיט אַ קורנאָסע נעזל.
אָבער
ווען קינדער טרינקען נישט
קיין מילך פון קיין גלאָז,
און ווען קינדער טרינקען נישט
קיין מילך פון קיין גלעזל —
זענען זיי גרינגער פון אַ גרעזל
און זיי בלייבן אַפּסאָ
לוטלי אָן אַ נעזל.

באַם פענצטער

איך האָב איין פּאָר שיך
מיט 10 פּאָר לעכער,
זיץ איך באַם פענצטער
און קוק אַף די דעכער.

זע איך אינדרויסן
אַ שניי פאַלט אַרונטער,
אין הויז דאַרף מען קוילן,
באַהייצן דעם ווינטער.

מיין טאַטע זיצט ליידיק,
ער האָט נישט קיין שטעל,
דער לענדלאָרד שרייט דירע־געלט,
ער שינדט אים די פעל.

איך בין שוין אויסגעוואָקסן,
פון טאַטן באַלד העכער,
איך האָב אַ פּאָר שיך —
וואַקסט דאָרטן לעכער.

הונגעריק בין איך,
ס׳גלוסט זיך אַזש וויינען,
נעם איך אַ ביכל —
איז מיר צו קאַלט צו לייענען.

אין שמאַטעס די שיך
געטאָן אַ פאַרדריי,
האָב אויסגעזוכט אַן אַרבעט
צו שאַרן שניי.

דעם שניי אָפּגעשאַרט,
מיינע שיך האָבן לעכער,
זיץ איך באַם פענצטער
און קוק אַף די דעכער.

דאָס גוטע בילד (העסעניש)

ס׳הענגט אַ בילד
פון אַן אַלטן מאַן
אין קינדער־שול,
לעם לערערס שטול.

די באָרד איז בלוילעך־ווייס,
די וואָנצעס קימאַט שוואַרץ,
אַ שניפּס אַ שוואַרצן טראָגט ער
אַף זיין ווייסן האַרץ.

די שול מיט אַלע קינדער
ווערן פול מיט פרייד,
ווען דער לערער לערנט זיי
דעם אַלטנס קלאָרע רייד.

וואָלט זיין איצט אָט־דער אַלטער,
וואָלט ער אונדז נעמען אַף די פּלייצעס,
וואָלט שפּילן זיך מיט אונדז
און אונדז געגעבן אייצעס.

וואָלט פרעגן איך באַ אים
צי וואָלט ער איצט געקענט
מאַכן אַז דער לענדלאָרד
זאָל נישט טאָרן מאַנען רענט.

וואָלט פרעגן איך באַ אים
ער זאָל אויסרעכענען אַף גיך
וואו נעמט אַן אָרים אינגל
אַף ווינטער אַ פּאָר שיך.

און רעכענעז קען ער, אָהאָ!
און באַווייזן דיר אַף גיך —
אין קאַמף קעגן לענדלאָרדס
געווינט מען אויכעט שיך.

אין סטרייק קעגן די באָסעס
געווינט מען גוטע היימען,
קאָכט די מאַמע גוטע זאַכן,
גייט אַ רויך פונם קוימען.

איצט וואַרטן מיר ביז ביז,
איר׳ט טרעפן ווער ער איז.





אין אַ קאַלטן ווינטער־טאָג
לעם דעם אויוון באַ דעם זיידן
געזעסן זענען אייניקלעך.
שטיל, מע טאָר נישט ריידן,
האָט די באָבע זיי געזאָגט,
ווייל דער זיידע שלאָפט אין בעט.
זי האָט זיי געגעבן שאָקאָלאַד
געקושט זיי און געגלעט.

באָבע, באָבע, איך זיץ שטיל,
אַ יאַ איך ניט ריידן!
האָט אַן אייניקל אויסגעשריגן
און אופגעוועקט דעם זיידן.

מיר ווערן פּיאָנערן



עפנט די פליגל,
טויערן רויטע,
מיר זענען אַרבעטער-קינדער,
אָרעמע יאַטלעך.

טויערן רויטע
פון ליכט און פון שיין,
עפנט זיך ברייטער
און לאָזט אונדז אַריין.

מיר ווילן ווערן,
מיר דאַרפן ווערן,
מיר מוזן ווערן
יונגע, רויטע
פּיאָנערן.

אונדזער פרייהייט,
אונדזער הערב,
אונדזער האַמער,
אונדזער סערפּ.

מיר ווילן לערנען,
מיר מוזן קענען,
אונדזער לערער —
איליטש לענין.

ווי צוויי שיינע פליגל
מיט רויטער שיין
נעמען די טויערן
די קינדער אַריין.

און לעקאַך,
מאַראַנצן
קאַווענע,
און פלאַדן,
צוקערקעס
פון אַלע קאָלירלעך,
באַנבאַנעס, קאָנפעקטלעך
אין זילבערנע פּאַפּירלעך,
ניס און ראָזשינקעס,
שאָקאָלאַדן,
מאַרמעלאַדן,
שפּראָטן
און „מאַדיקאַטן“ —
האָט זיך געטאָן אַ שאָט
פון אַלע פענצטער
און פון אַלע טירן
די נייע פּיאָנערן
צו גראַטולירן.

די קינדער מיט סייכל,
וואָס זוכן וואָר,
וואָס ווילן וויסן
אַלעס קלאָר,
וואָס ווילן ווערן,
וואָס דאַרפן ווערן,
וואָס מוזן ווערן,
וואָס וועלן ווערן
יונגע
רויטע
פּיאָנערן.

די קאָטער פון בראָנזוויל

מיסטער קאָטער זאַוול איז אַ קרעפּטיקער גרויער קאָטער מיט אַ שווערן עק. ער איז בייז ווי אַ בעזים און פרום ווי אַ בלינצע. ער מאַכט זיך אַ לעבן מיט זיין פאַמיליע פון גוטע קעסט, וואָס ער באַקומט פון אַ רייכן ליידיקגייער אַף ריווערסאַיד דראַיוו. ער האָט זיך פון אַ שטיקל האַרטן קעז אויסגעגריזשעט צוויי פּאָר טפילן און ער לויפט דאַווענען אַלע טאָג אין קעלער פון טעמפּל מענוויל.

זיין פרוי גיטל איז אַ קאָשערע ראַבע קאַץ מיט האַרטע וואָנצעס און אַ פּאַלעסטינער נאָז. זי איז אַ זויבערע באַלעבאָסטע, צעוואַשט מיטן צונג די טעלער, בראָקט לאָקשן מיט די נעגל, און שטריקט אוים סוועטערלעך מיט די וואָנצעס.

אָבער אַ בעניאָכעד האָבן זיי, ווייסן זיי נישט ווער ס'האָט אים באַניוכעט. אַ קליין שוואַרץ איציקל מיט שליוואָוויץ אין די אויגלעך. ס'ברעכט ברילן, דראַפּעט פּאָרהאַנגלעך, טאַנצט אַף דער שאַפּע און מייזלעך נעמט ער נישט אין מויל אַריין. דער פּאָטער קאָטער זאַוול נעמט אַמאָל איינטאַינען מיט זיין איציקלען.

— וואָס, — זאָגט ער, — טראַכסטו זיך? קיין מייז כאַפּסטו נישט, קיין הינער דושעסטו נישט, דאַוונען קענסטו נישט, אַ האַלבן עק האָט דיר אַ הינטל אָפּגעביסן אין „קינדערלאַנד", אַן אויער האָסטו געפּאַטערט אין סטענטאָן סטריט... גענוג! גענוג געהוליעט! לויט דער מאַמעס רעכענונג באַדאַרפסטו שוין אַלט זיין אַ כעשבן פון קנאַפּע פיר כאַדאָשים. איך אין דיינע יאָרן האָב שוין געהאַט א י י נ י ק ל ע ך עלטערע פון דיר.

איציקל הערט דעם פּאָטער־קאָטער ווי דעם קאָטער. ער היט זיך נאָר אַז דער פּאָטער־קאָטער זאָל אים נישט אַ גראַבל טאָן. און ווי באַלד ער דערשמעקט טאַקע, אַז ס'האַלט באַ פּעטש, איז ציוך — אַרויס דורכן פענצטער און גיי כאַפּ אים.

ס'איז פיר אַ זייגער באַטאָג. די מוטער־קאַץ האָט צעוואַשן די טעלער, זיך אָפּגעטריקנט דעם צונג אין ראַדיאַייטאָר, זיך מאַני־קירט די נעגל און גענומען שטריקן אַ סוועטערל. דער פּאָטער־

קאַטער האָט זיך אויסגעקעמט די אויערן מיט דער לאַפּקע, איבער־געציילט די האָר פון די וואָנצעס. אָנגעטאָן די יאַרמעלקע און זיך צוגעלייגט א ביסעלע שלאָפן.

ס'איז אריינגעקומען ראָכל די בעזדיטניטשקע, א „טשאַריטי־לײדי", מיט א בלוי סטענגעלע אפן שפּיץ עק. ראָכל איז א געלע רייכע קאַץ מיט א ווארימען גוידער. זי האָט ליב טאָן מיצוועס, גאַנוועט זי גוטע זאכן, לעקט אָפּ פון זיי דאָס פעטע, און דאָס מאָגערע צעטיילט זי צווישן אויסגעקראָכענע און אָפּגעפּארעטע קעץ. זי איז אריינגעקומען מיט ווייכע פעטע טריט, געזאָגט העלאָ, געטאָן א נאָס מיט א קרעכץ און זיך אַנידערגעזעצט געניצן. די מאַמע קאַץ האָט אַנידערגעלייגט דאָס שטריקעכץ און זיך גענומען באַקלאָגן פאַר דער געלער שביינע:

— אַז אָך און ווי די קעצענע יאָר. סאַ איציקל! קיין מייז כאַפּט ער נישט, קיין הינער דושעט ער נישט. די „לאַיסנס" האָט ער פאַרלוירן, שפּאָגל נייע לאַיסענדלעך מיט א „ליבערטי"־גלעקל אפן רימענדל. נ אָ ר ער לויפט ארום אין דער „איסט סאַיד" און קומט אהיים א צעדראַפּעטער, אָן אָפּגעגאָסענער, א שמוציקער, מיט שמעקטאַבאַק אין די אויערלעך.

— ס'איז נישט גוט, — ענטפערט ראָכל, — ס'קען מיט אייער איציקלען טרעפן דאָס אייגענע וואָס ס'האָט געטראָפן מיט מיין בלינדן מעבוטן, וואָס די גוז קאָמפּאַניע האָט אים געכאַפּט און דערדישעט. היינטיקע צייטן אפן גאַס, אָן לאַיסנס, איז נאָך ערגער ווי געשמאַדט.

די מאַמע־קאַץ טוט א קרעכץ: — אַנישט איז דאָס א קאַטער? סאַ ריכל, א „סאָנאָוואָביטשעלע"! א דריכווייסוואָסל! מיר פאַר זיין עק.

ראָכל האָט א הויב געטאָן דעם געלן רוקן ווי א בייגל און רערציילט:

— איציקל? אַנישט ווייסט איר דען וואָס ער טוט אָפּ אין גאַס? וואו א דעמאָנסטראַציע, לויפט ער נאָך באַ דעם „ניראַ־מאַרש" זענען אים צווויי אַטאַמאָבילן שיר איבערגעפאָרן דעם עק.

— אַי, וואָס בלאָפט איר? — מאַכט גיטל, — דעם עק האָט אים דאָך א הינטל אָפּגעביסן אין „קינדערלאַנד".

— דאָס טאַקע איז זיין גליק, — ענטפערט ראָכל, — ווען ער

וואָלט געווען האָבן דעם עק באַ דעם „ניראַ־מאַרש", וואָלט מען אים געווען צעקוועטשט ווי אַ הערינג. היינטיקע צייטן איז טאַקע בעסער צו זיין אַ קאַץ אָן אַן עק. ווייל מ'איז נישט באַ זיך אין די הענט.

:: איר ווייסט, גיטל, איך האָב אַ גאַסט! ס'איז געקומען צו מיר מיינער אַ לאַנדסמאַן, אַן עלנטער קאָטער פון בראַנזוויל. ער איז זייער אַ געבילדעטער קאָטער. ווען ער טונקט איין דעם עק אין סמעטענע, קען ער אָנשרייבן אַן אַדרעס אַפן אויוון. און פּאָליטיק מיאָוקעט ער אַזוי ווי אַ וואַסער.

:: אין בראַנזוויל האָט ער געוואָינט אין אַ הינטער־קעלער, איז ער דאָרט שיר דערטרונקען געוואָרן פון דער נעץ. קיין עסן האָט ער נישט, און אַרבעטן האָט ער מוירע. ער קען, זאָגט ער, ווערן אַ גוטער פּאָריער, נאָר ער האָט מוירע פאַר זיין אייגענער פּעל. ער היט זיך צו גיין אין פּלעצער וואו מען נוצט שאַרפע מעסערלעך, ווייל ווער עס זעט אים, וויל אים שינדן. ווי גייט דאָס ווערטל? „בעסער אַ לעבעדיקער רעטאַך איידער אַ טויטע סאַרדינקע". און אַ יאָסים איז ער, זאָל מען אָפּגעהיטן ווערן. ער האָט נישט קיין איין טאַטע, קיין איין מאַמע, קיין איין ווייב, קיין איין קינד, קיין איין רינד. פּו, פּו, פּו. ער איז אַ שוואַרצער אַלמען מיט אַ ווייסן עק. און עלנט איז ער ווי אַ כאַמעצדיקער „בולדאָג", נישדאָגעדאַכט.

:: ער איז שוין געגאַנגען אין „ביזנעס" מיט אַ ווייסער מויז. זיי האָבן געזאָלט עפענען אַ קאָפּעטעריע פאַר פליגן. האָט אים די ווייסע מויז פאַרבעטן צו זיך אין נאָרע אַריין אַף מיטיק, אָבער דער קאָטער האָט באַלד דערפילט אַז די מויז בייסט אים זייער שטאַרק, איז ער אַנטלאָפן זייער גיך. איצט וויל ער ווערן אַ מעלאַמעד און לערנען אַלעף־בייס מיט דאָרדיקע קעצלעך אומזיסט, אַן אַ פּעני געלט.

פרעגט גיטל: — פונוואַנען־זשע וועט ער מאַכן אַ לעבן?

ענטפערט ראָכל: — אַלעף־בייס וועט ער טאַקע לערנען אומזיסט, אָבער גימל דאַלעד, וועט שוין קאָסטן רעבי־געלט.

זאָגט גיטל: — איכל אים טאַקע אָפּגעבן מיין איציקלען אין כיידער אַריין. עפּשער וועט פאַרט פון אים עפּעס ווערן. אַז קיין

מייז כאַפּט ער נישט, קיין הינער דושעט ער נישט, טאָ זאָל ער כאַטש ווערן אַ ראַוו.

ראָכל האָט אַ גענייץ געטאָן און געזאָגט: — ער וויל נישט רייך ווערן, דער מעלאַמעד. אַבי ער וועט פאַרדינען אַלע טאָג אַ שטיקל מויזעכץ מיט קעטשאַפּ, און זיך האָבן אַן אייגן שמוציק קעסטל אָף צו שלאָפן, וועט ער זיך לעבן גליקלעך אַזוי ווי אַ הונט.

ווי מען רעדט אַזוי, טוט פּלוצים אַ פלי אַריין איציקל דורכן פענצטער און — פּוץ אונטערן בעט.ביידע קעצענע ווייבער האָבן זיך דערשראָקן און דער פּאַטער־קאַטער האָט זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף. באַלד נאָך איציקלען האָט זיך אַריינגעקייקלט דער בראָנזווילער קאַטער אַ צעדריבלטער, מיט אַ צעפּוטשעטן לייב־צערדאַק, מיט אַן אָפּגעצופּטן אויער. מיט אַ יאָמער און אַ קוויטש האָט ער אַרויסגעמיאַוקעט:

— וואו איז אייער איציקל, דער גרויסער גאַזלען?

— וואָס האָט געטראָפן? אַ בראָך צו מיר! — האָט זיך די „טשאַריטי"־קאַץ גענומען קראַצן דעם וואַרימען גוידער.

— וואָס מאַכט איר זיך געפּיינגערט? — ריטשעט דער מעלאַמעד? — אַ גאַנצן האַלבן אויער האָט ער מיר אָפּגעריסן, דער ריציייעך, דער היטלעריסט!

— פאַרוואָס האָט ער עס געטאָן? — פרעגט דער פּאַטער־קאַטער.

— דערפאַר ווייל ער האָט זיך דערוואוסט אַז איך בין אַ מעלאַמעד און וועל אים נעמען לערנען צו מיר אין כיידער אַריין.

דער פּאַטער קאַטער האָט אַראָפּגעכאַפּט דעם פּאַסעק פון די פלודערן און גענומען שרייען צו איציקלען אונטערן בעט: — קום אַרויס! אַרויס קום! קום אַרויס! דו היטלעריסט! דו אויער־בייסער! קום אַרויס!

די „טשאַריטי"־קאַץ האָט גענומען רופן: — קום אַרויס, איציקל, שיין קאַטערל מיינס. קום אַרויס, וועל איך דיר געבן אַ שיסעלע „טשאַריטי" מיט מילך.

די מוטער קאַץ האָט גערופן: — קום אַרויס, מיין אויג אין קאָפּ. קום אַרויס, מיין קליין שוואַרץ איציקל! איכל דיר געבן געהאַקטע לעבער מיט וואַנצעס, און איכל דיך נעמען אין קאַטער־טעאַטער, וועסטו זען „מיקי מייזעלע".

אָבער איציקל האָט געשוויגן שטיל אונטערן בעט, ביז דער פּאַטער־קאָטער האָט זיך אײַנגעאָרונטער געטאָן גלײַך אונטערן בעט און קוים מיט צאָרעס אַרויסגעריסן דעם רעבנס שטיקל אויער פון איציקלס נעגעלעך.

די מוטער קאַץ האָט דעם אויער אָפּגעוואַשן מיט שמוציקער וואַסער, אים צוגעשטיקעוועט צום צווייטן האַלבן אויער מיט אַ נאָדל־פאָדעם און די נאָט פאַרשמירט מיט בלאָטע קעדיי סע זאָל אויסזען גלאַט. זי האָט דעם מעלאַמעד געגעבן טרינקען אַ גלעזל וואַסער מיט צוקער און געפרעגט:

— זאָגט מיר, בראַנזווילער מעלאַמעד, וואָס זאָל איך טאָן מיט איציקלען? ווי אַזוי מאַכט מען אים פאַר אַ לייט?

דער מעלאַמעד האָט אַף גיך צעכראָמטשעט דאָס שטיקל צוקער און געזאָגט:

— מע דאַרף אַזאַ איציקל ווי ער לערנען און שמייסן, שמייסן און לערנען, לערנען און שמייסן. נישקאָשעקאָשע, אַ הינטן איז נישט קיין פלעשל סעלצער. מע דאַרף שמייסן ווי אין פּאָסעק שטייט: „שמייסע לעטאָסי לישיאָסכו קיווויסי".

— אַי, סאַ לאַמדן! — האָט זיך דער פּאַטער־קאָטער גענומען גלעטן די ברעמען.

— אַי, סאַ קענער! — האָט זיך די „טשאַריטי" קאַץ גענומען קנייטשן דעם וואַרימען גוידער.

— אַי, סאַ טייערער רעבי! — האָט די מאַמע קאַץ גענומען פלעכטן מיט די וואָנצעס. — זאָגט נאָך עפּעס, היילעקער מעלאַמעד.

דער מעלאַמעד האָט מיטאַמאָל אויסגעזופּט די גאַנצע וואַסער און געזאָגט:

שמיצלעך 20
מיטן געזאַלצענעם קאַנטשיק.
שמייסע לעטאָסי
געזונט מיט פינאָסי.

ווי איציקל האָט דערשמעקט די ביטערע געזאַלצענע רייד, האָט ער זיך אַ יאָג אַרויסגעטאָן פון אונטערן בעט גלײַך אַפן מעלאַמעד. דער מעלאַמעד האָט זיך אויסגעריסן און איז אַרויס מיט איין שפּרונג דורכן פענצטער. איציקל גלײַך נאָך אים. ער

האָט אים פֿאַריאָגט אונטער אַ צעבראָכן פּעסל און זיי האָבן זיך דאָרט געפֿערלעך געטשובעט. זיי זענען פֿון דאָרט אַרויס, און אַנטלאָפֿן אַף פֿאַיק סטריט און זיך דאָרט נאָך שטאַרקער געהאַרגעט.

זיי זענען אַנטלאָפֿן פֿון פֿייק סטריט, אונטערן פֿענצטער פֿון אַן אייז־מאַן. זיי האָבן זיך דאָרט אַזוי געביסן און געדראַפּעט און געקוויטשעט, אַז דער אייז־מאַן האָט אַף זיי אַרופֿגעוואָרפֿן אַ גאַנצן „קעיק" אייז, און די אייז־מאַנעכע האָט זיי אָפּגעגאָסן מיט אַ הייסן טשייניק טיי.

פֿאַרטאָג, ווען אַלע קעץ זענען שוין געשלאָפֿן, איז איציקל אַהיים געקומען זייער אַ פֿריילעכער. סע האָט אים געפֿעלט אַן אויער, אָבער ער האָט געבראַכט אַהיים דעם רעבנס עק.

גאַנצפֿרי, ווען איציקל איז נאָך געשלאָפֿן, האָט די „טשאַריטי"־קאַץ אַרויסגעגאַנוועט דעם מעלאַמעדס עק, אַרומגעביסן דאָס פּעטע, און מיטן מאָגערן האָט זי געטאָן מיצוועס.

אין דעם קעניגרייך פון מילבן

אין אַן אַלטן סייפער באַם איינבינדער אַפן בוידעם האָט געוואוינט אַן אַלטער מילב. איז ער געווען אידיש גענאַנען: ריישים ווייל ער איז געבאָרן געוואָרן אין אַ סידער צווישן אַנשער און יאָצער, צווייטנס ווייל ער האָט געהייסן רעב פּינכעס.

כאָטש אַ מילב איז זייער אַ קליין באַשעפעניש, האָט זיך רעב פּינכעס, ווי קליין ער איז געווען, געהאַט אַ גרויסע לאַנגע באָרד מיט נאָך לענגערע פּייעס, מיט נאָך אַ לענגער ווייב, מיט זיבעציק טויזנט קינדער.

די מאַמע, מיסעס פּינכעסטע, איז געווען אַ גוטע נעשאָמע. זי האָט אָפּגעהיט די זיבעציק טויזנט קינדער ווי זיבעציק טויזנט שטעך אין די אויגן. זי האָט זיי געצוואָגן און געבאָדן, זיי אויסשטריקט גרינע היטעלעך מיט רויטע קוטעסלעך און אַמאָל, ווען ס׳איז געווען נויטיק, האָט זי זיי איינגעגעבן צום שוויצן.

אָט אַזאַ מאָדערנע מאַמע איז געווען די מיסעס פּינכעסטע. נאָר אַ וואַשבערעטל האָט זי באַדאַרפט נויטיק ווי דאָס לעבן. איז זי אָבער געווען צו אָרים. האָט זי געריבן דאָס וועש אַף אַ ריב־אייזן.

אָבער דער פּאָטער, רעב פּינכעס, איז געווען אַ אידישער מילב פון אַלטן שניט. ער האָט געוואוסט אַז ער איז אַ טאַטע, דאַרף מען שמייסן די קינדער. איז אים דער קאַנטשיק פון האַנט נישט אַרויס.

און ווען דער פּאָטער האָט זיי געוואָלט כאַפּן, פלעגן אַ טייל אַנטלויפן קיין שיראַשירים און פּאָרן רייטנדיק אַף שלוימע־האַמעלעכס הערשעלעך. די נאַרישערע מילבלעך פלעגן זיך אַריינכאַפּן אין דער מעגילע און שפּילן פּויקער מיט וואַיזאָסאָן.

ווען דער אַלטער רעב פּינכעס איז עלטער געוואָרן, און האָט מער קיין קויעך נישט געהאַט צו שמייסן די קינדער. איז ער אַוועקגעקראָכן עטלעכע קאַפּיטלעך ווייטער צום בייזן מילבן־קיניג, פּיצעלע דער גרויסער. ער איז געפאַלן אַפן פּאָנים צום קיניגס פיסלעך און געזאָגט אַף מילביש:

— אַדאָיני, שמאָיני, יאָיני, קייסער־קיניג, פּיצעלע דער גרויסער! איך, דיין וואָרים, דיין פֿאַרך, דיין פּאַסקודניק, דיין לויזער, פֿאַל צו דיינע הייליקע קלאָרע פּיס מיט מיין כאַזערשן פּאָנים צו דרערד! איך נויג זיך פֿאַר דיר איינונזעכציק מאָל ווי אַ נידערטרעכטיקער פּיפּערנאָטער, ווי אַ פֿאַרשיוועץ פון דער ערשטער קאַטעגאָריע! דערלויב מיר אַדאָיני, שמאָיני, וועיאָיני, דיר צו שענקען מיינע זיבעציק טויזנט וואויל־דערצויגענע, גאָט־געשמיסענע קינדער, אַז זיי זאָלן דיר דינען און באַרייבערן דיין קיניגרייך מיט זייערע פרישע יונגע ביינער און מוסקעלן.

דער קיניג האָט אַריינגעשטעקט זיין זילבערנעם סצעפּטער אין העלישן פייער און געזאָגט מיט אַ ווייך קאָל: — הער מיך אויס, מיין טייערער פריינט! אין אַ שאָ אַרום בין איך בערייט מילכאָמע האַלטן מיטן מעלעך עליאָין פונם ווילנער בענטשערל. איך וויל אים אָפּווישן פון דער מאַפּע אַזוי ווי מע ווישט אָפּ אַ טרער פון אַ פּאַרוויינט יאָסעמל.

דערביי האָט דער קיניג אַרויסגענומען דעם אָנגעגליטן סצעפּטער פון פייער אַרויס און אָפּגעסמאַלעט רעב פינכעסן די ברעמען מיט די וויעס און געזאָגט:

— גיי בעשאָלעם און ברענג מיר אַהער דיינע זיבעציק טויזנט קינדער. איך וועל דערוייל אָנגרייטן ביקסן, קאַנאָנען, שפּיאָנען, לעגיאָנען און עראָפּלאַנען. און אויב דיינע מילבן וועלן זיגן, וועל איך דיך מער ניט טשעפּען. און טאָמער וועלן זיי פאַר־לירן, וועט אַ רועך אין זייער טאַטן, דעם וואָס האָט זיי שלעכט דערצויגן. דער פאָטער פון די קינדער וועט מוזן מיט זיין קאָפּ באַצאָלן, און די מוטער מיט אַ פּוס.

דער קיניג־קייסער האָט פון אַ בריליאַנטן קעסטעלע אַרויס־גענומען צוויי שאַרפע טשוועקלעך מיט ברייטע קעפּלעך, ער האָט מיט ביידע הענט זיי אַריינגעקוועטשט רעב פינכעסן אין די באַקן און ווי מיט אַ גלעט אַ זאָג געטאָן:

— גיי בעשאָלעם, מיין טייערער פריינט!

דאָס פריינטלעכע וואָרט האָט רעב פינכעסן זייער צעוואַרימט דאָס האַרץ, און נישט געקוקט אָף די אַלע יעסורים, בראַנדן און שטעכענישן, וואָס דער קיניג האָט אים אָנגעטאָן, האָט ער דאָך געוואָלט געבן דעם קיניג נאָך אַ ביסל קאָוועד פאַרן פריינטלעכן וואָרט, און ער האָט גענומען איבערכאַזערן דעם טיטול, מיט וואָס ער האָט אָנגעהויבן, ווי צום ביישפּיל: איך, דיין וואָרעם, דיין פּאַרך, דיין לויזער...

דער קיניג האָט עס נישט געוואָלט הערן צוויי מאָל, האָט ער געשיקט נאָך אַ קעסל הייסע בלאָטע און אים אָפּגעגאָסן דעם קאָפּ. רעב פינכעס האָט זיך דערפילט זייער נישט אויפגעלייגט דערפון, האָט ער אַרויסגעוויינט שטיל:

— געוואַלד, אידן, ראַטעוועט!

דעם קיניגס האַרץ איז ווייך געוואָרן און פון ראַכמאָנעס וועגן האָט ער אים אָפּגעקראַצט די בלאָטע און צוגעלייגט אַ געפּערלעך בריענדיקע קראָפּיווע; דאָס גוט צוגעקוועטשט צום פּנים, שטאַרק פאַרבונדן מיט אַ זויערן האַנטוך, ער האָט אים אַ ביס געטאָן אין אויער און אים געהייסן גיין בעשאָלעם.

ווען דער פּאָטער־מילב, רעב פּינכעס, האָט זיך קוים אַ לעבע־דיקער דערשלעפּט אַהיים, אַן אָפּגעבריטער, אַן אָפּגעפּידלטער, אַן אָפּגעסמאַלעטער, האָט ער זיך אַריינגעלייגט אין אַן „ע" אַביסל אָפּרוען. ער האָט געפּערלעך געקרעכצט: — אוי, מיינע ברעמען! אוי, מיינע אויגן! אוי, מיינע וויעס! אוי, מיין אויער!

איז דאָס ווייב צוגעלאָפן און אויסגעשריגן: — ווער האָט עס דיך אַזוי צעפּלינדערט, מיין געשעצטער פּינכעסל?

— דער אַדאָיני קיניג, ווייב מיינס. איך בין, אוי, געפאַלן צו זיינע פיס, אים צוגעזאָגט אָפּגעבן אונזערע קינדער פאַר סאָלדאַטן, האָט מיך דער קיניג, אוי, אַזוי אַ ביסל (נישט קיין סאַך) דורכגעפּלינדערט, אָפּגעסמאַלעט די ברעמען מיט די אוי... ווי ז'מיר. ער האָט פון אַ בריליאַנטן קעסטעלע, אוי, אַ טייער קעסטעלע, אַרויסגענומען צוויי טשוועקלעך און זיי מיר אַריינגע.. אוי, איןביידע באַקן אַריינגעקוועטשט. ער האָט מיך מיט הייסער בלאָ... אָפּגע.. אוי, ווי ז'מיר, און מיך געשיקט אַהיים בעשאָ... אוי!

פּינכעסטע האָט גענומען אַראָפּרייסן די געפּערלעכע קראָ־פּיווע פון זיין פּאָנים, האָט ער אָבער נישט געלאָזט. ער האָט מוירע געהאַט פאַרן קיניג־קייסער, האָט ער אופגעהויבן די קראָפּיווע פון דער ערד, צוריק צוגעלייגט צו די באַקן און זיך באַמיט צו מאַכן דאָס פונקט ווי פריער, קעדיי דער קיניג זאָל צו אים גאָרנישט האָבן.

די מוטער האָט באַלד צענויפגעפייפט אַלע קינדער און זיי דערציילט, אַז דער פּאָטער איז אויוועך־באָטל געוואָרן. ער איז געווען באַם קיניג־קייסער און אים אָפּגעגעבן די קינדער פאַר סאָלדאַטן.

— פע! — האָבן די קינדער אויסגעשריגן, — מיר ווילן נישט געהאַרגעט ווערן! מיר האָבן עס פיינט! מיר ווילן קיין סאָלדאַטן נישט זיין!

דער פאָטער האָט צוגעקרעכצט: — יאָ זיין!
די מוטער האָט אויסגעשריגן: — נישט זיין!
— זיין אָדער נישט זיין? — האָט דער עלצטער פון די מילבן אַרויסגעדונערט פון שעקספּירס אַ בלעטל.
— זאָל זיין! — האָט די מאַמע אויסגעשריגן, — זאָל זיין אַ רועך אין די קייסערשע קישקעס! נעמט, כעוורע, די קלייזאַיען און גייט מיט אַ מונטערן גאַנג. און זאָל דער קייסער זען, אַז איר האָט פאַר אים קיין מוירע נישט.
די כעוורע האָבן גענומען כאַפּן: דער אַ קאָמעץ, דער אַ כיריק, דער אַ שוריק. די שטאַרקערע האָבן אויפגעריסן אַן אַלטן ברייווקאַסטן און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן ריזיקע אייזערנע פּרעגצייכנס. זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ מונטערן גאַנג גלייך צום קיניג־קייסער.
אַפן וועג האָבן אַ פּאָר מילבלעך באַקומען קאַלטע פיסלעך. זענען זיי פּאַוואָלינקע אַרויסגעקראָכן פון דער אַרמיי און זיך באַהאַלטן אין אַ ווייבערשער טכינע.

די העלדן האָבן זייער וועג קוים דורכגעמונטערט. זיי זענען געפלויגן דורך פייער און דורך פּעטש. באַם קייסערס טויערן האָט אויסגעבראָכן אַ פּיבערדיקע מילכאָמע. די כעוורע האָבן געשלאָגן מיט די כיריקס און שוריקס. אָבער ווען זיי האָבן אָנגעהויבן כאַפּן גאָר גרויסע פּעטש, האָבן זיי זיך אַ נעם געטאָן צו די ריזיקע

אייזערנע פּרעגצייכנס. דערלאַנגט מיט אַלע קויכעס און אויס־
געלייגט דעם קיניגס כּאיעל אַזוי ווי די וועפּשן.

און נישט געטראַכט און נישט געוואַרט און באַלד אַפן אָרט
אַריינגעשטורעמט גלייך צום קיניג־קייסער אין פּאַלאַץ, אַ שאָקל
געטאָן דעם טראָן, אַ טרייסל געטאָן דעם קיניג, אים אַ שלעפּ
געטאָן, אַ טאַסקע געטאָן און אַ ברענג געטאָן אַהיים צו דער מאַמען.
האָט די מאַמע גענומען דעם קיניג, אים אַריינגעשאָטן זאַלץ אין
די אויגן, און קעדיי די זאַלץ זאָל נישט אַרויספאַלן, האָט זי אים
פאַרנייט די אויגנדעקלעך מיט אַ נאָדל־פאָדים. נאָכדעם האָט זי
אים אַריינגעלייגט אין מויל אַריין אַ הייס טעצעלע מיט סמאָלע
און פאַרשמעלצט דאָס מויל מיט טריפוואַקס. נאָכדעם האָט זי
אים אָפּגעפליקט די באָרד, אויסגעלייגט די האָר אין ריבאייזן און
געמאַכט דערפון אַ ווייך מאַטראַצל. זי האָט דאָס מאַטראַצל
אַריינגעלייגט אין אַ שלאָסמעם, דאָרט פיין אויסגעבעט, אים אַהין
אַריינגעוואָרפן, פאַרקייטלט מיט אַ קייטל און געזאָגט:

— שלאָף געזונט!

ווען רעב פינכעס האָט דערזען דעם קיניג־קייסער, האָט ער
זיך שטאַרק דערשראָקן און גענומען טאַפּן צי די קראָפּיווע ליגט
ווי דער קיניג האָט געבאָטן. אָבער ווען ער האָט זיך גענומען צוקוקן
מיט די אָפּגעסמאַלעטע אויגן און דערזען, אַז דער,

קיניג ליגט.
אַגעזאַלצענער,
אַגעפאַנגענער,
אַגע־
אָפּגעפליקטער, האָט ער פון זיך אַראָפּגעשמיצט די
געפעפערלעכע קראָפּיווע, זיך אָנגעטרונקען מיט מילך און איז געוואָרן
זייער געזונט. ער האָט געכאַפּט דעם קאַנטשיק און גענומען
שמייסן דעם קיניג. האָט דער קיניג פאַרלוירן אַסאַך וואָג און איז
געוואָרן דאַר און טרוקן אַזוי ווי אַ וואַש־ברעטל.

איצט וואַשט די מאַמע די העמדלעך אַפן קיניגס רוקנביין,
און ס׳קומט אַרויס אַסאַך בעסער ווי פונם ריב־אייזן.

שרײַ- און שטיל-לעבן (בילדער)

א י נ ה אַ ל ט:

151 „זעלבסט-פּאָרטרעט“.

153 „פּראָספּעריטי“.

155 נישט-פּראָספּעריטי.

157 מאַלקע-שמייסער.

159 מאַצעפּלאַנער אידן.

161 אין שטעטל אַפן מאַרק.

162 שטיי אוף.
(פּאַרקויפט צו דער סאָוועט-
רעגירונג)

163 צו קאַפּאָרעס.

164 נאַכעם פון יאַרמעלקעס.

165 ציצעס-קריזיס.

166 דער דאַיען מאַכט קאָשער
דעם שוויין.

167 דער רעבי האַקט אַריין די
„קולטור דירעקט.
די קאַץ אַפן בוידעם.

168 פונם אַמאָליקן שטעטל.

169 בעזים-רעכט.
דאָס טוירעלע איז דאָס
בעסטע טכוירעלע.

170 פון סאָוועטישן טעאַטער.

171 אַ בריף פון פעטער בונעם.

175 מאַזל-בראָכע דאָלער.

176 אַנטי-מילכאָמע.



זעלבסט-פּאָרטרעט
(בלײשטיפט)

„פראָספּעריטי" : (קיין וואַסער פעלט נישט). (אויל-מאַלעריי)

נישט-„פּראָספּעריטי". אָט דאָס פעלט יאָ. (אויל-מאָלעריי)



מאַלקע-שמייסער. אילוסטראַציע צו „שטערן מאַרס“. (זע זייט 86)

מאַצעפּלאַנער אידן.



פרומע אידן אין סאָוועטן־לאַנד זיצן אַפן אויוון און ווילן אַריינפּלאַנען דעם מאָצע־פּלאַן אינם פינף יאָר פּלאַן אַריין. (אַקוואַרעל)

איך געדענק דאָס באַ אונז אין שטעטל אַפן מאַרק.

אַן אַלט־שטעטלשער קוקלע־שפּיל,
אָדער פּאַטעפּל־שפּיל, אָדער טאָקן־שפּיל,
אָדער מענטשעלע־שפּיל, אָדער פּופּן־שפּיל,
אָדער מאַריאָנעטן־שפּיל, אָדער מאָדיקאָט־שפּיל.
(אויל־מאָלעריי)



ש ט י י א ו ף

צו קאַפּאָרעס

אַף ריווינגטאָן סטריט.

דער ציצעס און מעזיזעס- קריזעס .

יאַרמילקע־ציצע־טכינע„ביזנעס“ אַף ריווינגטאָן סטריט.

דער דאַיען מאַכט קאָשער דעם שווייך.

פונם אַמאָליקן שטעטל.

דער רעבי האַקט אַריין די „קולטור“ דירעקט.

ער גלויבט אַז די קאַץ איז אַפן בוידעם.

פונם אַמאָליקן שטעטל

דער קוימענקערער קערט, דער מאַצע־טרעגער טראָגט, און די באַלעבאַטים טראָגן נישט און קערן נישט.

בעזים-רעכט.

— נו, מאַכט זי, ווער איז גערעכט ?
— יאָ, מאַכט ער, דו, דו ביסט גערעכט.

דאָס טוירעלע איז דאָס בעסטע טכוירעלע.

סעקאָנד עוועניו קונסטיטוציע.

סיאמקע ראפאפארט
אַ מאָסקווער פּיאָנערל

אידישער טיפּ פון די „4 טעג" אין מאסקווער קאמער טעאטער

„ניקאלאיקע און ראַספּוטין כאַפּן א טענצל".
סצענע פון מאסקווער קליי־קונסט טעאטער

אויסצוגן פון
אַ בריף
פון מײַן
פעטער בינעם
פון יאַנושפּאָלי
באַרדיטשעווער אָקרוג.
אוקראַינע, 1933
סאָוועטן־פאַרבאַנד





מײַן פעטער בינעם איז מײַן מאַמעס אַ ברודער. ער איז אַ שוימער אין יאַנושפּאָליר ציגעלניע און כאָטש ער איז אַ פרומער איד פונדעסטוועגן, האַלט מען פון אים מאַכמעס ער איז אַן אָרנטלעכער מענטש.

דאָס בילד האָב איך געצייכנט פון מײַן פעטער אין יאַנושפּאָלי, ווען איך בין געווען אין סאָוו. פאַרבאַנד אינם יאָר 1931.

קאפּיע פון דעם פעטערס בריף

ב"ה יום א' פ' לך שנת תרצ"ד

לאחותי היקרה מרת זיסיל שתחי' עם כל ב"ב
באַקאנטע און אים באַקאַנטע

איך קען אייך שראַבן אַז באַ אינדז האָט זיך דאַנקין גאָטט פאַרבעסירט דיא פּאָלאָזשעניע

דער בריף מיט דעם קאַרטיל וועלין מיר איה"ש הענטפירען נאָך שבת האָב איך געזאָגט אַז מע זאָהל באַלד שראַבין אין דער וואהל נעמט זיא דעם ליניק אין שמירט אָרים מיט מאַסקע דיא ריבע אין די וועגט זאָג איך איהר מיט דער צאַיט וואָסטי שוין גיקענט האָן שראַבין ציא דיר דיא בריף זאָגט זיא מע דאַרף האָבער דאָס אויך מע שמירציך אוים פין דיא וועגט נאָה סע איז אָוואַדע גיט אַזוי אין מאַין זיגתי חנה זאָהללייבין אין גיזינד זיין זיא וויל ניט שמירין אין לאָזט יענים אויך ניט שמירין

אין דער פרי בין איך גיגאַנגין דאַווינען אין איך האָב גידאַ־ווינט מיט אַמינען אין בין גיקימען אַהיים אין איך האָב איבער געביסין מיליך מיט אַ קיחעל מיט פּיטער אין פין דעם האָט מיר גאָטט גיהאָלפין אין איך פיל זיך דאַנק גאָטט בעסיר.

בינעם פאָהן

נישטאָ אַמאָליקע הואָווער-צייטן.



הואָווער וויל: אַרבעטלאָזע וואָס האָבן געוואוינט אין אַ וואַסער-רער אין סענטראַל פּאַרק.
איצט האָט מען זיי פון דאָרט אויך אַרויסגעטריבן.

רוזוועלט-וויל: אַף האַוסטאָן סטריט.

ער איז געשלאָפן אין קאַסטן, נאָר אַ רייעך פון געקעכץ האָט אים אופגעוועקט. 1932—1933.



דער „מאַזל-בראָכע-דאָלער“ פאַר 1934, א. אַ. ז.



אונטערן קינדערס וויגעלע, שטייט ניט קיין ציגעלע מיט ראָזשינקעס, נאָר אַ באָק מיט קאַנאָנינקעס

אין קריגס טאַטן אַריין!

סימכע מיט זײַן אידענע

סימכע האָט געאַרבעט
באַ שלעסער פאַרשידענע,
איז געווען אַסאַך אַרבעט:
האָט אים געהאָלפן זיין אידענע.

האָט זיך אויסגעלאָזט די אַרבעט,
נישטאָ מער קיין שלעסער —
האָט ער באַקומען אַ פּלאַץ
צו קאַטשען פּעסער.

פּעסער און פּעסלעך
אַלע פאַרשידענע,
איז געווען אַסאַך פּעסער:
האָט אים געהאָלפן די אידענע.

האָט זיך אויסגעלאָזט די אַרבעט,
נישטאָ מער קיין פּעסער —
האָט ער אויסגעזוכט אַ שטעלע
און געוואָרן אַ פּרעסער.

האָט ער געפּרעסט און געביגלט
קליידער פאַרשידענע,
איז געווען אַסאַך אַרבעט:
האָט אים געביגלט די אידענע.

האָט זיך אויסגעלאָזט די אַרבעט,
נישטאָ וואָס צו פּרעסן —
איז ער געזעסן ליידיק,
נישט געהאַט וואָס צו עסן.

האָט ער געהונגערט און געקרעכצט
מיט זיפצן פאַרשידענע,
איז געווען אַסאַך קרעכצן:
האָט אים געהאָלפן די אידענע.

זענען געקומען די פרעסט
מיט די ווינטן פאַרשידענע —
האָט אים דער לענדלאָרד אַרויסגעזעצט
אין גאַס מיט דער אידענע.

האָט ער געצאָרנט מיט סינע
אַף די באָסעם פאַרשידענע,
און אָנפּאַטשן דעם לענדלאָרד —
האָט אים געהאָלפן די אידענע.

זענען אַרונטער די שכיינים
מיט די סטרייקערם פאַרשידענע:
און צוריק אַריינגעשטעלט
סימכען מיט דער אידענע.

פּאַרטיזאַנישע ליבע

היינט, ליבע מאַריאַן,
טרעפן מיר זיך
אַף אַ קאַנאָן.

נאָר אײדער וואָס ווער,
נעם די שער,
שער אָפּ דײנע צעפּ,
טו אָן דעם מאַנטל
מיט די סאָלדאַטסקע קנעפּ,
גיב אַ קוש,
און נעם אַרום,
כאַפּ אָן די ביקס,
און קום!

פאַרנעם דײן פּלאַץ
אין דער ערשטער רײ,
מיט דײנע בלויע אויגן
אין דער רויטער אַרמײ.

אַף דער קאַנאָנע
עמירזיך באַגעגענען,
אונטער דער קאַנאָנע
עמירזיך געזעגענען.

פון קויל צו קויל
וועט דונערן און שיסן,
ביקס צו ביקס
עמיר זיך צעקושן.

האַרץ צו האַרץ
און פײער צו פײער,
מיט פרײד אונזער ליבע
די סאָוועטן צושטײער.

און ווען דו געפינסט מיך
אין שלאַכט אַפן שנײ
אַ טויטן, פאַרדעקט
מיט אַביסעלע הײ,
זאָלסטו נישט מאַכן
קײן ווײבערש געשרײ,
און אַנאַנדערן נעמען
פון דער רויטער אַרמײ.

ווען איך וועל שוין זײן
טויט אַזוי ריכטיק,
וועל איך זיכער נישט זײן
אַף דיר אײפערזיכטיק.

פאַרגעס נישט היינט אָונט,
זײ גרײט, מאַריאַן!
מיר טרעפן זיך דאָרטן
אַפן שפּיץ פון קאַנאָן.

NECKST

עפשער האָט איר אַ ביסעלע צייט
און אייך ווילט זיך
אַ ביסעלע פאַרברענגען,
נעמט און הענגט עפּעס.
הענגט, הענגט,
שעמט זיך נישט.
אַ שטריק איז דאָ,
אַ בוים איז דאָ.
הענגט הענגט,
הענגט אַ נעגער-מענטש.
אַן אַלטן נעגער,
אַ יונגן נעגער
אַ זיידע-נעגער,
אַ באָבע-נעגער,
אַ „ביבי"-נעגער —

אַלע שוואַרצכיינעוודיקע
און געקרייזלט אַ כיעס,
אַ כיעס צו הענגען,
די נעגערס אַף טליעס.
הענגט, הענגט,
הענגט וואָס ניט איז.
אַ סאָדערן דזשענטלמען
דאַרף נישט זיין קיין איבערקלייבער,
אַבי אַ שוואַרצער קאָליר.
און אויב אַ ברוינער ווי ביר?
איז אויך נישקאָשע.
טויט נעגערלייט
און לעבט אַ טאָג.
נישקאָשע,
די אַרבעט וועט נישט זיין אומזיסט.

אין טאָג פון דין-וועכעשבן
וועט דער נעגער נישט מאַכן
קיין שום קונצן מיט אייך.
ער וועט זאָגן זייער פּאַשעט:

רעב דזשענטלמען,
דאָס העלדזל פּליז!
היק-מיק כיק,
טענק יו, נעקסט!

רעב ריכטער פון אַלאַבאַמאַ,
זאַי———טשע מויכל,
אַהער דאָס העלדזל
אַף איין מינוטקעלע!
היק-מיק-כיק!
טענק יו, נעקסט!

ס׳איז עמעס אַז איר זענט
זייער נישט איינגעוואוינט
צו זיין אַ טויטער מאַן —
אָבער נישט געפערלעך
פּאַגראַמשטשיקעס
זענען זייער נישט איינגעוואוינט
אַז מע זאָל זיי פערזענלעך אופהענגען,
אָבער די סאָוועטן־מאַכט
האָט זיי אויסגעלערנט הענגען,
און זיי הענגען גאַנץ גוט
ווי דערפאַרענע געהאַנגענע.

און מיט אייך,
דזשענטל־לינטשל־לייט,
וועט זיין די אייגענע מאַיסע —
מע וועט אייך איינמאָל אונטערהענגען
און נאָכאַמאָל
און ווידעראַמאָל
און אַזוי צו ביסלעך,
וועט איר זיך איינגעוואוינען הענגען
ווי די שיינע ענגלייכטער.
אַזוי ווי אין יעדן ספּאָרט
האָט איר זייער ליב
צו זיין איבערשטייגער,
אַזוי אויך אַף דער טליע
וועט איר ווייזן וואָס איר קענט,
און הענגען
בעסער פון אַ נעגער,
שענער פון אַ נעגער,
קולטורעלער פון אַ נעגער,
ווייל וואָס איז אַ נעגער?
משטיינס געזאָגט,
אויך מיר אַ הענגער!

ס'איז דאָ

אַ פאַבריק איז דאָ? — דאָ.
אַ קוימען איז דאָ? — דאָ.
אַ מאַשין איז דאָ? — דאָ.
מאַטעריאַל איז דאָ? — דאָ.

נו? — אַרבעט מען נישט.

ווייל אַ באַלעבאָס איז דאָ,
אַרבעט מען נישט,
עסט מען נישט.
איז טאַקע שלעכט,
אָבער נישט געפערלעך —
מיר האָבן אַ גוטן נאָמען דערפאַר:
קריזיס.

ברויט איז דאָ? — דאָ.
מילך איז דאָ? — דאָ.
צוקער איז דאָ? — דאָ.
פלייש איז דאָ? — דאָ.
נו? — עסט מען נישט.

ווייל אַ באַלעבאָס איז דאָ,
אַרבעט מען נישט.
עסט מען נישט.
איז טאַקע שלעכט,
אָבער נישט געפערלעך —
מיר האָבן אַ גוטן נאָמען דערפאַר:
איבער־פּראָדוקציע.

הייזער זענען דאָ? — דאָ. — דאָ.
אַ וואַנע איז דאָ? — דאָ. — דאָ.
אַ ראַדיאָ איז דאָ? — דאָ. — דאָ.
סטים־היץ איז דאָ? — דאָ. — דאָ.
נו? — וואוינט מען אינדרויסן.

ייל אַ באַלעבאָס איז דאָ,
אַרבעט מען נישט.
וואוינט מען נישט.
איז טאַקע שלעכט,
אָבער נישט געפערלעך —
מיר האָבן אַ גוטן נאָמען דערפאַר:
עוויקשאָן.

געלט איז דאָ? — דאָ.
נו? — האָבן מיר נישט אַ סענט.
ייל אַ באַלעבאָס איז דאָ,
אַרבעט מען נישט,

האָט מען נישט,
עסט מען נישט.
איז טאַקע שלעכט,
אָבער נישט געפערלעך —
מיר האָבן אַ גוטן נאָמען דערפאַר:
באַנקראָט.

טוען מיר אַזוי אַ זינג
און אַ פרעג
אַ פּאַשעטע פראַגע:
צו וואָס פאַר אַ כאַליערע
באַדאַרף מען אַ באַלעבאָס?

מוזיק, פּ. לאַסקאָווסקי



ס'אכע ברעב קריזיס

ער איז אַ באַלמעלאָכע
מיט זיינע אייגענע הענט,
נאָר איין כעסאָרן האָט ער,
וואָס ער האָט נישט קיין רענט.

ס'איז דאַווקע באַ אים פריילעך
קיינמאָל נישט נודנע,
נאָר ווען סע קומט צו פּאַרנאָסע,
איז זייער פּאַסקודנע.

קינדערלעך האָט ער
לעבעדיק שפּרינגענדיק,
איין כעסאָרן האָבן זיי,
זיי זענען טאָמיד הונגעריק.

אַ אידענע האָט ער אויכעט,
וואָס קען טאָן אַ קרעכץ,
שיינע לעפל האָט זי,
נאָר זי האָט נישט קיין געקעכץ.

פּאַריאָרן אין דער צייט,
אין דער יאָמקיפּער לאַגע,
האָט זיך געשטעלט באַ סימכעז
אַ אידישע פראַגע:

צי זאָל ער קויפן אַ שול-בילעט
פון די כעוורע אַנשיי אַש,
אָדער קויפן פאַר די קינדער
מילך אַ פלאַש.

אויב יאָמקיפּער נישט פאַסטן
און נישט בלאָזן דעם בלאָז?
ווערט גאָט אָן די פּאַרנאָסע
און ווערט אַרבעטלאָז.

איז פּאָטער אַן אייסעק
מיט כאַפּ און מיט לאַפּ,
וועט גאָט פערזענלעך
מוזן זוכן אַ „דזשאַב".

און וואָס וועט ער ווערן
אַ קלעזמער אַף אַ באַס?
און עפּשער פּאַרקויפן
כליעבנאַווי קוואַס.

און עפּשער וואָלט ער שרייבן
אַ טילעם-איינאַקטער,
און ווערן אין „פּאָרווערטס"
דער אונטער-רעדאַקטאָר.

(אָבער נישט געפערלעך)

אַ גאָט אין אַמעריקע
איז אַף ענגליש אַ לאָרד,
קען ער ווערן אין קוני איילענד
די ליידי מיט דער באָרד.

דער נאָגיד גייט אין שול אַריין,
ווייל ער האָט אַ פול טעפל,
קלאַפּט ער זיך כאָטאָסי
און קייעט אַ קרעפּל.

ער האָט אַף וואָס צו בעטן,
ער האָט אַף וואָס צו האָפן,
אַז גאָט זאָל אים העלפן,
ער זאָל קענען בלאָפן.

טוט טאַקע דער בלאָז־איד
מיטן שויפער אַ בלאָז
און כאַפּט אָן דעם אייבערשטן
גלייך בײַ דער באָרד.

האָט סימכע ב׳רעב קריזים
געטאָן אַ פּיף אין יאָמקיפּער,
און, גאָצעדאַנקען,
ס׳איז בעשאָלעם אַריבער.
ער האָט נישט געפאַסט און נישט געבלאָזן,
זיך נישט געדרייט קיין ספּאָדיק,
און פאַרפאַלן

ווי אין אַ גענזענעם זאָדיק.

שטייט ער אױפֿן בריקל
פֿאַרקוקט אַף אַ בוים,
פֿאַרוועבט אין אַ בלויען
גרינלעכן טרוים.

דאָס וואַסערל אונטן
קייקלט זיך און לאַכט,
ליפּע האָט מיט ציפּען
אַ ראַנדקע געמאַכט.

איז ער געשטאַנען און געוואַרט
און געוואַרט ביז באַנאַכט,
דער זייגער איז געוואָרן —
אַ סעקונדע נאָך אַכט.

האָט ער גענומען קוקן
אין דער זיסער נאַכט:
אָט גייט זי, אָט קומט זי,
האָט זיך אים אויסגעדאַכט.

אָבער ס'איז נישט געווען זי,
נאָר אַ ראַבע קאַטשקע.
ציפּע האָט אויך אַ לאַנגן האַלדז,
האָט ער אין דער פֿינצטער אַ טאָעס געמאַכט.

ליפּע האָט פֿיינט וואַרטן,
ווייל די צייט איז אַנטוויירע,
ער באַקומט אָבער פֿאַרט
נאָך איר די כאָליערע!

האָט ער גענומען טראַכטן,
אַז ער זאָל ווייטער וואַרטן.

האָט ער געוואַרט און געוואַכט
ביז דער זייגער האָט געהאַלטן
נאָכאַמאָל אַכט.

האָט ער באַלד געזען,
אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו האָפֿן,
האָט ער גענומען די פֿיס אַף די פּלייצעס
און
געוואַרט און געוואַכט
ביז דער זייגער האָט געהאַלטן —
ביטער נאָך אַכט.

האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן
אַז ס'איז צו־פֿיל צו וואַרטן.

האָט ער צו־ביסעלעך געוואַרט
און צו־קאָפּעלעך געטראַכט,
ביז דער זייגער האָט געהאַלטן —
אַ מאָנאַט נאָך אַכט.

האָט ער די קראַוואַטקע
אַביסל פֿאַרגלעטיקט,
און זיך אָנגעשטויסן,
אַז זי האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט.

איך ווייס, טראַכט ער:
אַ מיידל,
אַ דריידל,
אַהין,
און אַהער,
אַ שמינקל,
אַ פּודער,
געדויערט עס אַביסל מער.

האָט ער זיך פּערזענלעך
אין די הענט גענומען,
און באַשלאָסן צו וואַרטן
כאָטש ביז זי וועט קומען.

האָט ער טיפער געטראַכט
און לענגער געוואַרט,
ביז דער זייגער האָט געהאַלטן:
פופציק יאָר נאָך אַכט.

האָט ער שוין געוואָלט אַוועקגיין
און זאָל זי נישט מיינען,
אַז ער איז אַזאַ פערד!

אַז ער האָט גאָר אינגאַנצן
דאָס אייסעק אין דרערד!

סטרייקס
פּאָגראָמען
רעוואָלוציעס
דעמאָנסטראַציעס

זענען דורכגעפלויגן
און אַוועקגעפלויגן
הינטער זיינע פּלייצעס,
אונטער זיינע אויגן.

נאָר ער איז אַפן בריקל
זייער פאַרנומען,
ווייל טאָמער גייט ער אַוועק,
קען זי עפּשער קומען.

און אויב זי וועט קומען
וועט זיין זייער גוט,
האָט ער באַשלאָסן צו וואַרטן —
נאָך פינף מינוט.

ווי ער האָט זיך ווייטער
וואַרטן גענומען,
ער טוט אַ קוק — ווי, געוואַלד!
זי איז פאַרט געקומען!

האָט ער באַלד אויסגעגלייכט
זיין אַלטע קראַוואַטקע
אָבער נישט זי איז דאָס געווען,
נאָר איר איניקל, זלאַטקע.

האָט ער אַ שמייכל געטאָן
מיט זיינע פאַרשימלטע ציינער
און געזאָגט: אוי־וואַ! אוי־וואַ!
די באָבע מיט די ביינער!

נישקאַ

טרעפט־זשע ווער ער איז!
איר קענט נישט?
טאַ כאַפּט נישט,
ס׳ברענט נישט.

פרעגט זיך אַ פראַגע
וואָס אי׳דאָס פאַר אַ פיש?
וועל איך אייך דערקלערן
וואָס ער איז ניש.

ער איז נישקאַ סטאָליר,
ער איז נישקאַ פויער,
ער איז נישקאַ שניידער,
ער איז נישקאַ בויער.

ער איז „נישקאַ“
און פאַרטיק.

און כאָטש ער איז נישט
אָט די אַלע זאַכן,
פונדעסטוועגן קען ער
אייך אַלצדינג מאַכן.

ווען אַ פאַריער, לעמאָשל,
דאַרף מאַכן אַ פעלץ:
נעמט ער אַ פעלכל
און מאַכט עס.

ווען אָבער נישקאַ
דאַרף מאַכן אַ פעלץ:
נעמט ער אַ פעלכל
מיט אַ פאַריער
און מאַכט עס.

ווען אַ שרייבער וויל שרייבן
אַן אָריגינעלע ליד:
נעמט ער אַ פען
מיט אַ שטיקל פאַפיר
און מאַכט עס.

ווען נישקאַ וויל שרייבן
אַן אָריגינעלע ליד:
נעמט ער אַ שטיקל פאַפיר
מיט אַ שטיקל שרייבער
און מאַכט עס.

און וואָס מאַכט עס אויס
אַבי ער ווערט גרויס.

ער ערגערט זיך דערפון
אַפילע קיין האָר נישט,
ער מאַכט אייך אַלצדינג
און קענען קען ער
גאָרנישט.

אַליין גאָרנישט קענען
איז דאָך גאָרנישט שיין,
אָבער עסן, זאָגט מען,
קען ער אַליין.

פרעגט זיך אַ פראַגע
וואָס איז ער פאָרט?
וואָס איז ער נישט?
ער איז וואָס אין דער קאָרט:

אַ יאָגער, אַ זויפער,
אַ לאַקכן, אַ קויפער,
אַ כאַפער, אַ וויכער,
אַ נעמער, אַ קריכער,
אין דער רומענישער שול
איז ער אַ פאָליטישן אַ שטיקל.
ער פאַרקויפט זיי
ריבוינעשעליילעמס
צוויי פאַר אַ ניקל.

ס׳גייט „נישקאַ"׳ן נישקאָשע
עס לעבט זיך אים גלאַט,
ער איז גוואַלדיק צופרידן
וואָס די מאַמע האָט אים געהאַט.

באַט!

עסטעטן

ליגן אין די בעטן,
עסן זיסע זאַכן
און ווילן אַז מע זאָל זיי גלעטן.
זיי כאָלעמען און שטרעבן
פון נעמען און נישט-געבן
און מאַכן דערפון אַ פיינעם לעבן —
קאָלזמאַן דער אַרבעטורער לאָזט.

באַלעבעסלעך

וואוינען אין גרינע געסלעך,
שענקען אַוועק די שאָלעכץ
און עסן-אויף די ניסלעך,
כליעבען עסיק-פלייש פון פולן טאָפּ
און היטן זיך דעם פופיק
ווי אַן אין קאָפּ.
קאָלזמאַן דער אַרבעטורער לאָזט.

אונטענעמערלעך

נעמען זיך אונטער
צו פּעיקן זומער
און צו בלאָפןווינטער.
זיי דרייען מיט די צינגער
און מעלקן מיט די פינגער
די גאָלדענע קלינגער —
קאָלזמאַן דער אַרבעטורער לאָזט.

קאָלזמאַן

דער אַרבעטורער לאָזט,
זענען זיי אַלע ווי פליגן
אין אַ קאַסטן מיט האָניק,
וואָס שלעפּן און שעפּן
מיט אַ גרויסן פּאַלאָניק.
זיי וועלן קיינמאָל ניט אויפהערן,
דאַס בין איך איבערצייגט —
קאָלזמאַן דער אַרבעטורער שווייגט — **באָט!**

גלאָסאַר

אנגליציזמען, וואָס גייען אַריין אין בוך, פאַרטייטשט.

א.

אימפּרוואוומענט — באַקוועמקייטן, אויסבעסערונגען.
אינדזשאַנקשאַן — פאַרבאָט, פאַרווערונג דורכן געריכט, דעקרעט.
אייז־קרים — געפרוירנס.
אַקשן — ליציטאַציע.
אינוועסטמענט — דאָס אַריינלעגן געלט אין אַ געשעפט.
אָוועראָלס — אַרבעט־הויזן.
אָלסער — אַ געשוויר.
אַלבעטישע (פאַרגרייזט) — איך וועט אדך.
אָקעי — ריכטיק, קאָרעקט.

ב.

באַדערן — שטערן, באַלעסטיקן מיט איבעריקע רייד.
בלאָק — קוואַרטאַל.
באָטן — קנאָפּ, קנעפּל.
ביל — רעכענונג, חשבון.
ברעקפעסט — אָנבייסן, פרישטיק.
באַרגעין — אַ מציאה.
באָנדל — אַ פּעקל.
באָס — אָפּגעריכטנער־אָפּגעשליסענער, „באָסיאַק".
ביוטיפול — שיין, פיין.
בעסטעד (פאַרגרייזט) — מאַמזער.
בעיסמענט — קעלער־שטיבל.
בעיקאָן — געריכערט חזיר־פלייש.

ג.

גראָסערי — שפּייז־געוועלב, באַקאַליי.
גאַרבעדזש־קען — מיסט־קעסטל.

ד.

דאַים — זילבערנע מאַטבייע פון צען סענט.
דעפּאָזיט — אַדערויף, אַוואַנס.
דיש־וואַשער — געפעס־וואַשער.
דזשאַדזש — ריכטער.
דזשאַב־לאָט — אַ בינטל סחורה, אַ ראַמש.
דאַרלינג — טייערער, טייערע.
דיספּאָזעס — דאָס אַרויסזעצן איינעם פון זיין וואוינונג דורכן געריכט.
דזשעלי — אייגעמאַכטס, „וואַרעניע".
דזשעניטאָר — אויפפּאַסער, אויפזער פון אַ הויז.

אַ גרויסער טייל פון גלאָסאַר איז אָגעהאַקט, ווייל מער האָט זיך נישט געקענט אויסשטעלן.